STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05149

L.N. TOLSTOY IN LIKHT FUN MARKSIZM

Permanent preservation of this book was made possible
by Lila Rosenweig
in memory of
her beloved mother, Eleanore Ruben Corn

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אי. יוגנט קולט. צענטער
GALARZA
E. RIOS
CENTRO JUV. CULT. ISRAELITA
30

ל. נ. טאָלסטאָי

אין ליכט פון מארקסיזם

זאמלבוך

פארלאג „קולטור-ליגע" ווארשע
1928

PRINTED IN POLAND

געדרוקט אין 1000 עקזעמפּלאַרן

וואַרשע, 1929

TOŁSTOJ W ŚWIETLE MARKSYZMU

Spółdz. Wydawn. „Kultur-Liga", Warszawa, Leszno 40.

Drukarnia I. ZBAR, Warszawa, Przejazd 11. — Telefon 238-77.

א י נ ה אַ ל ט :

פאָררעדע — — — — — I—IV

ג. וו. פּלעכאַנאָוו

פון דאַנען ביז דאַנען — — 7

די לערע פון ל. נ. טאָלסטאָי (געשריבן אין 1901 — — 21

וו. איליאין

לעוו טאָלסטאָי און די מאָדערנע אַרבעטער-באַוועגונג (געשריבן אין 1910) 55

ל. טראָצקי

לעוו טאָלסטאָי (געשריבן אין 1908) — — — 63

ראָזע לוקסעמבורג

לעוו טאָלסטאָי — — — — — 85

דער עפּיגאָן פון אוטאָפּישן סאָציאַליזם (געשריבן אין 1908) — 95

ל. אַקסעלראָד (אָרטאָדאָקס)

די לעצטע קינסטלערישע ווערק פון ל. נ. טאָלסטאָי (געשריבן אין 1912) 111

וו. פריטשע

ל. נ. טאָלסטאָי — — — — — 155

ל. נ. טאָלסטאָי — — — — — 189

ל. מאַרטינאָוו

ל. טאָלסטאָי אַלס דענקמאָל פון דער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט 207

* * *

אין דעם זאַמלבוך גייען אַריין אַרטיקלען — פון די בעסטע פאָרשטייער פון רוסישן מאַרקסיזם. מיר געפינען דאָ אַן אַלזייטיקע אָפּשאַצונג סיי פון טאָלסטאָי דעם קינסטלער, סיי פון טאָלסטאָי דעם דענקער און מאָראַליסט.

מיר האָבן געוואָלט מיט דעם זאַמלבוך פאַרצייכענען אין דער יידישער ליטעראַטור דעם 100־יאָריקן יובילעאום פון טאָלסטאָיס געבורט, וואָס די גאַנצע וועלט פייערט איצט. אמת, נישט אַלץ וואָס טאָלסטאָי האָט געשריבן, איז דעם יידישן לעזער באַקאַנט, זייער פיל פון זיינע שריפטן פעלן אינגאַנצן אויף יידיש, — מען דאַרף אָבער רעכענען, אַז אין אַלגעמיין איז דער יידישער לייענער באַקאַנט מיט דעם „גרויסן שרייבער פון דער רוסישער ערד“. אין צוזאַמענהאַנג מיט די איצטיקע פייערונגען וועלן זיך, מסתמא, נאָך געפינען פאַרלאַגן, וואָס וועלן אַרויסגעבן נייע איבערזעצונגען פון ל. נ. טאָלסטאָי און איבערדרוקן די אַלטע *).

אָבער די אַרטיקלען פון די אָנגעזעענע מאַרקסיסטישע מחברים, וואָס מיר גיבן אין אונזער זאַמלבוך, זענען אַזוי אַלזייטיק און פאַרטיפט, אַזוי רייך מיט איבערזיכטן און ציטאַטן פון טאָלסטאָיס ווערק, — אַז אַפילו דער ווייניקער באַלעזענער

---

*) אין נומער 8 „ביכער־וועלט“ (טאָלסטאָי־נומער, נאָוועמבער 1928) — האָבן מיר געגעבן אַ פולע רשימה פון טאָלסטאָיס ווערק אויף יידיש.

אין טאָלסטאָיס ווערק וועט זיך אויך קאָנען מאַכן אַ קלאָרע פאָרשטעלונג און שאַפן אַ בילד פון דעם גרויסן רוסישן קינסטלער און דענקער.

טאָלסטאָי דער גאון איז געגליכן צו אַ גראַניט, וואָס אין יעדן קלענסטן פּיצעלע איז אַפילו מיט אַ נישט-באַוואָפנט אויג אייכט צו דערקענען זיינע באַשטאַנד-טיילן. ווער עס האָט איבערגעלייענט כאָטש איין ווערק טאָלסטאָיס, דער פאַרבלייבט אונטער זיין געוואַלטיקן רושם אויף יאָרן לאַנג.

ווען דער לעזער וועט זיין אייגענע באַקאַנטשאַפט מיט טאָלסטאָיען דורכלאָזן דורכן פייער פון קריטיק פון די מחברים, וואָס זייערע אַרטיקלען זענען דאָ געבראַכט, — וועט פאַר אים אויסוואַקסן אַ גאַנץ בילד פון דער רייכסטער פערזענלעכקייט אין פאָריקן דור פון דער רוסישער קולטור.

די מאַרקסיסטישע קריטיק פאַרקלענערט נישט אויף אַ האָר די גרויסקייט פון טאָלסטאָיען. זי קלערט נאָר אויף די מקורים, פונוואַנען עס האָבן זיך געצויגן די איינפלוסן אויפן קינסטלער; זי ווייזט אָן, וואָס איז אין זיין שאַפונג געווען אין איינקלאַנג מיט דער נייער תקופה און מיט דער באַוועגונג פון אַרבעטער-קלאַס, און וואָס איז געווען אין קעגנזאַץ צו זיי. זי דערקלערט די אַנטוויקלונג-ליניע, וואָס דער קינסטלער און דענקער האָט דורכגעמאַכט, וועלכע סתירות זענען געווען אין זיין סיסטעם פון איין זייט, און צווישן דעם קינסטלער און דענקער אין אים פון דער צווייטער זייט.

אָבער אויפדעקנדיק דאָס אַלץ, גייען זיך אַלע מאַרקסיסטישע קריטיקער צונויף אין דעם, וואָס זיי באַוווּנדערן די גרויסקייט און מעכטיקייט פון אָט דעם טיטאַן, וואָס האָט די מענטשישע הערצער און מוחות געוועקט אין משך פון פילע צענדליקער יאָרן. זיין מאָלערישער פּינזל האָט פאַרמאָגט אַזעלכע פעיקייטן און פאַרבן, וואָס זענען אַ זעלטענע מתנה ביי די גרעטער פון קונסט. די קראַפט פון זיין זעלבסט-באַאָבאַכטונג און זעלבסט-אַנאַליז האָט תמיד אַרויסגערופן די גרעסטע באַוווּנדערונג. די שאַרף פון זיין קריטיק און אָפּלייקענונג האָט

III

געטראָפן אין פּינטל דער גאָרער הײנטיקער אָרדנונג מיט איר צביעות און אומרעכט אויף אַלע געביטן פון מאַטעריעלער און גײסטיקער קולטור. זײן אײביקער אומרו און גאָט־זוכעניש, זײן לעכצן — אין טיפן װײטאָק און פאַרװוּנדונג — נאָך אַן אוני־װערסאַלן אידעאַל און גאָט — האָבן גערירט ביז גאָר אַפילו די, װאָס האָבן נישט געקאָנט מיט אים מסכּים זײן אין זײנע אויספירן און פאָרשריפטן.

נאָר װי גרױס דער קינסטלער און נביא זאָל נישט זײן— מוזן מיר אים קלאָר און ריכטיק פאַרשטײן און קענען, דאַרפן מיר צוגײן צו אים מיט אָפענע אויגן און אים שאַצן נישט נאָר פון אײביקײט־שטאַנדפּונקט, נאָר אויך אונטערן קוקװינקל פון אונזער דור און תּקופה, פון אונזער אידעאַל און שטרע־בונגען, פון אונזער אײגענער װעלט־באַנעמונג. און אָט דאָס טוט די מאַרקסיסטישע קריטיק.

מיר גיבן אָבער אַרױס אונזער זאַמלונג נאָך מיט אײן כּוונה.

אין דער יידישער ליטעראַטור־קריטיק הערשט אַ געװאַל־טיקע צעפלאָסנקײט און פּרינציפּלאָזיקײט. די אָפּשאַצונג פון װערק און שרײבער װערט געמאַכט פון כּלומרשטע אַבסאָלוטע שטאַנדפּונקטן, אין דער אמתן אָבער הערשן דאָ סתם־מײנונגען און מהיכא־תּיתא־צוגאַנגען, אָן אַ פאַרװאָס און אָן אַ פאַרװען, — „אַזוי װיל מײן לינקער פוס". גוט און שלעכט װערט אַ זאַך פון צופאַל און כּלומרשט־ראַפינירטן געשמאַק. די קװאַזי־קריטיק פון שטימונגען און האַלב־אינטעליגענטישע װוּלגעפעלונגען — צע־לײגט זיך מיט אַלץ מער ברײטקײט.

אין די קריטיש־מאַרקסיסטישע אָפּהאַנדלונגען פון אונזער טאָלסטאָי־זאַמלונג װעט דער לעזער געפינען אַ ברײט־פונאַנדער־געװיקלטן מעטאָד פון אַנאַליז און אָפּשאַצונג. נאַטירלעך, אַ מאַרקסיסטישער מעטאָד, אַן ענג־אָרטאָדאָקסישער אַ „פאַרטײאי־שער" — װי עס װעט זיך געװיס קרימען נישט אײנער פון אונזערע פײנשמעקער. אָבער די מאַרקסיסטישע פּובליציסטן, װאָס ליטעראַרישע קריטיק איז נישט זײער פאַך, — װי מיר

און ערנסט זיי באַהאַנדלען דאָך די ליטעראַטור-דערשיינונגען! וואָס פאַר אַ מערקווירדיק-דרייסטער אַנאַליז, וואָס דערגייט ביז צו די וואָרצלען פון יעדן ווערק! וואָס פאַר אַן אויפריכטי-קייט און אָן-פניותדיקייט, וויפיל טעמפעראַמענט און פעסטקייט אין די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען!

מיר זענען זיכער: אונזער טאָלסטאָי-זאַמלונג וועט איך דעם פרט פיל לערנען אונזערע שרייבער און לייענער, און וועט אין דער הינזיכט כאָטש עפּעס דערגרייכט ווערן, וועלן מיר פון אונזער אויפטו זיין אינגאַנצן באַפרידיקט.

רעדאַקציע פון פאַרלאַג

„קולטור - ליגע“

יוגנט קולט. צענטר
—: GALARZA :—
E. RIOS
CENTRO JUV. CULT. ISRAELITA

איד. יוגנט קולט. צענטער
—: GALARZA :—
E. RIOS
* CENTRO JUV. CULT. ISRAELITA *

ג. וו. פּלעכאַנאָוו

יוד. יוגנט קולט. צענטער
—: GALARZA :—
E. RIOS
* CENTRO JUV. CULT. ISRAELITA *

נאָטיצן פון אַ פּובליציסט.

„פון דאַנען ביז דאַנען"

אין נומ. 311 „קיעווסקאַיאַ מיסל" האָט דער ה' האָמונקולוס *) ערלעך דערקלערט, אַז גאַנץ רוסלאַנד האָט זיך צעטיילט אויף צוויי לאַגערן: „איינע האָבן סתּם ליב טאָלסטאָיען, די אַנדערע — פון דאַנען ביז דאַנען". ביים ה' האָמונקולוס איז דערביי אויסגעקומען, אַז מענטשן מיט אַ מער אָדער ווייניק פּראָגרעסיוון אופן דענקן האָבן „סתּם" ליב טאָלסטאָיען, דאַקעגן אָרדנונגס-היטער, רעאַקציאָנערן האָבן אים ליב „פון דאַנען ביז דאַנען". איך געהער נישט, נישט צו די אָרדנונגס-היטער און נישט צו די רעאַקציאָנערן. כ'האָף, אַז דער ה' האָמונקולוס וועט מיר דאָס גלויבן. און דאָך קאָן איך אויך נישט „סתּם ליב האָבן טאָלסטאָיען"; כ'האָב אים ליב בלויז „פון דאַנען ביז דאַנען". כ'האַלט אים פאַר אַ געניאַלן קינסטלער און זייער שוואַכן דענקער. נאָך מער, כ'האַלט, אַז נאָר ווען מען פאַרשטייט נישט אינגאַנצן טאָלסטאָיס אָנשויאונגען, קאָן מען אַזוי זאָגן, ווי ה' וואָלאָדין **) אין דערזעלבער „קיעווסקאַיאַ

---

*) פּסעוודאָנים פון ד. זאַסלאַווסקין — געוועזענער בונדיסט, אצינד — אַנגעזעענער קאָמוניסט, מיטאַרבעטער פון „פּראַוודאַ".

**) פּסעוודאָנים פון באָשקאָ. דעמאָלט סטוד. פון גייסטלעכע אַקאַדעמיע. היינט פּראָפעסאָר פון קיעווער אוניווערזיטעט.

מיסל" (№ 310): „מיט טאָלסטאָיען איז פריילעך צו לעבן, אָן אים — שרעקלעך". לויט מיר, איז פונקט פאַרקערט: „לעבן מיט טאָלסטאָיען" איז פונקט אַזוי „שרעקלעך" ווי „לעבן" צוםביישפיל מיט שאָפּענהויערן. און אויב אונזער איצטיקע אינטעליגענץ, אין איר „סתם" ליבע צו טאָלסטאָיען, באַמערקט דאָס נישט, איז עס אַ שלעכטער סימן. פריער, לאָמיר זאָגן, אין די צייטן פון פאַרשטאָרבענעם מיכאַילאָווסקין *), האָבן רוסישע פּראָגרעסיווע מענטשן טאַקע ליב געהאַט טאָלסטאָיען בלויז „פון דאַנען ביז דאַנען". און דאָס איז געווען אַסאַך בעסער.

כ'ווייס, אַז אין איצטיקע צייטן וועלן בלויז געציילטע דערמיט איינשטימען. פאַרפאַלן! וואָס קאָן מען טאָן? וואָס שייך אָבער מיר, וועל איך מיין מיינונג נישט ענדערן, ווען אַפילו די פאָרגעשריטנסטע „אינטעלעקטן" פון היינטיקן רוסלאַנד וועלן זיך אַרויסזאָגן קעגן מיר. זאָל מען אַפילו מיך דערקלערן פאַר אַן אַפּיקורס. נישט קיין אומגליק! האָט דאָך לעסינג גאַנץ ריכטיק באַמערקט: אפּיקורסות — האָט פאָרט אַ מעלה. אַן אַפּיקורס וויל לכל הפחות אויף אַלץ קוקן מיט אייגענע אויגן". פאַרשטייט זיך, נאָך ווייניק צו זיין אַן אַפּיקורס, אַז מ'זאָל אַלץ קלאָר זען. דערזעלבער לעסינג גיט טאַקע מיט רעכט צו: „וויכטיק איז נאָר, אַז די אויגן, מיט וועלכע דער אַפּיקורס וויל קוקן, זאָלן זיין גוטע". מיט אַן אַפּיקורס קאָן מען, און אַמאָל טאַקע דאַרף מען — דיספּוטירן. אויסהערן אים — דאָס פאַרשאַדט זיכער אויך קיינמאָל נישט.

אָט, צום ביישפּיל, לייג איך פאַר דעם ה' וואָלאָדין דורכטענהן זיך מיט מיר. ער זאָגט: „מיט טאָלסטאָיען איז פריילעך". און איך זאָג: „ניין, מיט טאָלסטאָיען איז שרעקלעך".

*) מיכאַילאָווסקי — קריטיקער, פּובליציסט. רעד. פון „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ". באַגרינדער פון דער „נאַראָדניקעס"-אידעאָלאָגיע, געפירט אַ פאַרביטערטן קאַמף קעגן מאַרקסיזם. פון זיין חדר זענען אַרויס אַסאַך אָנגעזעענע פ. ר. (סאָציאַל רעוואָלוציאָנערן).

וועד איז גערעכט? זאָל וועגן דעם אורטיילן דער לעזער, — איך וועל זיך באַמיען אויפקלערן אים מיין קוק.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, ווען איך זאָג „מיט טאָלסטאָיען איז שרעקלעך", מיין איך טאָלסטאָיען דעם דענקער און נישט טאָלסטאָיען דעם קינסטלער. מיט טאָלסטאָיען דעם קינסטלער קאָן אפשר אויך זיין שרעקלעך, אַלנפאַלס שוין נישט מיר און נישט מענטשן פון מיין אַרט דענקן. פאַרקערט, אונז איז מיט אים זייער „פריילעך".

זעט איר, מיט טאָלסטאָיען דעם דענקער איז אונז ווירקלעך שרעקלעך, בעסער געזאָגט, ס'וואָלט געווען שרעקלעך, ווען מיר וואָלטן געזאָגט „לעבן" מיט טאָלסטאָיען דעם דענקער. צום גליק, קאָן וועגן דעם קיין רייד נישט זיין: אונזער קוק איז פונקט דער היפוך פון טאָלסטאָיס.

טאָלסטאָי זאָגט וועגן זיך: „איך בין דאָך געקומען צום גלויבן, ווייל אויסער דעם גלויבן האָב איך גאָרנישט נישט געפינען, אָבער טאַקע גאָרנישט, אויסער אונטערגאַנג". *) אָט דאָ, זעט איר, איז פאַראַן אַ זייער וויכטיקער ארגומענט לטובת מיר. אַ מענטש, וואָס וואָלט זיך דורכגעדרינגען מיט טאָלסטאָיס שטימונגען, וואָלט ריזיקירט נישט צו געפינען פאַר זיך גאָר-נישט, אויסער אונטערגאַנג. און דאָס איז דאָך ווירקלעך שרעקלעך. אמת, טאָלסטאָי האָט זיך געראַטעוועט פון אונטערגאַנג אַ דאַנק זיין גלויבן. אָבער אין וואָס פאַראַ לאַגע וועט זיך געפינען דער, וואָס וועט זיך דורכדרינגען מיט טאָלסטאָיס שטימונגען און וועט זיך דאָך נישט באַפרידיקן מיט זיין גלויבן! אַזעלכן בלייבט בלויז איין אויסגאַנג: אונטערגאַנג, און דאָס איז, ווי אַלעמען איז באַקאַנט, נישט קיין „פריילעכע" זאַך.

ווי אַזוי איז טאָלסטאָי געקומען צו זיין גלויבן? לויט די ווערטער פון טאָלסטאָיען גופא, איז ער געקומען צום גלויבן דורך גאָטזוכעניש. און דאָס גאָטזוכעניש איז געווען — זאָגט

*) ל. נ. טאָלסטאָי — „ווידוי".

ער — „נישט קיין חקירה, נאָר געפיל, ווייל ס'איז געפלאָסן נישט פון מיין געדאַנקענגאַנג — ס'איז אַפילו געווען דער היפוך דערפון, — נאָר פונם האַרצן".*) טאָלסטאָי דריקט זיך אָבער אויס אַ ביסל נישט פינקטלעך. אין דער ווירקלעכקייט האָט זיין גאָטזוכעניש גאָרנישט אויסגעשלאָסן קיין חקירה. באַווייזן קאָנען דאָס פאָלגנדיקע שורות:

„כ'געדענק, ס'איז געווען פריער פרילינג. כ'בין אַליין אין וואַלד און הער זיך צו צו זיינע קלאַנגען. כ'האָב זיך צוגעהערט און געטראַכט אַלץ וועגן דעמזעלבן, וועגן דעמזעלבן, וועגן וואָס כ'האָב בכלל געטראַכט די לעצטע דריי יאָר. כ'האָב ווידער געזוכט גאָט".

„גוט, ס'איז נישטאָ קיין גאָט. — האָב איך זיך געזאָגט — ס'איז נישטאָ אַזאַ גאָט, וואָס זאָל נישט זיין מיין פאָרשטעלונג, נאָר אַ ווירקלעכקייט, אַזאַ ווי מיין גאַנץ לעבן איז,—נישטאָ אַזאַ. און קיין שום נסים קאָנען אים נישט באַשאַפן, ווייל אויך די נסים וועלן זיין מיין פאָרשטעלונג און דערצו אַ שוואַכע.

„אָבער מיין באַגריף וועגן גאָט, וועגן דעם, וועלכן איך זוך — האָב איך זיך געפרעגט — דער באַגריף פונוואַנען האָט זיך גענומען? און ביי דעם געדאַנק האָבן זיך אין מיר דערוועקט מונטערע לעבנס-כוואַליעס. אַלץ אַרום מיר האָט אויפגעלעבט, באַקומען אַ זין. די פרייד האָט אָבער נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. דער געדאַנק האָט ווייטער געאַרבעט. אַ באַגריף וועגן גאָט איז דאָך אָבער נאָך נישט גאָט — האָב איך זיך געזאָגט. — באַגריף איז דאָך אַזוינס, וואָס אַנטשטייט אין מיר; באַגריף וועגן גאָט איז אויך אַזוינס, וואָס איך קאָן דערוועקן אין זיך, קאָן אָבער נישט דערוועקן אויך. דאָס איז נישט דאָס, וואָס איך זוך. איך זוך דאָס, אָן וואָס ס'וואָלט קיין לעבן נישט געקאָנט זיין. און ווידער האָט אַלץ אַרום מיר און אין מיר אָנגעהויבן אָפּצושטאַרבן, און איך האָב ווידער געוואָלט זיך דאָס לעבן נעמען".*)

*) ל. נ. טאָלסטאָי — „חידוי".
*) ל. נ. טאָלסטוי — „ווידוי".

דאָס איז אַ גאַנצער דיספּוט מיט זיך אַליין. און אין אַ דיספּוט קאָן מען זיך אָן קיין חקירה נישט באַגיין. טאָלסטאָי איז זיך נישט באַגאַנגען אָן דער חקירה אַפילו דאַן, ווען די פיינלעכע מחלוקות מיט זיך אַליין האָבן זיך געענדיקט מיט מער פרייליכע אויספירן: „וואָס-זשע איז עס, דאָס אויפלעבן און אָפּשטאַרבן? איך לעב דאָך נישט, ווען איך פאַרליר דעם גלויבן אין גאָטס זיין, און איך וואָלט דאָך זיך שוין לאַנג דערהרגעט, ווען איך וואָלט נישט געהאַט די שוואַכע האָפנונג אים צו געפינען. איך לעב דאָך, יאָ איך לעב באמת נאָר דאַן, ווען כ׳פיל אים, ווען כ׳זוך אים. נאָך וואָס-זשע זוך איך? — האָט אין מיר עפּעס אויסגעשריגן. — אָט, איז ער! אָט איז ער, אָן וועמען מ׳קאָן נישט לעבן. דערקענען גאָט און לעבן — דאָס איז איינס און דאָסזעלבע. גאָט איז לעבן". *)

זיכער, נישט בלויז חקירה האָט געבראַכט טאָלסטאָיען צו זיין גלויבן. זיינע לאָגישע אַפּעראַציעס האָבן זיך אָן צווייפל באַוועגט אַרום אַ שטאַרק געפיל, וועלכעס ער אַליין כאַראַקטעריזירט מיט אַזעלכע ווערטער: „דאָס איז געווען אַ געפיל פון שרעק, פון פאַריתומטקייט, פאַראיינזאַמקייט צווישן אַלדאָס פרעמדס און אָן אַ האָפנונג אויף וועמענס נישט איז הילף".

נאָר אָט דאָס געפיל דערקלערט אונז, ווי אַרום טאָלסטאָי האָט עס געקאָנט נישט באַמערקן די שוואַכע זייטן פון זיינע חקירות. און אין דער אמתן. דערפון, וואָס איך לעב נור דאַן, ווען איך גלויב אין גאָטס עקזיסטענץ, דרינגט דאָך נאָך נישט אַרויס, אַז גאָט עקזיסטירט באמת; דערפון דרינגט בלויז דאָס, אַז איך קאָן נישט עקזיסטירן אָן גלויבן אין גאָט.

און דער אומשטאַנד לאָזט זיך דערקלערן מיט דערציונג, בעוווינהייטן א. אַ. וו. טאָלסטאָי זאָגט אַליין:

„און מאָדנע, דער לעבנס-כּוח, וואָס האָט זיך אומגעקערט צו מיר איז נישט געווען קיין נייער, נאָר אַן אַלטער — דאָס איז דערזעלבער כּוח, וואָס האָט מיך געצויגן אין די ערשטע

*) ל. נ. טאָלסטאָי „וידוי".

צייטן פון מיין לעבן. איך האָב זיך אומגעקערט אין אַלעמען צו דעם פריערדיקן, קינדישן, יוגנטלעכן. כ'האָב זיך אומגעקערט צום גלויבן אין דעם „ווילן", וואָס האָט מיך באַשאַפן און וויל עפּעס פון מיר; כ'האָב זיך אומגעקערט דערצו, אַז דער איינציקער און הויפּט-ציל פון מיין לעבן איז, צו זיין בעסער, דאָס הייסט, לעבן אין שלום מיט דעם „ווילן"; ...כ'האָב זיך אומגעקערט צום גלויבן אין גאָט, און אין אינערלעכער פּאַרפולקאָמונג... נור דער אונטערשיד איז געווען, וואָס דאַן איז אַלץ געווען אומבאַוווסטזיניק, איצט האָב איך געוווסט, אַז אָן דעם קאָן איך נישט לעבן". *)

אומזיסט באַטראַכט עס טאָלסטאָי פאַר מאָדנע, וואָס דער צוריקגעקומענער לעבנס-כּוח „איז געווען נישט קיין נייער, נאָר אַן אַלטער". — דער קינדישער גלויבן, גאָר פּשוט. גאַנץ אָפט קערן זיך מענטשן אום צו זייערע קינדישע גלויבונגען. דערצו איז נויטיק נאָר איין באַדינג — אַ שטאַרקע שפּור, וואָס די-דאָזיקע גלויבונגען האָבן אויסגעקריצט אין דער נשמה. און דעריבער מיינט טאָלסטאָי גאַנץ אומזיסט ווען זיך:

אורטיילנדיק לויט געוויסע דערינערונגען, האָב איך קיינמאָל ערנסט נישט געגלויבט. כ'האָב בלויז געהאַט צוטרוי דערצו, וואָס מ'האָט מיר געלערנט און דערצו, פון וואָס די דערוואַקסענע האָבן געהאַלטן. דערדאָזיקער גלויבן איז אָבער געווען אַ שוואַכער" *).

„ניין, דער זכרון האָט פאַרראַטן טאָלסטאָיען. לויט אַלץ זעט מען, אַז די קינדישע גלויבונגען זענען זייער טיף אַריין אין זיין נשמה; און אויב ער האָט זיך דאָך צוליב זיין פיל-באַרקייט געפונען אונטערן איינפלוס פון נישט-גלויביקע חברים, איז דער איינפלוס געבליבן זייער אַן אויבערפלעכלעכער. איבריקנס, אין אַן אַנדער אָרט פון זיין „ווידוי" זאָגט טאָלסטאָי אַליין, אַז די קריסטלעכע געבאָטן זענען אים שטענדיק נאָענט

*) ל. נ. טאָלסטאָי „ווידוי".

**) ל. נ. טאָלסטאָי „ווידוי".

געווען, דאָס איז ריכטיק לכל הפחות אין דעם באַגרענעצטן זין, אַז טאָלסטאָיען איז נאָענט געווען דער יסוד נישט דווקא פון דער קריסטלעכער, נאָר בכלל פון יעדער רעליגיעזע וועלט-אַנשויאונג: דער אַנימיסטישער קוק אויף דער שייכות צווישן „ענדלעכן” און „אומענדלעכן”. אַ זייער איבערצייגנדיקער ביישפּיל: מיר ווייסן שוין, אַז ביים אָנהויבן זוכן גאָט האָט טאָלסטאָי איבערגעלעבט שווערע ליידן, בפרט אין די מינוטן, ווען זיין שכל האָט אָפּגעוואָרפן איינעם נאָכן אַנדערן די באַווייזן וועגן גאָטס עקזיסטענץ. דאַמאָלסט האָט טאָלסטאָי געפילט, אַז זיין לעבן „שמעלט זיך אָפּ”, און דאַן האָט ער ווידער געגנומען זיך דערוויזן, אַז גאָט איז דאָ פאַראַן. און ווי אַזוי דערוויזן?

„ווידער און ווידער בין איך פון פאַרשידנסטע מאָטיוון געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז איך האָב דאָך נישט געקאָנט אָן אַ פאַרוואָס, אָן אַ פאַרוועןן, אָן אַ סיבה, אָן אַ זין קומען אויף דער וועלט; אַז כ׳קאָן דאָך נישט זיין אַ מין פייגעלע, וואָס איז אַרויסגעפאַלן פון נעסט, — אַזוי ווי איך האָב זיך עס געפילט. זאָל זיין, איך בין אַן אַרויסגעפאַלן פייגעלע, ליג אויף דער פּלייצע אינם הויכן גראָז און פּישטשע. אָבער איך פּישטשע דאָך דערפאַר, ווייל איך ווייס, אַז מיך האָט אויסגעטראָגן אַ מוטער, אויסגעזעסן, אויסגעוואַרעמט, געקאָרמעט און ליב געהאַט. ווו זשע איז זי, די מוטער? אויב מ׳האָט מיך פאַרוואָרפן, טאָ ווער זשע האָט עס פאַרוואָרפן? און איך קאָן דאָך נישט, נישט פילן אַז אין ליבע האָט מיך עמיצער געבוירן. ווער-זשע איז דער עמיצער? ווידער — גאָט?”

אַזוי חקרענען מענטשן רעליגיעזע און אינגאַנצן אומאָפּהענגיק דערפון, צי זיי גלויבן אין איין גאָט צי אין עטלעכע. דער עיקר-שטריך פון אַזאַ חקירה באַשטייט אין איר פולשטענדיקער לאָגישער נישט-אויסגעהאַלטנקייט: זי האַלט פאַר באַוויזן טאַקע דאָס, וואָס מ׳דאַרף באַווייזן — די עקזיסטענץ פון גאָט. איינמאָל אָנגענומען פאַר באַוויזן גאָטס זיין און פאַרגעשטעלט זיך אים לויטן אייגענעם „איך”, דערקלערט שוין זיך דערנאָך

דער מענטש אָן שוועריקייטן אַלע דערשיינונגען פון דער אַרו־מיקער נאַטור און געזעלשאַפטלעכן לעבן. נאָך ספינאָזע האָט גוט געזאָגט: „מענטשן האַלטן געוויינלעך, אַז אַלץ אין דער נאַטור און זיי אַליין זענען טעטיק צוליב עפעס אַ ציל. זיי זענען אַפילו זיכער, אַז אויך גאָט אַליין שענקט אַלץ צו אַ באַשטימטן ציל (ווייל זיי מיינען, אַז גאָט האָט אַלץ באַשאַפן פאַרן מענטשן און אַפילו דעם מענטשן האָט ער באַשאַפן כדי ער זאָל אים אָפּגעבן כבוד") *).

אָט דאָס איז עס טאַקע, וואָס מ'דאַרף זיך פאָרשטעלן ביי טאָלסטאָיען: טעלעאָלאָגיע — אַ שטאַנדפּונקט פון צילבאַ־שטימטקייט. ס'איז גאָר און גאָר איבעריק צו רעדן אַסך וועגן דעם, אַז די דערקלערונגען, צו וועלכע ס'דערגייען די מענטשן, וואָס שטייען אויפן טעלעאָלאָגישן שטאַנדפּונקט, דערקלערן פּאַק־טיש גאָרנישט און אַז זיי צעפליען זיך ווי קאָרטן־הייזלעך, ביים ערשטן צוריר פון ערנסטער קריטיק. מ'דאַרף אָבער באַמערקן אַז טאָלסטאָי האָט נישט געקאָנט און נישט געוואָלט דאָס פאַרשטיין. דאָס לעבן האָט זיך אים פאָרגעשטעלט פאַר מעגלעך נור דאַן, ווען ער האָט זיך געשטעלט אויפן טעלע־אָלאָגישן שטאַנדפּונקט: „ווי נאָר כ'האָב איינגעזען, אַז ס'איז דאָ אַ קראַפט, אין וועמענס רשות איך געפין זיך, האָב איך גלייך דערפילט אַ מעגלעכקייט צו לעבן". *) און פאַרשטענדלעך פאַרוואָס: דער זין פון לעבן איז אין דעם פאַל באַשטימט געוואָרן דורכן ווילן פון דעם „כוח", אין וועמענס רשות טאָלסטאָי האָט זיך אָפּגעגעבן, ס'איז געבליבן בלויז צו פאָלגן און נישט צו חקרענען. טאָלסטאָי זאָגט טאַקע:

„דאָס לעבן פון דער וועלט גייט־צו לויט „אימיצנס" ווילן. „אימיצער" רעגירט מיטן לעבן פון דער גאַנצער וועלט און אויך מיט אונזערע לעבנס. כדי צו האָבן אַ האָפנונג צו פאַרשטייען דעם זין פון דעם „ווילן", דאַרף מען קודם־כל

*) ספינאָזא — עטיק.

*) טאָלסטאָי — „ווידוי".

זיין געהאָרכזאַם, טאָן דאָס, וואָס מ'פאַרלאַנגט פון דיר. אויב אָבער כ'וועל נישט טאָן, וואָס מ'פאַרלאַנגט פון מיר, — וועל איך קיינמאָל נישט פאַרשטייען, וואָס מ'וויל פון מיר און נאָך ווייניקער, וואָס מ'וויל פון אונז אַלעמען און פון דער גאַנצער וועלט" *).

II

וואָס-זשע וויל פון אונז און פון דער גאַנצער וועלט דעם „אימיצנס ווילן?" טאָלסטאָי ענטפערט: „דער ווילן פון דעם, וואָס האָט אונז באַשאַפן, איז — אַ ראַציאָנעל און גוט לעבן פון דער גאַרער וועלט. בכן, דער ציל פון לעבן איז טראָגן אמת אין דער וועלט אַריין". אַנדערש געזאָגט „אימיצנס ווילן" פאַרלאַנגט פון אונז דינען צום אמת און גוטס. אָדער נאָך אַנדערש: „אימיצנס ווילן" איז פאַר אונז דער איינציקער קוואַל פון אמת און גוטס. טאָלסטאָי מיינט, אַז ווען ס'וואָלט נישט געווען אָט דעם „אימיצנס ווילן", וואָס שטויסט די מענטשן צו אמת און גוטס, וואָלטן די מענטשן פאַרזונקען געוואָרן אין שלעכטס און אין בלאָנדזשעניש. דאָס איז דאָס, וואָס ווערט ביי פייערבאַכן אָנגערופן „די אויסלייזונג פון דעם מענטשנס נשמה". אַלץ וואָס איז דאָ אין איר גוטס, ווערט ביי איר צוגענומען און פאַרשריבן אויפן חשבון פון „אימיצנס ווילן", וואָס האָט באַשאַפן דעם מענטש און די איבעריקע וועלט. טאָלסטאָי ליידיקט-אויס אינגאַנצן די מענטשלעכע נשמה, ווען ער זאָגט: „דאָס גוטס, וואָס איז דאָ אין מענטשן, איז בלויז דאָס וואָס אין אים איז פון גאָט". פרעג איך, אַלזאָ, די ה"ה האָמונקולוס, וואָלאָדין און אַלע איבעריקע,

*) טאָלסטאָי — „וידוי".

וואָס זענען איינשטימיק מיט זיי: איז נישט „שרעקלעך צו לעבן" מיט אַ מענטשן, וואָס ליידיקט-אויס אַזוי די מענטשלעכע נשמה? איך וועל האַלטן אין איין טענהן, אַז ס'איז זייער שרעקלעך, — ביז מ'וועט מיר נישט אויפווייזן, אַז כ'האָב אַ טעות.

איבעריקנס, כ'האָב זיך נישט ריכטיק אויסגעדריקט, אַז טאָלסטאָי טוט אויסליידיקן די מענטשלעכע נשמה. כדי זיך אויסצודריקן פּינקטלעכער, דאַרף מען זאָגן אַזוי: טאָלסטאָי האָט געהאַלטן, אַז דעם מענטשנס נשמה איז פּוסט און זיך באַמיט אָנצופילן זי מיט אַ גוטן אינהאַלט. נישט געפינענדיק קיין קוואַל אין איר גופא, אַפּעלירט ער צו „אימיצנס ווילן". ווי אַזוי-זשע איז אַנטשטאַנען ביי אים דערדאָזיקער שטענדיקער געדאַנק זיינער וועגן דער פּוסטקייט פון דער מענטשלעכער נשמה? מיר וועלן ווידער זוכן אַן ענטפער דערויף אין זיין „ווידוי".

דערציילנדיק, ווי ער איז געבליבן אָן אַ זייט פון די אידעען-באַוועגונגען אין די 60-ער יאָרן, און ווי ער האָט זיך קאָנצענטרירט „אויף דער פאַמיליע, ווייב און קינדער, און צוליב דעם אויך אויף די זאָרגן צו פאַרבעסערן זיינע מאַטע-ריעלע מיטלען", באַמערקט טאָלסטאָי, אַז אים האָבן אָנגעהויבן צו באַפאַלן שווערע מינוטן פון אומעט און פאַרלוירנקייט. „פאַרנומען מיט מיינע געדאַנקען וועגן באַלעבאַטישקייט, וואָס האָט מיר שטאַרק דאַמאָלסט אינטערעסירט, איז מיר פּלוצלינג געקומען אין קאָפּ אַריין דער געדאַנק: נו, גוט, וועסט האָבן 6000 דעסיאַטין ערד אין סאַמאַרער גובערניע, 300 פערד... נו, און ווייטער?... און כ'האָב זיך אינגאַנצן פאַרלוירן און נישט געוווּסט, וואָס ווייטער צו טראַכטן. אָדער קלערנדיק וועגן דעם, ווי אַזוי איך דערצי מיינע קינדער, האָב איך זיך גע-פרעגט: נאָך וואָס? אָדער, טראַכטנדיק וועגן דעם, ווי אַרום קאָן דאָס פאָלק דערגרייכן צום וווילשטאַנד, האָב איך זיך מיטאַמאָל אַ זאָג געטאָן: וואָס איז מיין עסק? אָדער טראַכטנדיק וועגן דעם שם, וואָס מיינע ביכער וועלן מיר ברענגען, האָב

איך צו זיך גערעדט: נו, גוט, דו וועסט זיין באַרימטער פאַר גאָגאָלן, פּושקינען, שעקספּירן, מאָליערן און אַלע שרייבער פון דער וועלט, — נו טאָ איז וואָס? און איך האָב גאָרנישט נישט געקאָנט ענטפערן".

וואָס־זשע זעען מיר? נישט די זאָרג וועגן פּערזענלעכן גליק, נישט די זאָרג וועגן דעם ווילשטאַנד פון פאָלק, האָבן אים נישט פּאַראינטערעסירט („וואָס איז מיין עסק"). — באַקומט זיך טאַקע אַ גייסטיקע פּוסטקייט, וועלכע מאַכט אוממעגלעך דאָס לעבן. אָבער מ'דאַרף אומבאַדינגט דאָס לעבן מיט עפּעס אויספילן. מיט וואָס זשע? מיט דעם: אָדער זאָרגן וועגן פּער־זענלעכן ווילשטאַנד, אָדער וועגן דעם ווילשטאַנד פון פאָלק, אָדער אפשר וועגן ביידע זאַכן צוזאַמען. מיר האָבן אָבער געזען, אַז די זאָרג וועגן פּערזענלעכן גליק האָט טאָלסטאָיען נישט באַפרידיקט, און ווידער, די זאָרג וועגן פאָלקס ווילשטאַנד האָט אים נישט באַגייסטערט; נמצא, אַז אויך פונם צוזאַמענ־פּאָרן אָט די ביידע זאָרגן האָט נישט געקאָנט אַרויסקומען מער ווי אַ נול, און דאָס באַדייט, אַז נישט אין פּערזענלעכן און נישט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן איז נישט געווען אַזוינס, וואָס זאָל קאָנען פאַרפילן די גייסטיקע פּוסטקייט, וואָס האָט גע־מאַטערט אונזער גרויסן קינסטלער. איז טאַקע נישט געבליבן קיין אַנדערע ברירה, ווי ווענדן די אויגן צום הימל, ד. ה. זוכן אין „אימיצנס פרעמדן ווילן" דעם נויטיקן ענטפער אויף דער פראַגע: „צוליב וואָס לעב איך"?

דער טעלעאָלאָגישער שטאַנדפּונקט איז געווען אומפאַר־מיידלעך אָט אין דער לאַגע טאָלסטאָיס. נישט ער אַליין האָט אויסגעליידיקט זיין נשמה; דאָס האָט איר אויסגעליידיקט די אַרומיקע סביבה זיינע. און ווען ער האָט דערפילט איר פּוסטקייט און געוואָלט זי פאַר־פילן מיט אַוועלכן ס'איז אינהאַלט, האָט ער צוליב דער אַנ־געוויזענער סיבה נישט געקאָנט געפינען קיין אַנדערן אינהאַלט, ווי נאָר אַזאַ, וואָס איז געגאַנגען פון אויבן, געווען דיקטירט דורך „אימיצנס ווילן". אָט דאָס איז גאָר.

נו, איז פריילעך צו לעבן מיט אַ מענטשן, וואָס געפינט נישט, קיין אינטערעס און באַפרידיקונג נישט אין פערזענלעכן, נישט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן? נישט נאָר ס'איז נישט „פריילעך", ס'איז פשוט „שרעקלעך". אים אַליין איז דאָך אויך געווען שרעקלעך און נישט פריילעך. זעט איר, פריילעך איז געווען מיט די מענטשן פון טאָלסטאָיס תקופה, וואָס האָבן געהאַלטן, ווי אין נעקראַסאָווס ליד:

דער שיקזאַל פון פאָלק,
זיין גליק,
ליכט און פרייהייט —
פריער פאַר אַלץ.

אָבער טאָלסטאָי איז געווען גאָר אַנדערש געשטימט. דער געדאַנק וועגן גליק פון פאָלק האָט איבער אים נישט געהאַט קיין שליטה, ער האָט אים פאַרטריבן מיט דער גלייכגילטיקער פראַגע: „וואָס איז מיין עסק דערביי?" אָט פאַרוואָס ער איז פאַרבליבן אין אַ זייט פון אונזער פרייהייט-באַוועגונג, און אָט פאַרוואָס מענטשן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער באַוועגונג, פאַרשטייען נישט אָדער זיך אַליין, אָדער טאָלסטאָיען, ווען זיי רופן אים אָן „לערער פון לעבן". טאָלסטאָיס אומגליק באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט נישט געקאָנט לערנען לעבן נישט זיך אַליין, נישט אַנדערע.

טאָלסטאָי איז געווען און ביז צום סוף לעבן פאַרבליבן — דער גרויסער פריץ. פריער האָט דערהאָזיקער גרויסער פריץ גאַנץ רויק גענאָסן פון די לעבנס-פאַרגעניגנס, וואָס זיין פריווילעגירטע לאַגע האָט אים געגעבן. שפּעטער, — און אין דעם טאַקע האָט זיך אויסגעדרוקט די ווירקונג אויף אים פון די מענטשן, וואָס האָבן יאָ געקלערט וועגן פאָלקס שיקזאַל און גליק, — איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די עקספּלאָאַטאַציע פון פאָלק, וואָס דינט אַלס קוואַל פון פאַרגעניגנס, איז נישט יושרדיק. האָט ער איינגעפונען, אַז דעם „אימיצנס ווילן", וואָס האָט אים געשענקט דאָס לעבן, פאַרווערט אים צו עקספּלאָאַטירן דאָס פאָלק. אָבער אים איז אַפילו אויפן גע-

דאַנק נישט געקומען, אַז ס׳איז נאָך ווייניק זיך אַליין אָפּצוּ-
האַלטן פוּן עקספּלאָאַטירן דאָס פאָלק, מ׳דאַרף מיטווירקן צוּ
שאַפן אַזעלכע געזעלשאַפטלעכע באַציוּנגען, ביי וועלכע ס׳זאָל
אויפהערן די צעטיילוּנג פוּן דער געזעלשאַפט אויף קלאַסן און
די עקספּלאָאַטאַציע פוּן איין קלאַס דורכן צווייטן. זיין לערע
וועגן עטיק איז פאַרבליבן אַ ריין נעגאַטיווע. „זיי נישט בייז.
זינדיק נישט. שווער זיך נישט. האַלט נישט מלחמה. אָט אין
וואָס ס׳איז ביי מיר דער עיקר פוּן קריסטוּסעס לערע״. די
דאָזיקע נעגאַטיווע עטיק איז אין איר אייגזייטיקייט אָן אַן
ערך נידעריקער פאַר יענער פּאָזיטיווער לערע פוּן די מענטשן,
וואָס האָבן געהאַלטן, אַז „פריער פאַר אַלץ איז דאָס גליק פוּן
פאָלק, זיין שיקזאַל.״ און אויב איינצעלנע פוּן די מענטשן וועלן
אַפילוּ אַצינד זעען אין טאָלסטאָיען זייער לערער, זייער געוויסן,
וועלן מיר מוזן קומען נאָר צוּ איין אויספיר: די שווערע
לעבנס-באַדינגוּנגען האָבן צעטרייסלט אין זיי דעם גלויבן אין
זיך אַליין און אין דער אייגענער לערע. פאַרשטייט זיך,
אַ גרויסער שאָד, וואָס ס׳איז אַזוי געשען. נאָר לאָמיר האָפן,
אַז ס׳וועט איינגיכן ווערן אַנדערש. אַפילוּ אין דעם עצם באַ-
גייסטערן זיך מיט טאָלסטאָיען קאָן מען שוין זען אַן אָנדייטוּנג
דערויף. איך מיין, אַז וואָס שטאַרקער ס׳וועט ווערן די דאָזיקע
באַגייסטערוּנג, אַלץ נענטער איז די מינוּט, ווען די מענטשן,
וואָס באַגנוּגענען זיך נישט מיט קיין נעגאַטיווער עטיק, וועלן
דערזען אַז זייער עטיק-לערער קאָן טאָלסטאָי נישט זיין.
ס׳קלינגט, ווי אַ פּאַראַדאָקס, אָבער ס׳איז פּונקט אַזוי.

מ׳וועט מיר זאָגן: אין דאָך האָט טאָלסטאָיס טויט אויפ-
גערוּדערט די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט. וועל איך ענטפערן:
יאָ. אָבער גיט למשל אַ קוק אויף מערב-אייראָפּע און איר וועט
אַליין זען, ווער ס׳האָט „סתם״ ליב טאָלסטאָיען און ווער
בלויז „פוּן דאַנען ביז דאַנען״. „סתם״ האָבן אים ליב (מיט אַ
גרעסערער אָדער אַ קלענערער מאָס אויפריכטיקייט און אינטענ-
סיווקייט) די אידעאָלאָגן פוּן די העכערע קלאַסן. ד. ה. די, וואָס
זענען אַליין גרייט צוּ באַפרידיקן זיך מיט אַ נעגאַטיווער עטיק

און וועלכע שטערבן, נישט האָבנדיק קיין ברייטערע געזעל־שאַפטלעכע אינטערעסן, אָנצופילן זייערע פוסטע נשמות מיט פאַרשידענע רעליגיעזע זוכענישן. און פון „דאַנען ביז דאַנען" האָבן ליב טאָלסטאָיען די באַוווסטזיניקע פאַרשטייער פון דעם אַרבעטנדיקן פאָלק, וואָס באַפרידיקן זיך נישט מיט קיין נעגאַטיווע אמתן און וועלכע דאַרפן נישט מיט אַזויפיל מאַטערניש זוכן דעם זין פון לעבן. זיי דאַרפן נישט, ווייל זיי האָבן אים שוין לאַנג מיט באַגייסטערונג געפונען אין דער באַוועגונג צום גרויסן געזעלשאַפטלעכן ציל.

איז, פון „וואַנען-זשע און ביז וואַנען" האָבן ליב טאָל־סטאָיען די מענטשען פון דעם צווייטן מין?

דערויף איז לייכט צו ענטפערן. די מענטשן פון אָט דעם צווייטן מין שעצן אין טאָלסטאָיען דעם שרייבער, וועלכער האָט טיף דערפילט די נישט-באַפרידעוודיקייט פון דער איצטיקער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג, כאָטש ער האָט נישט פאַרשטאַנען דעם זין פון קאַמף פאַר איבערבויען דידאָזיקע אָרדנונג און איז געבליבן גלייכגילטיק צום דאָזיקן קאַמף. דער עיקר — זיי שעצן אין אים דעם שרייבער, וואָס האָט אויסגענוצט זיין ריזיקן קינסטלערישן טאַלאַנט, כדי בולט, כאָטש בלויז עפּיזאָדיש, צו שילדערן אָט די נישט-באַפרידעוודיקייט.

אָט פון „וואַנען ביז וואַנען" ס'האָבן ליב טאָלסטאָיען די באמת פאָרגעשריטענע מענטשן פון אונזער צייט.

די לערע פון ל. נ. טאָלסטאָי

I

וואָס מער מ׳רעדט וועגן טאָלסטאָיען, פאַרנעפּלט מען אַלץ מער, כאָטש נישט-ווילנדיק, דעם אמתן זין פון זיין דאָקטרינע. מ׳קען, אָן אַ גוזמא, זאָגן, אַז וועגן טאָלסטאָיען איז אָנגערעדט אַ סך מער נאַרישקייטן, ווי וועגן וועלכן ס׳איז אַנדערן שרייבער. עס וועט, בכן, נישט איבריק זיין ריכטיק צו דערמאָנען, אין וואָס אייגנטלעך, באַשטייט טאָלסטאָיס לערע.

ער האָט געהאַלטן, אַז זיין לערע — דאָס איז די ריכטיק-פאַרשטאַנענע לערע פון קריסטוסן, וועלכע דריקט זיך אויס אין די ווערטער: שטעלט נישט קיין ווידערשטאַנד, קעגן שלעכטס. אין זיין בוך „וואָס איז מיין גלויבן״? זאָגט ער: „דידאָזיקע ווערטער: *שטעלט זיך נישט אַנטקעגן דעם שלעכטס אָדער דעם שלעכטן*, פאַרשטאַנענע אין זייער פּשוטן זין — זענען, באמת, געווען פאַר מיר אַ שליסל, וואָס האָט פאַר מיר אַלץ געעפנט. און איך האָב מיך אָנגעהויבן וווּנדערן, ווי אַזוי האָב איך געקענט פאַרשטיין קאַפּויר קלאָרע, באַשטימטע ווערטער. ס׳איז צו אייך געזאָגט געוואָרן: אַ צאָן פאַר אַ צאָן, און איך זאָג, שטעל נישט קיין ווידערשטאַנד דעם שלעכטס אָדער דעם שלעכטן, און וואָס די שלעכטע זאָלן מיט דיר נישט מאַכן, לייד, טראָג אַריבער, אָבער שטעל זיך נישט אַנטקעגן דעם שלעכטס אָדער דעם שלעכטן. וואָס קען נאָך זיין קלאָרער, פאַרשטענדלעכער און אומצווייפלהאַפטער פון דעמדאָזיקן? און באַלד ווי נאָר איך האָב פאַרשטאַנען אָט די ווערטער פּשוט און גלייך, אַזוי ווי זיי זענען טאַקע אַרויסגעזאָגט געוואָרן, איז מיר תיכף אַלץ וואָס אין קריסטוסעס

לערע, נישט בלויז וואָס אין דער באַרג-דרשה, נאָר וואָס אין אַלע עוואַנגעליעס, אַלץ וואָס האָט זיך געדאַכט פאַרפלאָנטערט —, איז געוואָרן פאַרשטענדלעך; דאָס וואָס איז געווען סתירהדיק, האָט אָנגעהויבן שטימען; און דער עיקר, דאָס, וואָס האָט זיך אויסגעדוכט אַלס איבריק, איז געוואָרן נויטווענדיק. עס האָט זיך אַלץ צוזאַמענגעגאָסן אין איין גאַנצקייט און איינס דאָס אַנדערע האָט פאַרפעסטיקט, ווי שטיקלעך פון אַ צעבראָכענער סטאַטוע, ווען מ'שטעלט זיי צונויף אַזוי ווי זיי דאַרפן אין דער אמתן זיין".

מ'האָט טאָלסטאָיען געוואָלט אַריינברענגען אין אַ פּאָר לעגנהייט פרעגנדיק אים: „און וואָס וואָלסטו געטאָן, ווען עס וואָלטן געקומען די זולוסן*) און געוואָלט אָפּבראָטן דיינע קינדער?" אָבער דאָס האָט טאָלסטאָיען אין קיין שום פאַרלעגנ-הייט נישט אַריינגעבראַכט.

„אַלע מענטשן זענען ברידער, — פלעגט ער ענטפערן, — אַלע זענען די זעלביקע. און ווען עס וואָלטן געקומען די זולוסן, אָפּצופרעגלען מיינע קינדער, איז די איינציקע זאַך וואָס איך קאָן אויפטאָן, באַמיען זיך געבן צו פאַרשטיין דעם זולוס, אַז דאָס איז פאַר אים נישט נוצלעך און נישט באַ-קוועם, — איבערצייגן אים, זיך אונטערגעבנדיק זיין כוח. באַ-זונדערס, ווען ס'האָט פאַר מיר קיין זין נישט צו קעמפן מיטן זולוס. אָדער ער וועט מיך גובר זיין, וועט ער נאָך מער פרעגלען די קינדער מיינע, אָדער איך וועל אים גובר זיין און מיינע קינדער וועלן מאָרגן קראַנק ווערן און וועלן נאָך אין ערגערע יסורים שטאַרבן פון אַ קרענק".

דאָ איז זייער פיל אומקלאָר און פשוט נישט פאַר-שטענדלעך, לכל הפחות, דאַכט זיך אַזוי אויס ביים ערשטן בליק. אַמייסטן מאַכט שטוינען דאָס באַגרינדן דערמיט, וואָס אויב איך וועל אַרויסרייסן מיינע קינדער פון די הענט פונם בלוטדורשטיקן „זולוס", וועלן זיי מאָרגן שטאַרבן פון אַ קרענק.

*) זולוסן אַ ווילדער אַפריקאַנישער שבט.

נישט ווילנדיק שטעלט זיך די פראַגע: וועט עס דען מיט זיי געשעען צוליב זייער פאָטערס זינד? אָבער מיר וועלן באַלד דערזעען. אַז ס'איז גאָרנישט אַזוי משונהדיק, ווי עס שטעלט זיך, לכתחלה, פאַר. ווייטער בלייבט אויך אומקלאָר, ווי אַזוי דאַרף מען פאַרשטיין טאָלסטאָיס ווערטער, אַז דער „זולוס" וועט נאָך מער פרעגלען מיינע קינדער, אויב איך וועל פרווון אים אַנטקעגנשטעלן זיך: צי הייסט דאָס, אַז אָנשטאָט צוויי קינדער, למשל, וועט ער אויספרעגלען פיר, אָדער, אַז די זעלבע צאָל קינדער וועלן לענגער געהאַלטן ווערן אויפן פייער, צי גאָר עפעס אַנדערש? און, וואָס אַן אמת, אין דעם באַ־טרעפנדן פאַל איז שווער מסכים צו זיין דערמיט, אַז „אַלע מענטשן זענען דיזעלביקע". דאָס איז ווי פאַר וועמען! פאַר דעם, וועמען מ'האַלט ביים אַרויפזעצן אויפן בראָטשפּיז, איז דער מענטשנפרעסער גאָר נישט דערזעלביקער, ווי דער מענטש, וואָס האַלט זיך אָפּ פון באַנוצן מענטשנפלייש אַלס שפּייז. אָבער איך וויל נישט פירן קיין ויכוח מיט טאָלסטאָיען. און עס „לוינט" מיר נישט מיט אים זיך מתוכח צו זיין: ביי אים זענען פאַראַן אַזויפיל סתירות, אַז מ'קען זיי סיי ווי סיי אַלע נישט אויפכאַפּן. מ'דאַרף גלייכער פעסטשטעלן, פאַר וואָס איז זיין לערע אַזוי רייך מיט סתירות. דערצו מוז מען פאַר־שטיין זיין אינערלעכע נאַטור.

לאָמיר זיך אומקערן צום „נישט אַנטקעגנשטעלן זיך דעם שלעכטס". דער נאַר־וואָס באַהאַנדלטער ביישפּיל מיטן זולוס, וואָס פרעסט־אויף די קינדער, איז געננוג אויסדריקלעך. נישט חייניקער אויסדריקלעך איז דער פאָלגנדיקער ביישפּיל.

אויף דער פראַגע: „ווען אין מיינע אויגן פאַרשמייסט אַ מוטער איר קינד — וואָס זאָל איך טאָן?" — ענטפערט טאָלסטאָי: „איין זאַך — זיך אַוועקשטעלן אויפן אָרט פון קינד".

אויב עמיצער מיינט, אַז ווייטער גיין אין דערדאָזיקער ריכטונג קאָן מען שוין נישט, האָט ער אַ טעות. טאָלסטאָי גייט נאָך ווייטער. ער האַלט, אַז אַ מענטש, אויף וועלכן ספּאָלט־

אָן אַ משוגענער הונט, וועט טאָן אַ גוטע זאַך, אויב ער וועט זיך נישט אַנטקעגנשטעלן. דאָס איז שוין, דאַכט זיך, אומגלויבלעך. לאָז איך דריבער רעדן טאָלסטאָיען אַליין.

„איך מוז געדענקען, אַז ס'איז בעסער, דער מענטש, וועלכן איך האָב ליב, זאָל דאָ, פאַר מיר אין די אויגן, שטאַרבן דערפאַר, ווייל ער האָט נישט געוואָלט צונעמען דאָס לעבן אפילו ביי אַ משוגענעם הונט, איידער ער זאָל שטאַרבן פון איבערעסן זיך אין אַ סך יאָרן אַרום און זאָל מיך איבערלעבן".

אוודאי, ווי זשע דען. מ'טאָר נישט צונעמען דאָס לעבן „אַפילו ביי אַ משוגענעם הונט", אויך דאַמאָלס ווען עס גייט וועגן ראַטעווען דאָס לעבן פון אַ מענטש. שטעלט זיך אָבער די פראַגע: אויב דערהרגענען אַ משוגענעם הונט איז אַ שלעכטס, פאַרוואָס-זשע איז נישט קיין שלעכטס, אַ מענטש זאָל געטויט ווערן דורך אַ משוגענעם הונט? און אויב דאָס איז טאַקע אויך אַ שלעכטס, איז אינטערעסאַנט צו וויסן, וועלכעס פון די צוויי איז אַ קלענער שלעכטס. און אויב איך ווייס יאָ, וועלכעס איז קלענער, איז דאָך אומפאַרשטענדלעך, פאַרוואָס איך זאָל דאָס קלענערע נישט אויסקלייבן אָנשטאָט דעם גרעסערן. און, דאַכט זיך, אַז יעדער מענטש מיט אַ געזונטן שכל וועט זאָגן: פון צוויי שלעכטסן זאָלסטו אומבאַדינגט אויסקלייבן דאָס קלענערע. דער טויט פון אַ משוגענעם הונט איז אָן ספק אַ קלענער שלעכטס, ווי דער טויט פון אַ מענטשן, — איז דעריבער בעסער צו דערהרגענען דעם הונט, איידער ברענגען פאַר אַ קרבן אַ מענטשן. פונדעסטוועגן, פון טאָלסטאָיס שטאַנדפונקט, זעט די זאַך אויס גאָר אַנדערש.

כדי צו פאַרשטיין דעמדאָזיקן שטאַנדפונקט, דאַרף מען באַמערקן, אַז פאַר דער מעשה מיטן משוגענעם הונט קומען פריער פאָלגנדיקע ווערטער: „אויף אַ באַשטימטער מדרגה פון גייסטיקער אַנטוויקלונג דאַרף דער מענטש זיך אָפּהאַלטן פון פאַרשטאַרקן ביי זיך דאָס געפיל פון רחמנות צו אַן אַנדער וועזן. דאָסדאָזיקע געפיל איז פאַר זיך אַ חיהש געפיל און

ביי אַ פּילבאַרן מענטש וואַקסט עס אויס אין אַ געהעריקער מאָס פון זיך אַליין אָן אַ קינסטלעכער אויפהעצונג. פּלעגן דאַרף מען אין זיך דעם גייסטיקן מיטלייד. די נשמה פון אַ מענטשן, וואָס איך האָב ליב, דאַרף פאַר מיר אַלעמאָל זיין טייערער איידער דער גוף".

נעמט זיך אַריין אין זינען דאָסדאָזיקע אַנטקעגנשטעלן דעם „חיהשן" רחמנות קעגן דעם „גייסטיקן מיטלייד", דעם „גוף" אַנטקעגן דער „נשמה". אָט דורכדעם ווערט פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס האַלט טאָלסטאָי, אַז מ'טאָר נישט דערהרגענען אַ משוגענעם הונט אַפילו דאַן, ווען עס הענגט דערפון אָפּ די רעטונג פון אַ מענטשלעך לעבן, און פאַרוואָס מ'דאַרף זיך נישט אַנטקעגנשטעלן דעם „זולוס" אויך אין דעם פאַל, ווען דער ווידערשטאַנד וואָלט געקאָנט אָפּראַטעווען „מיינע קינדער". ס'איז נישט אָנגענעם אויפגעפרעסן צו ווערן דורך אַ „זולוס" און ס'איז נישט אָנגענעם דורכגעביסן צו ווערן פון אַ משוגענעם הונט. אָבער די אומאָנגענעמלעכקייטן זענען ריין-קערפּערלעכע און מ'דאַרף זיי נישט צוגעבן קיין ספּעציעלע באַדייטונג. היינט זייט איר געראַטעוועט געוואָרן פון אַ משוגענעם הונט און אין „אַ סך יאָרן אַרום" וועט איר שטאַרבן פון איבערעסן זיך; היינט האָט מען אַרויסגעריסן „מיינע קינדער" פון די הענט פון אַ בלוטדורשטיקן „זולוס", און מאָרגן וועט זיי אומברענגען עפּעס אַן עפּידעמיע. מ'דאַרף נישט פאַרשטאַרקן ביי זיך דאָס געפיל פון רחמנות צום גוף. די נשמה איז טייערער פאַרן גוף. און די נשמה קאָן נישט זיין צופרידן מיט אַ גוואַלטטאַט, אַפילו ווען זי ווערט באַגאַנגען צוליב די וויכטיקסטע אינטערעסן פונם גוף.

און מיינט נישט, אַז טאָלסטאָי רעדט גלייכגילטיק בלויז וועגן פרעמדעליידן. ניין, ער קוקט, — יעדנפאַלס, וויל ער קוקן, — אויף זיינע אייגענע ליידן — מיט נישט קיין קלענערער גלייכגילטיקייט. ער זאָגט: „נו, — טוט ווי אַ צאָן אָדער דער בויך, אָדער עס קומט אָן אַן אומעט און דאָס האַרץ טוט וויי. נו, זאָל וויי טאָן, וואָס גייט עס מיך אָן. אָדער ס'וועט

אַביסל ווי טאָן און ס׳וועט אויפהערן, אָדער איך וועל שוין אַזוי שטאַרבן פון דעמדאָזיקן ווייטיק. נישט אין דעם, נישט אין יענעם פאַל איז קיין בייז נישטאָ״. דאָס איז נישט קיין עגאָאיזם, דאָס איז פשוט אַ גרינגשעצונג פונם „גוף״ צוליב דער „נשמה״. אַזאַ מין גרינגשעצונג איז אַמאָל געווען כאַראַקטעריס-טיש פאַר די קריסטן. און אָט פון דער זייט האָט די לערע פון טאָלסטאָיען ווירקלעך אַ סך געמיינזאַמעס מיט דער קריסט-לעכער לערע.

אין אַן אַנדער אָרט זאָגט ער: „מ׳דאַרף פאַרבייטן דאָס עולם-הזהדיקע, דאָס צייטווייליקע אויפן אייביקן — דאָס איז דער לעבנסוועג און אויף אים דאַרפן מיר גיין״. דאָס אַנט-קעגנשטעלן דאָס עולם-הזהדיקע און צייטווייליקע אַנטקעגן דעם אייביקן האָט דאָ דעמזעלבן זין, וואָס דאָס אויבנדערמאָנטע קעגנשטעלן פון די קערפּערלעכע אינטערעסן קעגן די גייסטי-קע. ווערט איר נאָר אָנערקענען די טעאָרעטישע אונפּראַקטישע רעכט-פאַרטיקייט דערפון, און איר וועט מוזן מודה זיין, אַז זיין באַציִונג צום „זולוס״ איז אַ פולשטענדיק ריכטיקע. וויכטיק איז בלויז דאָס אייביקע, און דער „זולוס״ איז דאָך נישט אייביק: די יסורים, וואָס ער פאַרשאַפט, זענען דאָך צייטווייליקע. דאָס-זעלבע איז מיט די שמיץ, דאָסזעלבע — מיטן משוגענעם הונט. די לאָגיק באַזיצט אירע אומבאַשטרייטבאַרע רעכט.

II

טאָלסטאָיס לערע מכוח נישט ווערן זיך קעגן דעם שלעכטס איז אינגאַנצן באַגרינדעט ,אויף דער קעגנשטעלונג פונם „אייביקן״ — צום „צייטווייליקן״, פון „גייסט״ צום „קערפּער״. לאָמיר זיך צוקוקן נענטער צו דערדאָזיקער קעגנ-שטעלונג.

אין דער פאָרם, ווי עס איז ביי טאָלסטאָיען, איז עס

דאָסזעלבע ווי די קעגנשטעלונג פון דער אינערלעכער מענטשלעכער וועלט, אין פרט פון אירע מאָראַלישע באַדערפענישן און פאַרלאַנגען, — אַנטקעגן דער אויסערלעכער וועלט, וואָס רינגלט אַרום דעם מענטש. דער אייגענער גוף פון יעדן געגעבענעם אינדיווידואום, פונקט ווי דער גוף פון יעדן פון זיינע נאָענטע, איז דערביי אַ באַשטאַנדטייל פון דער אויסערלעכער וועלט. דאָס איז איינער פון די מעטאָדן פון אַנטקעגנשטעלן דעם באַוווּסטזיין אַנטקעגן דעם זיין. דעמדאָזיקן מעטאָד טרעפט מען נישט-זעלטן אין דער געשיכטע פונם געדאַנק, נאָר ביי טאָלסטאָיען באַקומט ער אַ שטאַרקע בולטקייט, צוליב וואָס עס טרעטן אויך אַזוי שאַרף אַרויס אַלע, דערביי פאַרשטענדלעכע, סתירות.

דאָס באַוווּסטזיין איז נישט אומאָפּהענגיק פונם זיין. ער ווערט לכתחלה דורך אים באַשטימט, און דערנאָך ווירקט ער אויף אים, מיטהעלפנדיק, אויף אַזאַ אופן, צו זיין ווייטערדיקער זעלבסטבאַשטימונג. דאָס פאַרשטייען מער ווייניקער קלאָר אָדער עס „דערשפּירן מיטן אינסטינקט“ נישט בלויז מענטשן, נאָר אויך געוויסע העכערע חיות. ווען די העכערע חיות-וועלט זאָל אויפהערן צו שפּירן דעמדאָזיקן אמת, וואָלט זי אויפגעהערט פירן איר קאַמף פאַר עקזיסטענץ, ד. ה. זי וואָלט אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד. פאַרשטייט זיך, אַז דער דאָזיקער אמת איז אויך באַקאַנט טאָלסטאָיען. פאַרוואָס דאַרף מען נישט אַרויסרייסן דאָס קינד פון די הענט פון דער מוטער, וואָס פאַרשמייסט עס? דערפאַר ווייל זי וועט נאָך מער פאַרביטערט ווערן צוליב דער „גוואַלטטאַט“, וואָס מען באַגייט לגבי איר און אַזוי-אַרום וועט נאָך פאַרגרעסערט ווערן דער סכום שלעכטס, וואָס איז פאַראַן אויף דער וועלט. די „גוואַלטטאַט“ לגבי דערדאָזיקער מוטער וואָלט באַדייט אַ באַווירקונג אויף איר מצד דער אויסערלעכער וועלט. הייסט עס, אַז דער צושטאַנד פון איר באַוווּסטזיין וואָלט באַשטימט געוואָרן דורכן זיין. אַמאָל גייט טאָלסטאָי נאָך ווייטער אויף דעם געביט פון דערקלערן מאַטעריאַליסטיש דערשיינונגען פון דער אינערלעכער

וועלט. ער זאָגט: „אויף יעדערן קומען אַמאָל אָן שווערע מינוטן, וועלכע האָבן על פּי רוב אַ פיזישע סיבה". אָבער דאָס זענען אַלץ באַזונדערע באַמערקונגען, אַפגעריסענע אויפשטראַ-לונגען פונם מאַטעריאַליסטישן געדאַנק, וועלכע גיסן זיך נישט צונויף אין איין גאַנצס, און וועלכע זענען, אַחוצדעם, אויסגעדרוקט נישט אינגאַנצן באַפרידיקנדיק. טאָלסטאָי בלייבט אין זיין וועלטאנשויאונג אַן עקסטרעמער אידעאַליסט, אין וועמענס אויגן דער מאַטעראַליזם איז אַ פּשוטער אומזין. און ווען דערדאָזיקער עקסטרעמער אידעאַליסט טרעט אַרויס אין דער ראָל פון אַ לערער פאַרן לעבן, גייט ער איבער מיטביידע פיס אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז די אינערלעכע וועלט איז לחלוטין אומאָפּהענגיק פון דער אויסערלעכער.

„מענשן איז אַמאָל שלעכט נאָר דערפאַר, — זאָגט ער, — ווייל זיי לעבן אַליין שלעכט. און ס'איז נישט פאַראַן עפּעס שעדלעכערס פאַר די מענשן, ווי דער געדאַנק, אַז די סיבות פון זייער אומגליקלעכן מצב שטעקן נישט אין זיי גופא, נאָר אין די אויסערלעכע באַדינגונגען. אויב אַ מענש אָדער אַ גאַנצע געזעלשאַפט וועלן מיינען, אַז דאָס שלעכטס, וואָס זיי שטייען אויס, קומט פון אויסערלעכע באַדינגונגען און אויב זיי וועלן ווענדן זייער אויפמערקזאַמקייט און כּוחות אויף דעם — צו ענ-דערן דידאָזיקע אויסערלעכע באַדינגונגען, — וועט דאַן דאָס שלעכטס נאָך מער פאַרגרעסערט ווערן. אָבער ווען אַ מענש אָדער אַ געזעלשאַפט וועלן אויפריכטיק זיך פאַרטראַכטן איבער זיך, און וועלן אין זיך, אינם אייגענעם לעבן אַ זוך טאָן די סיבות פון דעם שלעכטס, פון וועלכן זיי ליידן, — וועלן די סיבות תּיכּף געפונען ווערן און זיי וועלן פון זיך אַליין בטל ווערן.

ווייטער קאָן מען שוין נישט גיין אין דעם אָנערקענען די אומאָפּהענגיקייט פון דער אינערלעכער וועלט — מצד אוי-סערלעכע באַדינגונגען. און אויב די אינערלעכע וועלט פונם מענשן הענגט אינגאַנצן נישט אָפּ פון דידאָזיקע באַדינגונגען, איז דאָך נישט נויטיק משפּיע צו זיין אויף אָט די באַדינגונגען

אין די אינטערעסן פון דער אינערלעכער וועלט. ווענדנדיק זיך צו די אַרבעטער, עצהט זיי טאָלסטאָי, זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן צו גיין אין מיליטער און צו אַרבעטן אויף פּריציש ער ערד. אָבער ער עצהט עס זיי, לויט זיינע אייגענע ווערטער, „נישט ווייל דאָס איז פאַר די אַרבעטער נישט גוט און דאָס ברענגט צו זייער פאַרקנעכטונג, נאָר דערפאַר, וואָס דאָס איז בכלל אַ שלעכטע זאַך". ער זאָגט פּשוט: „יעהנפאַלס, וועלן אַלע פאַרבעסערונגען אין דער לאַגע פון די אַרבעטער קומען נאָר דורכדעם, וואָס זיי וועלן אַליין זיך אָנהויבן אויפפירן מער אין הסכם מיט גאָטס ווילן, מער לויטן געוויסן, ד. ה. מאָראַלישער, ווי זיי האָבן זיך פריער אויפגעפירט". דאָס באַדייט אַלזאָ, אַז דאָס פּראָקלאַמירן די אומאָפּהענגיקייט פון דער אינערלעכער וועלט — מצד דער אויסערלעכער, איז אַלצאיינס ווי פּראָקלאַמירן די אומנויטיקייט פונם מענשנס פּלאַנמעסיקער באַווירקונג אויף זיינע אַרומיקע אויסערלעכע באַדינגונגען, פון דער קאָנטראָל פונם באַוווּסטזיין איבערן זיין. און טאָלסטאָי פּראָקלאַמירט טאַקע דידאָזיקע אומנויטיקייט. ער שרייבט:

„מיר אַלע פאַרגעסן, אַז די לערע פון קריסטוסן איז נישט אַזאַ מין לערע ווי מעה'ס, מאַהאָמעדס און אַלע אַנדערע מענטשלעכע לערעס, ד. ה. לערעס וועגן זינים, וועלכע מ'דאַרף אָפּהיטן. קריסטוסעס לערע איז אַן עוואַנגעליע, ד. ה. אַ לערע וועגן דעם גוטס. איז ווער דורשטיק — גיי און טרינק. און דעריבער קאָן מען, לויט דערדאָזיקער לערע, קיינעם גאָרנישט הייסן, קיינעם גאָרנישט אויפוואַרפן, קיינעם נישט פאַראורטיילן".

אויב מ'קאָן קיינעם נישט פאַראורטיילן און מ'קאָן קיינעם צו גאָרנישט מחייב זיין, הייסט עס, אַז מ'דאַרף איבערלאָזן די אויסערלעכע וועלט, זי זאָל בלייבן דאָס, וואָס זי איז געווען ביז אַהער. מ'טאָר גאָרנישט טאָן, כדי זי אויסצובעסערן. „דאָס איינציקע וואָס מ'מעג, וואָס עס האָבן געטאָן און וועלן שטענדיק טאָן קריסטן, — זאָגט טאָלסטאָי, — איז — זיך פילן גליק-

לעך און באַגערן איבערצוגעבן דעם שליסל פונם דאָזיקן רויקן גליק אויך אַנדערע מענטשן".

אין אַן אַנדער אָרט דריקט ער אויס דעמזעלבן געדאַנק נאָך קלאָרער:

„אז דו זעסט, ווי אַ מענש, וועלכן דו האָסט ליב, זינדיקט, קאָנסטו נישט — נישט פאַרלאַנגען, ער זאָל תשובה טאָן; דערביי מוז איך אָבער געדענקען, אַז אין בעסטן פאַל, ד. ה. ביי דער סאַמע אַבסאָלוטסטער אויפריכטיקייט, קאָן ער תשובה-טאָן נאָר לויט די מעגלעכקייטן פון ז יי ן געוויסן, און נישט פון מיינעם.

„די פאָדערונגען, וואָס מיין געוויסן שטעלט מ י ר זענען אַ סך גרעסערע, ווי די פאָדערונגען, וואָס זיין געוויסן שטעלט א י ם, און ס'וואָלט געווען אומזיניק פון מיין זייט אָנצוהענגען אים די פאָדערונגען פון מיין געוויסן.

„אויסערדעם טאָר מען נישט, אין אַזעלכע פאַלן, פאַרגעסן, אַז ווי ווייט שולדיק אַ מענש זאָל נישט זיין, זענען קיינע ויכּוחים, קיינע באַווייזן, קיין שום אויפווייזונגען נישט בכּוח צו צווינגען אים תשובה צו טאָן, ווייל תשובה טאָן קאָן אַ מענש נאָר אַליין, קיין אַנדערער קאָן אים דערצו נישט ברענגען".

היינט וויבאַלד קיין שום ויכּוחים, אַרגומענטן און אויפווייזן זענען נישט בכוח צו צווינגען אַ מענטשן תשובה צו טאָן, — צי דאַרף מען זיך בכלל מתוכּח זיין און אַרגומענטירן? אויב איין מענטש קאָן נישט ברענגען דעם צווייטן צו „תשובה", צי דאַרף אַ מענטש פאַרשפרייטן זיינע אידעען? לויט טאָלסטאָיען קומט-אויס, אַז מ'דאַרף נישט. אָט לייענט:

„ איך בין זייער צופרידן דערפון, וואָס פאַר די לעצטע דריי יאָר האָב איך פאַרלוירן יעדן פּראָזעליטישן פאַרלאַנג, וואָס איז געווען ביי מיר זייער שטאַרק. איך בין אַזוי פעסט איבערצייגט דערין, אַז דאָס וואָס איז פאַר מיר אַן אמת, איז אַן אמת פאַר אַלע מענטשן, אַז די פראַגע, ווע ן ווע ר וועט דערגיין צום דאָזיקן אמת, איז פאַר מיר נישט אינטערעסאַנט".

אָבער אויב אַזוי, וואָס-זשע פאַר אַ זין האָט דער באַקאַנ-

טער טאָלסטאָיאישער „איך קאָן נישט שווייגן?!" וואָס-זשע פּאַר אַ זין האָט זיין אַגיטאַציע קעגן טויט-שטראָף, וואָס האָט אים געבראַכט די הייסעסטע סימפּאַטיעס אין אַלע לענדער פון דער ציוויליזירטער וועלט? דער איינציקער זין דערפון איז, אַז טאָלסטאָי איז נישט תמיד פאַרבליבן אַ טאָלסטאָיאַנער.

דאָס האָט נאָר דעם זין, וואָס פּראָקלאַמירנדיק די אומאָפּהענגיקייט פון דעם מענטשנס אינערלעכע וועלט מצד דער אויסערלעכער, איז ער צייטנווייז געצוווּנגען יאָ צו אָנערקענען דידאָזיקע אָפּהענגיקייט. דאָס האָט נאָר דעם זין, וואָס דערקלערנדיק די קאָנטראָל פון באַוווּסטזיין איבערן זיין פאַר אַן אומנויטיקע און אוממעגלעכע, איז ער געווען געצווּנגען צו אָנערקענען איר נויטיקייט און מעגלעכקייט. מיט אַנדערע ווערטער — עס האָט נאָר דעם זין, אַז זיין קעגנשטעלן דאָס „אייביקע" קעגן דעם „צייטווייליקן" האָט נישט אויסגעהאַלטן די קריטיק פון לעבן, און אַז ער אַליין האָט נישט געקאָנט צייטנווייז זיך נישט אָפּזאָגן פון דערדאָזיקער קעגנשטעלונג. נאָכמער: טאָלסטאָי האָט אויסגעזען פאַר די מענטשן פון זיין צייט אַלס אַ גרויסער לערער פונם לעבן נאָר דאַמאָלס, ווען ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין לערע וועגן לעבן.

III

און אַזוי איז עס געווען נישט בלויז, ען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן טויט-שטראָף. אַזוי איז געווען לחלוטין אומעטום. טאָלסטאָי זאָגט: „אייגנטום — דאָס איז אַ פיקציע, וועלכע עקזיסטירט נאָר פאַר דעם, וואָס גלויבט אין מאַמאָן און דעריבער דינט ער צו אים.

דער, וואָס גלויבט אין קריסטוסעס לערע באַפרייט זיך פונם אייגנטום נישט דורך עפּעס אַ טאַט, נישט דורכדעם, וואָס

ער גיט איבער זיין אייגנטום, מיטאַמאָל אָדער ביסלעכווייז, אין אַנדערע הענט (נישט אָנערקענענדיק דעם ווערט פון אייגנ-טום פאַר זיך, קאָן ער דאָך אויך נישט אָנערקענען זיין ווערט פאַר אַנדערע). אַ קריסט באַפרייט זיך פון אייגנטום איבער-לעך, דורכן באַוווסטזיין, אַז עס עקזיסטירט נישט און ס'קאָן נישט עקזיסטירן, איבערהויפט אָבער באַפרייט ער זיך פון אייגנ-טום דערמיט וואָס ער דאַרף עס נישט, נישט פאַר זיך, נישט פאַר אַנדערע".

אויב דו אָנערקענסט נישט דעם ווערט פון אייגנטום פאַר זיך, קאָן מען נישט, זייענדיק קאָנסעקווענט, אָנערקענען זיין ווערט פאַר אַנדערע. דאָס איז ריכטיק. און אויב דאָס איז ריכטיק, איז אויך ריכטיק דער אויספיר, אַז אַ קריסט דאַרף זיך באַפרייען פון אייגנטום „איבערלעך", און נישט דורך עפעס אַ „טאַט" — ווי איבערגעבן, למשל, דאָס אייגנטום אין אַנדערע הענט. באַזיצנדיק אַ וווּנדערבאַרן קינסטלערישן טאַ-לאַנט, האָט זיך גראַף טאָלסטאָי נישט אויסגעצייכנט מיט קיין שטאַרקער לאָגיק. ער ווידערשפּרעכט זיך אַליין זייער אָפט. אָבער גראָד דאָ איז זיין לאָגיק נישט אָפּצופּרעגן; דאָ איז זיין אויספיר אומבאַשטרייטלעך.

איצטער פרעג איך דעם לעזער: וואָס-זשע זאָלן מיר טראַכטן וועגן יענע מענטשן — מעגלעך, אַז דער לעזער האָט אויך געהערט צו זיי, — וועלכע האָבן נישט אויפגעהערט צו פאַרלאַנגען פון גראַף טאָלסטאָי, אַז ער זאָל יאָ באַגיין אַ „טאַט", ער זאָל אָפּגעבן זיין ערד די יאַסנאַפּאָליאַנער פויערים, און וועלכע האָבן געהאַט עגמת-נפש דערפון, וואָס ער איז אַזאַ „טאַט" נישט באַגאַנגען?

לויט מיין מיינונג קאָן מען וועגן אַזעלכע מענטשן — אַנטשולדיקט! — זאָגן נאָר איין זאַך: זיי זענען גוטע, אָבער נישט קיין קלוגע. אַלנפאַלס האָבן זיי נישט קלאָר פאַרשטאַנען דעם גראַף טאָלסטאָי.

אין דעמזעלבן בוך „רייפע זאַנגען", אין וועלכן עס גצ-

פינט זיך דער אָקאָרשט-ציטירטער אויסצוג וועגען אייגנטום, געפינען מיר נאָך אַן אָרט:

„ווען איר וואָלט אייער אייגנטום פּשוט אַוועקגעוואָרפן, נישט געבנדיק קיינעם (פאַרשטייט זיך, נישט ברענגנדיק מענטשן דערצו, זיי זאָלן עס מיט אַ כיוון פּטור ווערן), און איר וואָלט באַוויזן, אַז איר זענט נאָך פריידיקער, רויקער, בעסער און גליקלעכער אָן דעם אייגנטום, ווי מיט דעם, וואָלט איר אַ סך מער משפּיע געווען אויף מענטשן און איר וואָלט אויפגעטאָן אַ סך מער גוטס, איידער דורכדעם, וואָס איר וואָלט צעטיילט אייער פאַבריקט פאַרמעגן".

דאַכט זיך, קלאָר! נאָר ווייטער איז נאָך קלאָרער, אויב ס'איז נאָר מעגלעך זיך נאָך קלאָרער אויסצודריקן.

„איך זאָג נישט, אַז מען דאַרף נישט ווירקן אויף אַנדערע, נישט העלפן זיי; אדרבא, איך האַלט, אַז אין דעם באַשטייט דאָס לעבן. נאָר העלפן דאַרף מען מיט אַ ר יי ן מיטל און נישט דורך נישט קיין ריינס — דורכן אייגנטום. כדי צו זיין ביכולת העלפן יענעם, איז די הויפּטזאַך, כל זמן מיר זענען אַליין נישט ריין, — זיך צו רייניקן".

גראַף טאָלסטאָי האָט זיך מיט עקשנות געטאָן „רייניקען". דאָס, האָט זיך אים אויסגעוויזן, — און אַזוי האָט אים געדאַרפט זיך אויסווייזן, — איז די „הויפּטזאַך". און דאָ האָט מען גאָר דערוואַרט פון אים און פאַרלאַנגט אַ „טאַט", דורך וועלכער ער וואָלט פאַרראַטן זיך אַליין. ווו-זשע איז דאָ די לאָגיק?

איך ווייס: מ'וועט מיר זאָגן, אַז גראַף טאָלסטאָי האָט נישט „פּשוט אַוועקגעוואָרפן" זיין ערד, נאָר ער איז באַגאַנגען אַ „טאַט", אָפּגעבנדיק זי זיין פאַמיליע, און אַז די פאָלגן פון אָט אָ דער „טאַט" האָבן שפּעטער אים אַליין פאַרשאַפט אַ סך ליידן. נאָך גאָר נישט לאַנג האָט ה' בולאַנזשע*) אויף אַזאַ

---

*) איינער פון טאָלסטאָיס אָנהענגער, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון רוסלאַנד, ווייל ער האָט מיטגעהאָלפן דער רעליגיעזער סעקטע „דוכאָבאָרן".

אופן באַגרינדעט זיין פּראָיעקט צו שאַפן אַ פאָנד אויף אויס-צוקויפן די יאַסנאַפּאָליאַנער ערד לטובת די דאָרטיקע פויערים.

„יעדערער, וועמען ס'איז נאָר אויסגעקומען נעענטער זיך צוזאַמענצוטרעפן מיט לעוו ניקאָלאַיעוויטש, האָט געקאָנט באַ-מערקן, וואָסער עגמת-נפש עס האָט אים פאַרשאַפט דער באַ-וואוסטזיין, אַז דאָס גוט, אין וועלכן ער האָט געלעבט, האָט ער מיט אַ סך יאָרן צוריק אָפּגעשריבן פאַר די יורשים, און עס געהערט דעריבער איצט צו אַזעלכע מענטשן, וואָס ווילן, אין אַזאַ אָדער אַנדער פאָרם, עקספּלאָאַטירן די אַרבעטנדיקע פויערים. ס'איז זיך שווער פאָרצושטעלן, וואָס פאַר אַ קאַטאָרגע עס איז פאַר אים געווען, אין דער הינזיכט, זיין לעבען אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ: דער טשערקעס, וואָס פלעגט היטן דאָס פּריצישע פאַרמעגן און זיך נישט אָפּהאַלטן פון באַשטראָפן די פויערים; דאָס כאַפּן, דורכן אָנגעשטעלטן, די פויערטעס, וועלכע פלעגן קלויבן גראָז; דאָס אָפּגעבן ערד אין אַרענדע די יאַס-נאַפּאָליאַנער פויערים".

יאָ, אַלץ איז טאַקע אַזוי. איך פאַרשטיי, נאַטירלעך, אַז דער „טשערקעס" האָט פאַרשאַפט שטאַרקע ליידן טאָלסטאָיען. אמת! אָבער דערדאָזיקער פאַקט ענדערט לחלוטין נישט די אינערלעכע לאָגיק פון דער טאָלסטאָיאישער לערע. און וואָס פאַר אַ לאָגיק דאָס איז, האָבן מיר שוין געזען.

דער אָדער יענער מענטש לעבט אין לוקסוס. לויט טאָלס-טאָיס לערע, הייסט עס, אַז דערדאָזיקער מענטש פאַרמאָגט אַ סך אייגנטום, וואָס איז געקומען פון פרעמדער אַרבעט און וואָס ווערט אָפּגעהיט מיטן כוח פון גוואַלט. דאָס איז — אַ שלעכטס. וואָס-זשע טוט מען? וואָס דאַרף מען טאָן אין באַצוג צו דעם-דאָזיקן מענטש?

טאָלסטאָי ענטפערט: „איך קאָן, אין מיין גראַבקייט צו-בעמען ביי אים די מעגלעכקייט פון אַ לוקסוס-לעבן און צווינ-גען אים אַרבעטן. אויב איך וועל עס טאָן, וועל איך לחלוטין נישט טאָן דאָס, וואָס גאָט הייסט, — איך וועל נישט אויפרו-דערן די נשמה פון דאָזיקן מענטש".

דאָס איז שוין די אונז באַקאַנטע קעגנשטעלונג פון די אינטערעסן פון דער „נשמה" קעגן די אינטערעסן פונם „גוף", פונם „אייביקן" קעגן „צייטווייליקן". טאָלסטאָיס אויפפירונג ווערט באַשטימט לויט די אינטערעסן פון דער „נשמה", לויט די פאָדערונגען פונם „אייביקן". „איך וועל, — זאָגט ער, — גאָרנישט טאָן, גאָרנישט רעדן, אום צו צווינגען דעמדאָזיקן מענטשן ער זאָל טאָן, וואָס גאָט הייסט, איך וועל נאָר לעבן מיט אים צוזאַמען; אויסזוכנדיק און פאַרפעסטיקנדיק אַלץ, וואָס פאַרייניקט אונז און זיך דערווייטערן פון אַלץ וואָס מיר איז פרעמד. דאָס איז דאָס אייביקע מיטל, ווי אַזוי אויסצובעטערן אַ מענטשן, וועלכער באַנוצט זיך אַ סך מיט זיין אייגנטום, וואָס ער האָט דערגרייכט דורך פרעמדער אַרבעט. דאָס איז אַ זיכער מיטל: אויב איך אַליין טו וואָס גאָט הייסט און לעב אַזוי, וועל איך זיכער צוציען דעם מענטשן צו גאָט און וועל אים צווינגען אַזוי-אַרום צו טאָן, וואָס ער הייסט".

מיר מוזן גאָר נישט זיין אַזעלכע אָפּטימיסטן ווי טאָלסטאָי: דער זינדיקער, וואָס לעבט אין לוקסוס, ד. ה. עקספּלאָאַטירט פרעמדע אַרבעט, קאָן אויך נישט תשובה-טאָן. און דאָך מוזן מיר מודה זיין, אַז טאָלסטאָי וואָלט זיך אַליין פּאַראַטן, ווען ער וואָלט זיך אַנדערש באַצויגן צום זינדיקן, וואָס עקספּלאָאַטירט פרעמדע אַרבעט. די לאָגיק האָט אירע אומבאַרירלעכע רעכט. און אויב עס איז אַזוי, האָבן זייער שלעכט פאַרשטאַנען די לאָגיק פון טאָלסטאָיס לערע די, וועלכע האָבן געהאַט עגמת-נפש דערפון, וואָס ער האָט איבערגעגעבן יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ זיין פאַמיליע.

ער וואָלט געקאָנט „אין זיין גראָבקייט" אָפּגעבן די ערד די פּויערים, צונעמענדיק דערמיט ביי זיין פאַמיליע די מעגלעכקייט פון אַ לוקסוס-לעבן און צווינגען זי צו אַרבעטן. אָבער ווען ער וואָלט דאָס געטאָן, וואָלט ער לחלוטין נישט געטאָן דאָס, וואָס „גאָט הייסט", ווי ער האָט עס פאַרשטאַנען; ער וואָלט נישט אויפגערודערט די נשמה פון די מיטגלידער פון זיין פאַמיליע. און אָט, טייער האַלטנדיק גאָטס געבאָט, האָט

ער זיך אויפגעפירט אַנדערש. ער האָט אויפגעהאַלטן פאַר זיין פאַמיליע די מאַטעריעלע מעגלעכקייט פון אַ ליידיק-גייעריש און לוקסוס-לעבן און איז פאַרבליבן צוזאַמען מיט זיי, זוכנדיק און פאַרשטאַרקנדיק דאָס, וואָס ס'האָט אים מיט זיי פאַראייניקט, און באַמיענדיק זיך דערוייטערן פון דעם, וואָס איז געווען פאַר אים פרעמד.

אויב מ'זאָל אורטיילן לויטן אַרויסטריט פון גראַף ל. ל. טאָלסטאָי*) אין „נאָוואָיע ווערעמיא", האָט זיך די טאַקטיק אַרויסגעוויזן אַלס אַ נישט זייער פּרוכטבאַרע, נאָר דאָ צו אונז האָט עס נישט.

איך האַלט בכלל, אַז די טאָלסטאָיאישע טאַקטיק פון קאַמף מיטן שלעכטס איז אַן אומפּרוכטבאַרע — נישט צום אויסהיילן, און דאָך זע איך איין, אַז אין געגעבענעם פאַל ווידערשפּרעכט זיין אויפפירונג אַבסאָלוט נישט זיין לערע, אדרבא, די האַרמאָנירט מיט איר פולשטענדיק.

טאָלסטאָי האָט געשריבן: „די אויפגאַבע פונם קריסט ליגט נישט אין אַ באַשטימטן געבאָט, נאָר אינם דערפילן גאָטס ווילן. און גאָטס ווילן באַשטייט דערין, אַז מ'זאָל אויף די פאָדערונגען פונם לעבן ענטפערן אַזוי, ווי עס פאַרלאַנגט די ליבע צו גאָט און צו מענשן; מ'קאָן, דערום, בשום אופן נישט באַשטימען די אייגענע צי פרעמדע נאָענטקייט אָדער דערווייטערטקייט פון קריסטוסעס אידעאַל לויט דעם מצב, אין וועלכן אַ מענש געפינט זיך, אָדער לויט די טאַטן וואָס ער באַגייט".

און פון אים, פון טאָלסטאָיען, האָט מען געפאָדערט אַ באַשטימטע „טאַט", מ'האָט געוואָלט, ער זאָל זיך אַוועקשטעלן דווקא אין אַזאַ און נישט אין קיין אַנדערע לאַגע. ווערזשע איז דאָ געווען נישט קאָנסעקווענט?

ער האָט אויף אַלערליי אופנים געפּרוווט אויפצוקלערן די, וואָס האָבן אים געמאַכט פאָרווורפן. ער האָט צו זיי געטענהט: אין מענש פאַרלאָזט זיין פרוי אָדער מוטער,

*) לעוו לוואָוויטש טאָלסטאָי, טאָלסטאָיס דריטער זון.

אָדער פּאָטער, אָנטוּענדיק דערמיט זיי יסורים און עגמת-נפש און קאָן זײַן, אַז ער טוט גאָר־נישט קיין שלעכטס, ווייל ער פילט נישט דעם ווייטיק, וואָס ער האָט פאַרשאַפט; און אַן אַנדערער, וואָס זאָל טאָן דאָסזעלבע, וואָלט געטאָן אַ מיאוסע זאַך, ווייל ער פילט יאָ דעם ווייטיק, וואָס זיין טאַט האָט אַרויסגערופן".

טאָלסטאָי האָט געהאַלטן, אַז מיט זיין אַוועקגיין פון יאַסנאַיאַ פאָליאַנאַ וואָלט ער געטאָן אַ שלעכטע זאַך, ווייל דאָס וואָלט פאַרשאַפט ווייטיק זיינע נאָענטע און עס וואָלט זיי פאַר־ביטערט. און ער איז נישט אַוועקגעגאַנגען. פון שטאַנדפונקט פון זיין תורה קאָן מען קעגן דעם אַבסאָלוט גאָרנישט פאָר־וואַרפן. פאַרקערט! מ'האָט געמוזט מודה זיין, אַז ער האָט געהאַנדלט ריכטיק. און צו אים האָט מען כסדר געשריבן אומגעלומפערטע בריוו, מיט אומזיניקע פאָרוווּרפן אין נישט אויסגעהאַלטנקייט! וואו-זשע איז גערעכטיקייט?

גיט נאָר אַ טראַכט! אַ מענש פרעדיקט, אַז מ'דאַרף זיך נישט אַנטקעגנשטעלן דעם בלוטדורשטיקן „זולוס", וואָס פרעסט־אויף אַ הילפלאָז קינד: אַ ווידערשטאַנד וואָלט געווען אַ זינד, ווייל דאָס וואָלט נאָך מער פאַרביטערט דעם מענטשנפרעסער. מיט א י ם, ד. ה. מיטן פרעדיקער, נישט מיטן מענטשנפרעסער, פּאָלעמיזירט מען לכתחילה (מיכאַילאָווסקי א. א.), דערנאָך אָבער הערט מען אויף צו פּאָלעמיזירן און מען באַגרענעצט זיך בלויז מיט אַפּלאָדיסמענטן. ע ר, — ד. ה. ווידער דער פרעדיקער, נישט דער מענטשנפרעסער, — לערנט, אַז אויב אַ מוטער פאַר־שמייסט איר קינד, איז דאָס איינציקע, וואָס מיר האָבן רעכט זיך צו דערלויבן, אונטערצושטעלן דער צאָרנדיקער מוטער אונזער אייגענע פלייצע. די צוהערער לאַכן נישט און מ'אַפּלאָדירט ווייטער. ענדלעך, ווען ער האָט געלערנט, מ'זאָל זיך נישט „אַנט־קעגנשטעלן" אַפילו משוגענע הינט, — פּראָקלאַמירט אים זיין אוידיטאָריע פאַרן געוויסן פון רוסלאַנד. און ערשט, ווען ער וויל נישט פאַרביטערן זיין אייגענע פאַמיליע, ווען ער אַנטשליסט זיך נישט צו פאַרשאַפן יסורים דער פרוי, וואָס איז אים אין משך

פון גאַנצע יאָרצענטליקן געווען אַ חבר, וועלכע האָט אים ביז זעלבסטפּאַרגעסן מיטגעהאָלפן אין זיין גרויסער ליטעראַרישער אַרבעט, טיילנדיק מיט אים די הייליקע באַגייסטערונגען פון זיין אומפאַרגלייכלעכן קינסטלערישן שאַפן, — ערשט דאַן הויבט זיך אָן זיין פּילבאַרע אוידיטאָריע צו באַליידיקן אויף אים און טשעפּעט זיך צו אים מיט דער פראַגע, „ווען-זשע וועסטו אויפהערן ווידערשפּרעכן זיך אַליין?“ אָ, פּקחים!

IV

אין דער פּרעסע האָט זיך באַוויזן אַ ידיעה וועגן אַן אינטערעסאַנטן געשפּרעך, וואָס עס האָט געהאַט וו. ג. טשערטקאָוו מיט עטלעכע סטודענטינס פון די בעסטוזשעוו-קורסן, וועלכע זענען געקומען קיין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ. לויט ה׳ טשערטקאָווס ווערטער „איז לעוו ניקאָלאַיעוויטש נישט אַוועק פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, פון אַ לעבן, וואָס איז אים געווען שווער, צו אַ לעבן, וועלכעס ער האָט געהאַלטן פאַר אַ בעסערס, ווייל ער האָט געמיינט אַז אַזאַ איבערגאַנג איז אַן עגאָאיסטישער שריט“. דאָס זענען כמעט די איינציקע פּאַרשטענדיקע ווערטער, וואָס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן, צייט עס איז פאָרגעקומען טאָלסטאָיס „אַרויסגאַנג“ פון זיין משפּחהדיקער נעסט. ס׳איז בפירוש אַזוי, בפירוש אַן עגאָאיסטישער שריט... די, וואָס האָבן נאָכגעאַנגען דעם מדאָרטיקן שריט פון זייער „לערער“, האָבן דאָס נישט באַגריפן. און נישט בלויז אַן עגאָאיסטישער, אַזאַ שריט, חוזר איך איבער, איז געווען אין סתירה צו דער גאַנצער לערע טאָלסטאָיס. אויך דאָס האָבן זיי נישט פאַרשטאַנען.

אמת, ה׳ טשערטקאָוו האָט צוגעגעבן, אַז טאָלסטאָי האָט באַטראַכט זיין געפינען זיך אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ אַלס אַ שווע-

דע משא. און עס פֿאַלט מיר גאָרנישט איין, איך זאָל צווייפֿלען דערין.

איך געדענק גוט די רירנדיקע שורות, וואָס טאָלסטאָי האָט אָנגעשריבן אַלס ענטפֿער צו די, וואָס האָבן אים געפֿרעגט: „נו, און איר, לעוו ניקאָלאַיעוויטש, דרשענען דרשנט איר, אָבער ווי זענט איר עס מקיים”? דידאָזיקע, דערמאָנטע, שורות אָטעמען מיט אַזאַ אויפֿריכטיקייט און זענען אָנגעשריבן מיט אַזאַ קרעפֿטיקער אָרנטלעכקייט, אַז דער לעזער וועט זיך אין זיי מיטן גרעסטן פֿאַרגעניגן דערמאָנען:

„איך ענטפֿער, אַז איך בין שולדיק און בין עקלדיק, און פֿאַרדין פֿאַראַכטונג דערפֿאַר, וואָס איך פֿיר עס נישט אויס; דערביי אָבער, נישט אַזוי צוליב מיין פֿאַרטיידיקונג ווי צוליב אויפֿקלערן מיין נישט אויסגעהאַלטנקייט, זאָג איך: קוקט זיך צו צו מיין פֿריערדיק לעבן און צום איצטערדיקן, און איר וועט זען, אַז איך באַמי מיך יאָ אויסצופֿירן; איך האָב נאָך נישט אויסגעפֿילט קיין צענטויזנט-חלק, דאָס איז אמת און איך בין שולדיק, אָבער נישט דערפֿילט האָב איך, נישט ווייל איך האָב נישט געוואָלט, נאָר ווייל איך האָב נישט געקאָנט. לערנט מיך, ווי אַזוי זיך אַרויסצופּלאָנטערן פֿון דער נעץ שטרויכלונגען, וואָס האָט מיך אַרומגענומען און איך וועל אויספֿירן. אָבער אויך אָן מיטהילף וויל איך און האָף מקיים צו זיין. באַשולדיקט מיך, איך טו עס אַליין אויך, נאָר באַשולדיקט מיך, און נישט דעם וועג, אויף וועלכן איך גיי און וועלכן איך וויייז-אָן פֿאַר די, וואָס פֿרעגן מיך, וווּ איז, לויט מיין מיינונג, דער וועג”.

דאָס איז אַן אמתדיקע טראַגעדיע; דער מענטש, וועמענס פֿעדער האָט געשריבן דידאָזיקע שורות, האָט זיכער אַ סך דורכגעליטן. אָבער אין וואָס באַשטייט דער „פּאַטאָס” פֿון דער טראַגעדיע (ווי עס וואָלט זיך אויסגעדריקט ביעלינסקי)? טאָלסטאָי רעדט וועגן זיין שווערן קאַמף מיט די מכשולים, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט און ער וויל, מ'זאָל באַשולדיקן אים און נישט דעם וועג, אויף וועלכן ער איז געגאַנגען. אָבער אין

דער אמתן האָבן די מכשולים, אויב זיי האָבן עקזיסטירט, נישט געשפּילט קיין דעצידירנדיקע ראָל און שולדיק איז נישט געווען טאָלסטאָי גופא, נאָר טאַקע יענער וועג, אויף וועלכן ער איז געגאַנגען – ריכטיקער, אויף וועלכן ער האָט געפּרוווט גיין.

דערדאָזיקער וועג האָט געפירט אין דער טויטער מלוכה פון קוויעטיזם *). און טאָלסטאָי איז געווען אַ צו-לעבעדיקער מענטש, צו זאָל זיך גוט פילן אין דערדאָזיקער מלוכה. ער האָט זיך געריסן פון איר צוריק. און וואָס מער ער האָט גע-וואָלט זיך פון איר אַרויסבאַקומען, האָט ער זיך אַלץ מער פאַרפּלאָנטערט אין די סאַמע אויסגאַנגסלאָזע און פיינלעכסטע סתירות. ער קאָן נישט פאַרבלייבן אין דעם אומפּרוכטבאַרן לאַנד פון קוויעטיזם. אָבער ווי נאָר ער פּרוווט אַרויסגיין פון זיינע גרענעצן, צווינגט אים זיך אומצוקערן צוריק – די נישט-בויגזאַמע לאָגיק פון זיין דאָקטרינע, וועלכע איז באַגרינדעט אויף דער קעגנשטעלונג פונם „אייביקן" צום „צייטווייליקן", פונם „גייכט" צום „קערפּער".

מיר האָבן אויבן געזען, אַז אין הסכם מיט דערדאָזיקער דאָקטרינע דאַרף מען נישט אַנטוויקלען אין זיך דאָס פיזישע (חיהשע) רחמנות-געפיל צו מענטשן. די אויפגאַבע פון דעם אמתדיקן קריסט באַשטייט נישט דערין, ער זאָל ראַטעווען מענטשן פון פיזישע יסורים. היינט האָט איר געראַטעוועט אייער פריינט פון אַ משוגענעם הונט און „אין אַ סך יאָרן אַרום" שטאַרבט ער פון איבערעסן זיך. וואָס-זשע האָט איר דערגרייכט? דאָס איז נאָך נישט אַלץ. קיין מענטש קאָן דעם אַנדערן נישט מאַכן „תשובה-טאָן". דעריבער איז טאָלסטאָי געווען צופרידן, ווי מיר ווייסן, ווען ס'האָט ביי אים גענומען נעלם ווערן דער גייסט פון פּראָזעליטיזם. זייענדיק אין אַזאַ שטימונג האָט ער געשריבן:

*) אַ מיסטישע לערע פון 17-טן יאָרהונדערט, וועלכע האָט געפּרעדיקט אַ פאַרבינדונג מיט גאָט דורך איבערלעבן נאָכטראַכטן און דורך גלייכגילטיקער באַציונג צום אַרום.

„אַ מענטש, וואָס פאַרשטייט דאָס לעבן, ווי קריסטוס לערנט עס פאַרשטיין, איז ווי ער וואָלט אַרויפגעצויגן פון זיך אַ פאָדים אַרויף צו גאָט, ער פאַרבינדט זיך מיט אים און, איבעררייסנדיק אַלע זייטיקע פעדים, וועלכע פאַרבינדן אים מיט מענטשן (אַזוי הייסט אויך קריסטוס), האַלט ער זיך בלויז אויף דעם געטלעכן פאָדים און פירט זיך אין לעבן נאָר לויט אים".

טאָלסטאָי ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ מאָנאַדע*), וועלכע פאַרמאָגט נישט, ווי באַקאַנט, קיין פענסטער צום דרויסן. זיין גאַנצע מאָראַל נעמט-אָן אַ ריין נעגאַטיוון כאַראַקטער: „כעס זיך נישט. נואף נישט. שווער נישט. האַלט נישט מלחמה. אָט אין וואָס עס דריקט זיך ביי מיר אויס דער תּוך פון קריס-טוסעס לערע".

אָבער כאָטש די מאָנאַדע האָט נישט קיין פענסטער אין דרויסן אַרויס, הערט נישט אויף דער דרויסן צו קלאַפּן פאַר זיין לעבן, צו זוכן פאַרגעניגנס און צייטנווייז שווער צו ליידן. דידאָזיקע ליידן דערגרייכן צו דער מאָנאַדע און זי רופט זיך אָפּ אויף זיי, ווייל איר האַרץ איז בעסער ווי איר דאָקטרינע. טאָלסטאָי פאַרלאָזט דאָס אומפּרוכטבאַרע לאַנד פונם קוויעטיזם.

אין 1892 טרעפט רוסלאַנד אַ „נישט-גערעטעניש אויף ברויט-פּראָדוקטן". פויערן הונגערן. טאָלסטאָי איילט מיט הילף, ער פאַרלאָזט דאָס פּריוואַטע לעבן אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ; עס הויבט זיך אָן דאָס טעטיקע מיטהעלפן דעם נאָענטן. מיינט איר דאָך, אַז טאָלסטאָי איז גליקלעך, באַפרייענדיק זיך פון דער שווערקייט פון יאַסנאַפּאָליאַנער „קרייז"? האָט איר אַ טעות. אָט הערט:

„אַ מאָדנע זאַך! אויב ס'איז נאָך ביי מיר געווען אַ ספק צי מ'קאָן מיט געלד טאָן גוטס, האָב איך מיך איצטער, קויפנ-דיק פאַר געלט ברויט און שפּייזנדיק עטלעכע טויזנט מאַן,

*) מאָנאַדעס, נישט ממשותדיקע וועזנס, וועלכע בילדן לויט אַ געוויסער פילאָזאָפישער שיטה, דעם אור-יסוד פון דער וועלט.

פולשטענדיק איבערצייגט אין דעם, אַז אַחוץ שלעכטס, קאָן מען מיט געלט גאָרנישט אויפטאָן.

„ווען איר פרעגן: „פאַרוואָס-זשע זענט איר פאַר ווייטער אָט די טעטיקייט"?

„דערפאַר, וואָס איך קאָן מיך נישט אַרויסרייסן און דער־פאַר, וואָס אַחוץ דעם שווערן צושטאַנד שפיר איך גאָרנישט און דעריבער מיין איך, אַז איך טו עס נישט צוליב דער באַ־פרידיקונג פון מיין פערזאָן.

„די שווערקייט ליגט נישט אין דער אַרבעט, די אַרבעט איז, אדרבא, אַ פאַרגעניגנדיקע און זי רייסט מיט, די שווער־קייט איז אויך נישט אין דער באַשעפטיקונג, וואָס איז נישט צום האַרצן, נאָר אין דעם אינערלעבן, שטענדיקן פילן אַ חרפה פאַר זיך אַליין".

מיט וואָס אייגנטלעך האָט זיך טאָלסטאָי געשעמט אין געגעבענעם פאַל? באַטירלעך, נישט דערמיט, וואָס ער איז גע־קומען צוהילף זיינע נאָענטע. דאָס איז געווען גוט. נאָר שלעכט איז געווען, לויט זיין מיינונג, דאָס, וואָס ער האָט זיי געהאָלפן מיט געלט, מיט וועלכן מ'קאָן קיין גוטס נישט אויפטאָן. ווי-זשע דען דאַרף מען העלפן די נאָענטע? מ'דאַרף זיי העלפן, אַנט־פלעקנדיק פאַר זיי דאָס ליכט פון דער אמתער לערע. טאָלסטאָי וואָלט נישט געליטן און וואָלט זיך נישט געשעמט פאַר זיך אַליין, ווען ער וואָלט געקאָנט זיין אויסגעהאַלטן. און אויסגעהאַלטן וואָלט ער געווען, ווען ער וואָלט געבליבן טריי דעם גייסט פון זיין לערע, און ער וואָלט, קומענדיק אין אַ הונגערנדיקער געגנט, גענומען פרעדיקן צו פויערים, ווי אַזוי מ'דאַרף לעבן לויטן געבאָט פון אמת: „כעס זיך נישט. נואף נישט. שווער נישט. האַלט נישט מלחמה". און מיינט נישט, אַז איך טרייב דאָ רכילות וועגן טאָלסטאָיס לערע. איך דעק נאָר אויף פאַר אייך איר אמתע נאַטור. טאָלסטאָי איז געווען אבסאָלוט טריי דערדאָ־זיקער לערע, און ער האָט געשריבן:

„אויב דו וועסט דיר קלאָר פאָרשטעלן דעם טויט און וועסט אַרויסרופן אין דיין נשמה דאָס, וואָס פאַרניכטעט זיי־

פחד (ס'איז פאַראַן בלויז אַ פחד, — קיין טויט גופא איז נישטאָ), איז דאָס, וואָס דו ווערסט אַרויסרופן, געגנוג די והותר אויף צו פאַרניכטן אַלע קערפּערלעכע מוראס און משוגעת, און איזאָלירטע תפיסה".

„פינף און צוואַנציק יאָר משוגעת אָדער איזאָלירטע תפיסה דאַכטן זיך בלויז אויס, ווי אַ פאַרלענגערונג פון דער גסיסה; אין דער אמתן אָבער איז קיין פאַרלענגערונג גאָר נישטאָ, ווייל, לגבי דעם אמתדיקן לעבן, וואָס איז אונז געגעבן, איז אַ שעה און אַ יאָרטויזנט אַלצאיינס".

אָט אין די שורות איז לייכט צו דערקענען דעם אויטאָר, וואָס האָט אויסגעטראַכט די אונז שוין באַקאַנטע ראיות פאַרן נישט-אַנטקעגנשטעלן זיך קעגן שלעכטס: דאָס „איבערעסן זיך", וואָס פון אים ווערט „אין אַ סך יאָרן אַרום" שטאַרבן מיין פריינט, וועלכן איך האָב היינט אַפּגעראַטעוועט פון אַ משוגענעם הונט; די עפּידעמיע, וואָס וועט מאָרגן אומברענגען מיינע קינדער, וועלכע מ'האָט היינט אַרויסגעריסן פון דעם „זולוס"עס הענט. אויב ס'עקזיסטירט נישט קיין „פאַרלענגערונג פון דער גסיסה" פאַר אַ מענטשן, וואָס מ'האָט אַריינגעזעצט אין תפיסה אויף 25 יאָר, איז דאָך אויך נישטאָ קיין פאַרגרעסע-רונג פון די „גסיסה"-יסורים פאַר אַ מענטשן, וועמען ס'שטייט פאַר אַ הונגער-טויט. ווארים, אויב אַ שעה און אַ יאָרטויזנט זענען אַלצאיינס לגבי דעם אמתדיקן לעבן, וואָס איז אונז געגעבן געוואָרן, איז דאָך נאָכמער גלייכגילטיק פון וואָס מיר וועלן שטאַרבן — פון הונגער צי פון אַ טיפוס-מיקראָב. אָט פאַרוואָס טאָלסטאָי האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ שלעכטן „דינער פון גאָט", ווען ער האָט אַרויסגעהאָלפן די הונגערנדיקע פויערים.

דאָס אַנטקעגנשטעלן דאָס „צייטווייליקע" קעגן דעם „איי-ביקן" האָט אים דערפירט דערצו, אַז ער האָט געמוזט אין דערזעלבער מאָס ליידן דאַן, ווען ער האָט געפּאָלגט דאָס געבאָט פונם „אייביקן", פונקט ווי ווען ער האָט געדינט צום „צייטווייליקן". אין ערשטן פאַל, האָט ער אָנגעטראָפן אכזריות,

מיט וועלכער ער האָט זיך נישט געקאָנט איינלעבן; און צווייטן — האָט ער נישט געקאָנט געפינען קיין מאָראַלישע סאַנקציע פאַר די טובות, וואָס ער האָט געטאָן מענטשן. און ביידע פאַלן האָט ער אומבאַדינגט געמוזט זיך האַלטן פאַר נישט קאָנסעקווענט און שוואַך אינם קאַמף מיט די מכשולים. און אין ביידע פאַלן האָט אים שטאַרק געפייניקט דאָס באַוווסטזיין פון זיין שוואַכקייט און נישט-אויסגעהאַלטנקייט. אָט אין וואָס עס איז באַשטאַנען דער „פאַטאָס" פון זיין לעבנס-טראַגעדיע!

דאָס אַנטקעגנשטעלן דאָס „צייטווייליקע" קעגן דעם „איי-ביקן" איז געווען אַזוי גוט ווי אַ ריס צווישן דער מאָראַל מיטן לעבן; אָבער אַזאַ ריס צווישן מאָראַל מיטן לעבן האָט אויף אַ פאַטאַלן אופן געבראַכט מיט זיך אַן אומצופרידנקייט, וואָרים אַ מאָראַל וואָס איז אָפגעריסן פון לעבן — איז פונקט אַזוי אוממאָראַליש, ווי אַ לעבן וואָס האָט פאַרלוירן יעדן מאָראַלישן אינהאַלט.

איך חזר איבער: אויב די מכשולים זענען געווען, האָבן זיי געשפילט די קלענסטע ראָל. אויסערדעם, ווייס איך נאָך נישט, ווען טאָלסטאָי האָט זיך מער פאַרגעוואָרפן זיין נישט קאָ-נען מלחמה-האַלטן מיט די מכשולים: צי דאַן, ווען ער איז געווען אין יאַסנאַיאַ פאָליאַנאַ, צי דאַן, ווען ער האָט באַ-שפייזט די הונגערנדיקע פויערים.

V

אין דער בראָשור „וואָס איז מיין לעבן" זענען פאַראַן שורות, וועלכע פאַרדינען די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע, וואָס ווילן ריכטיק אָפשאַצן טאָלסטאָיס לערע. די שורות זענען אַזעלכע:

„באַלד ווי עס איז מיר געלונגען צו צעשטערן אין מיין באַוווסטזיין די סאָפיזמען פון דער וועלטלעכער לערע, האָט זיך די טעאָריע צונויפגעגאָסן מיט דער פראַקטיק, און די ווירק-

לעבקײט פון מיין לעבן און פון אַלע מענטשנס לעבן — איז געוואָרן איר נאַטירלעכער רעזולטאַט״.

„איך האָב באַגריפן, אַז דער מענטש דאַרף לעבן אַחוץ פאַר זיין אייגענער טובה וועגן, אויך פאַר דער טובה פון אַנדערע מענטשן; אַז אויב מ'זאָל נעמען אַ ביישפּיל פון דער וועלט פון חיות (ווי עס האָבן ליב צו טאָן געוויסע מענטשן, וועלנדיק פאַרטיידיקן קאַמף און גוואַלטטאַט מיטן קאַמף פאַר עקזיסטענץ אין דער חיות-וועלט), דאַרף מען נעמען אַ ביישפּיל פון געזעלשאַפטלעכע חיות, ווי בינען; דער מענטש, שוין נישט רעדנדיק וועגן זיין איינגעבוירענער ליבע צום נאָענטן, איז לויט זיין שכל און לויט זיין נאַטור באַרופן צו ברענגען נוצן אַנדערע מענטשן און דעם אַלגעמיין-מענטשלעכן ציל״.

אין דער ווירקלעכקייט איז פאַרגעקומען לחלוטין דאָס פאַרקערטע פון דעם, וואָס טאָלסטאָי האָט געזאָגט. באַלד ווי אים איז געלונגען פּטור צו ווערן אויף אַ באַפרידיקנדיקן פאַר אים אופן דערפון, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר אַ סאָפיזם פון דער וועלטלעכער לערע, האָט זיין טעאָריע פאַרלוירן יעדן צוזאַמענהאַנג מיט דער פּראַקטיק, און זיין פאַרשטעלונג וועגן לעבן האָט פאַרלוירן יעדן ווירקלעכן אינהאַלט.

טאָלסטאָי עצהט געוויסע מענטשן, זיי זאָלן אַראָפּנעמען אַ „ביישפּיל פון געזעלשאַפטלעכע חיות״. לאָמיר פאָלגן זיין עצה.

ביי די געזעלשאַפטלעכע חיות זענען שטאַרק אַנטוויקלט די געזעלשאַפטלעכע (סאָציאַלע) געפילן. ווי אַזוי זענען זיי אַנטשטאַנען? זיי האָבן זיך אַנטוויקלט אינם קאַמף פאַר דער פיזישער עקזיסטענץ. ווען עס וואָלט נישט געווען דער דאָזיקער קאַמף, וואָלטן אויך נישט געווען דידאָזיקע געפילן. ווען די סאָציאַלע חיות, וואָלטן — גאָט זאָל אָפּהיטן! — גע-קומען צו דער איבערצייגונג, אַז אויב עס טוט מיר וויי אַ צאָן אָדער דער בויך, — זאָל ווייטאָן, וואָס אַרט דאָס מיך; ווען זיי וואָלטן אָנגעהויבן איינרעדן איינע די אַנדערע: בעסער זאָלסטו ווערן אויפגעפרעסן דורך אַ משוגענעם הונט איידער

זאָלסט שטאַרבן „אין אַ סך יאָרן אַרום״ פון איבערעסן זיך, וואָלטן „געוויסע״ מענטשן נישט געהאַט שוין מער די מעגלעכ-קייט אַראָפּצונעמען זיך פון זיי אַביישפּיל, ווייל די געזעל-שאַפטלעכע חיות וואָלטן שוין מער אויף דער וועלט נישט געווען. מיר זעען אַזוי-אַרום, אַז טאָלסטאָיס פאַרגלייך רעדט קעגן אים.

דער מענטש איז אַ לעבעדיק וועזן, וואָס האָט זיינע פיזיאָלאָגישע באַדערפנישן. דער פאַרלאַנג צו באַפרידיקן די דאָזיקע באַדערפנישן רופט אַרויס דעם קאַמף פאַר דער עקזיס-טענץ. אָבער דער מענטש איז אַ געזעלשאַפטלעכע חיה. ער קעמפט פאַר דער עקזיסטענץ נישט איינער אַליין נאָר גרופּעס-וויין, — און די ברייטערן זיך אויס אַלץ מער מיטן וווקס פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות. אין דידאָזיקע גרופּעס אַנטשטייען באַציונגען און אויף זייער באָדן ווערן געשאַפן פאָרמען פון דער מאָראַל, אַנטוויקלען זיך געזעלשאַפטלעכע געפילן און מענטשלעכע פאַרלאַנגען, דאָס, וואָס קאָן זיך אין פלוג אויס-ווייזן בלויז אַלס אַ מקור פון עגאָאיזם, שאַפט אין דער אמתן,— ווי אַ רעזולטאַט פון דער געמיינזאַמער טעטיקייט, וואָס ציט זיך אין משך פון אַ סך דורות, ווי אַ פועל-יוצא פון דער לאַנגער און פעסטער צוזאַמענפאַסונג פון די אַלגעמיינע באַ-דינגונגען, — אַן אַלטרואיזם, אַן איבערגעגעבנקייט דעם אַלגעמיינעם נוצן, אַ שטרעבונג צו „אַלמענטשלעכע״ צילן. טאָלסטאָי האָט קיינמאָל נישט געקענט פאַרשטיין דידאָזיקע דיאַלעקטיק פונם לעבן, פונקט ווי עס האָבן דאָס נישט פאַר-שטאַנען די ענציקלאָפּעדיסטן פון 18-טן יאָרהונדערט, וועלכע האָבן זיך געצאַמפּערט אַרום דער פראַגע, — פונוואַנען האָבן זיך גענומען די מאָראַלישע באַגריפן צום מענטשן, וועלכער איז בלויז אַ „פילנדיקע מאַטעריע״, וואָס איז אורשפּרינגלעך באַ-שאָנקען מיט דער איינציקער שטרעבונג צו לעבן און אויס-מיידן ליידן. דידאָזיקע פראַגע איז פאַרענטפערט געוואָרן ערשט דורכן דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם, וועלכער איז פאַרבליבן אינגאַנצן נישט צוטריטלעך פאַר טאָלסטאָיען.

דאָס נישט קענען פאַרשטיין די אָנגעוויזענע דיאַלעקטיק פונם לעבן האָט דערפירט טאָלסטאָיען צו דער טעאָרעטיש נישט אויסגעהאַלטענער קעגנשטעלונג פונם „אייביקן” מיטן „צייטווייליקן”, פונם „גייסט” מיטן „קערפּער”. און דידאָזיקע קעגנשטעלונג האָט אים געשטויסן אין אַ לאַבירינט פון פּראַקטישע ווידערשפּרוכן, וועלכע האָבן זיך שווער אָפּגערופן אויף זיין מאָראַלישן צושטאַנד.

דער ביישפּיל טאָלסטאָי באַווייזט נאָכאַמאָל, ווי ווייט נישט אויסגעהאַלטן עס איז דער אידעאַליזם אין דער לערע וועגן מאָראַל.

דער לעזער געדענקט, וואָס טאָלסטאָי האָט געזאָגט וועגן אייגנטום: „אייגנטום איז אַ פיקציע, עפּעס אַן אויסגעטראַכטע זאַך, וועלכע עקזיסטירט בלויז פאַר די, וואָס גלויבן אין מ אַ מ אָ ן”. פּרוווט מען קעגנשטעלן דאָס „אייביקע” מיטן „צייטווייליקן”, דעם „גייסט” מיטן „קערפּער” — דרינגט דערפון לאָגיש אַרויס אַזאַ קוק אויף אייגנטום. אָבער מיר ווייסן דאָך שוין, אַז די דאָקטרינע, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אויף דער דאָזיקער קעגנשטעלונג, האָט ווייט נישט באַפרידיקט טאָלסטאָיען. עס איז דעריבער גאַנץ נאַטירלעך, אַז טאָלסטאָי האָט נ אָ ך אַ קוק אויף אייגנטום.

ער מאַכט אַן אונטערשיד צווישן צוויי מינים אייגנטום. — „דאָס אייגנטום, אַזוי ווי עס איז איצט, — איז אַ שלעכטס. דאָס אייגנטום גופא, אַלס אַ פרייד דערמיט, וואָס און ווי אַזוי איך האָב עס געשאַפן — איז גוטס. און מיר איז קלאָר געוואָרן: איידער ס'איז געווען דער לעפל, איז געווען אַ שטיק האָלץ. האָב איך זיך דערטראַכט, געאַרבעט און אויסגעשניצט אַ לעפל. קאָן דען זיין אַ ספק, אַז דער לעפל איז מיינער, ווי די נעסט פונם פויגל — איז זיין נעסט, מיט וועלכער ער באַנוצט זיך ווען און ווי אַזוי ער וויל. אַן אייגנטום, וואָס ווערט אָפּגעהיטן דורך גוואַלטטאַט (דורך אַ פּאָליציאַנט מיט אַ רעוואָלווער), — דאָס איז שלעכטס. מאַך אַ לעפל און עס מיט אים.

אָבער נאָר אַזוי לאַנג, כּל זמן אַ צווייטער דאַרף אים נישט — דאָס איז קלאָר".

אייגנטום, וואָס איז אַרומגעצוימט מיט גוואַלטטאַט, איז אַ מקור פון קנעכטשאַפט. אַזאַ אייגנטום בויט זיך אויף דעם, וואָס איין מענש עקספּלאָאַטירט דעם אַנדערן.

„קנעכטשאַפט הייסט, ווען איינע באַפרייען זיך פון דער אַרבעט, וואָס איז נויטיק כּדי צו באַפרידיקן די אייגענע באַדערפנישן, דורכדעם, וואָס מ'לייגט אַרויף דידאָזיקע אַרבעט אויף אַנדערע, און דאָ ווו ס'איז פאַראַן אַ מענש, וואָס אַרבעט נישט, — נישט דערפאַר ווייל אַנדערע אַרבעטן אַליין אויף מיטן גוטן ווילן, נאָר ווייל ער האָט די מעגלעכקייט נישט צו אַרבעטן און קאָן צווינגען אַנדערע צו אַרבעטן פאַר אים, — דאָרט איז קנעכטשאַפט. דאָ ווידער, ווו ס'זענען פאַראַן מענטשן, ווי אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער, וואָס באַנוצן זיך מיט דער אַרבעט פון טויזנטער מענטשן און זיי האַלטן דאָס פאַר זייער רעכט, — דאָרטן איז קנעכטשאַפט אין אַ שרעקלעכן מאַסשטאַב".

אמת, אין די איצטיקע אייראָפּעאישע לענדער וואַרפט זיך נישט אַזוי אין די אויגן די פאַרקנעכטונג פון איין מענטש צו דעם צווייטן צוליב דער עקזיסטענץ פון געלט. אָבער דאָס געלט פאַרדעקט בלויז דעם פאַקט פון פאַרקנעכטונג, עס באַזייטיקט אים אָבער נישט.

„געלט — דאָס איז אַ שרעקלעכע פאָרם פון קנעכטשאַפט, פּונקט אַזאַ, ווי די אַלטע פאָרם פון לייבקנעכטשאַפט, וואָס האָט דעמאָראַליזירט סיי דעם קנעכט סיי זיין האַר, ס'איז נאָך אַן ערגערע פאָרם, ווייל דאָס באַפרייט דעם קנעכט און זיין באַלעבאָס פון זייערע פּערזענלעכע מענטשלעכע באַציונגען".

ווען מיר זאָלן פאַרגלייכן דידאָזיקע לערע וועגן אייגנטום דערמיט, וואָס עס האָבן וועגן דעם געשריבן די סאָציאַליסטן-אוטאָפּיסטן און אַפילו אייניקע ענציקלאָפּעדיסטן פון XVIII יאָרהונדערט ווי ב ר י ס אָ, למשל, וועלן מיר דאָ נישט געפינען קיין שום נייס, אַ חוץ עטלעכע נאַאיווע אויסדרוקן. אָבער דער

סאָציאַליזם, — ווי דער אַלטער, אוטאָפּישער אַזוי אויך דער מאָדערנער, דער וויסנשאַפטלעכער — פאַרלייקנט נישט דאָס עולם-הזהדיקע און צייטווייליקע צוליבן אייביקן. ער ווייס, אַז דאָס אייביקע עקזיסטירט נאָר אינם צייטווייליקן. ער איז נישט מבטל די אינטערעסן פונם „קערפּער“ צוליב די אינטערעסן פונם „גייסט“. אים איז גוט באַקאַנט, — לכל הפחות, זייט ער איז געוואָרן אַ וויסנשאַפט, — אַז דער „גייסט“ איז א פונקציע פונם „קערפּער“, און אַז דערקלערן דאָס באַוווסטזיין אַלס אומאָפּהענגיק פונם זיין, באַדייט פּראָקלאַמירן די אוממעגלעכקייט און אומנויטיקייט פון דער קאָנטראָל פונם באַוווסטזיין איבערן זיין. בקיצור, דער שטאַנדפּונקט פונם סאָציאַליזם איז פּונקט דער היפּוך פון טאָלסטאָיס שטאַנדפּונקט.

פאַרוואָס-זשע ענדיקט טאָלסטאָי, אין זיין לערע וועגן אייגנטום, דערמיט, וואָס ער גייט אַריבער אויפן סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט? ווידעראַמאָל צוליב יענער סיבה, וואָס ער פילט זיך נישט גוט אין דעם אומפּרוכטבאַרן מדבר פונם קוויעטיזם, וווהין עס האָט אים אַריינגעפירט זיין אייגענע לערע.

די בעסטע זייטלעך אין די ווערק פון יענעם פּעריאָד ביי טאָלסטאָיען, וועלכן מ׳קאָן אָנרופן אַלס רעליגיעזן פּעריאָד, זענען געווידמעט דער שילדערונג און אויפדעקונג פון די אַלע פיזישע און מאָראַלישע שלעכטסן, וועלכע זענען אַנטשטאַנען אַ דאַנק דעם אייגנטום, וואָס איז געגרינדעט אויף דער עקספּלאָאַטאַציע פון איין געזעלשאַפטלעכן קלאַס דורכן צווייטן. און ס׳איז קיין ספק נישט, אַז דידאָזיקע זייטן האָבן אים געבראַכט דעם הייסן מיטגעפיל פון אַ סך און אַ סך לעזער. דער פּראָלעטאַריאַט שעצט אין טאָלסטאָיען, כמעט הויפּטזאַכלעך, דעם אויטאָר פון דידאָזיקע אויסגעצייכנטע זייטלעך. אָבער מ׳דאַרף קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז בעת טאָלסטאָי האָט געשריבן די זייטלעך, האָט ער אויפגעהערט צו זיין אַ טאָלסטאָיאַנער. דער פּראָלעטאַריאַט, קאָן זיין אומבאַוווסטזיניק, שעצט, אַזוי-אַרום, אין טאָלסטאָיען נישט יענעם, וואָס האָט געשאַפן זיין לערע וועגן לעבן, נאָר יענעם טאָלסטאָי, וואָס האָט זיך פון

דערדאָזיקער לערע אָפּגעזאָגט. און דערפאַר האָט טאָקע טאָלסטאָי פאַרדינט די אַכטונג און גוטע באַציונג. אָבער מ'דאַרף ווייטער געדענקען, אַז ווי נאָר ס'איז געקומען צו רייד וועגן דעם, ווי אַזוי מ'זאָל באַזייטיקן די אַלע פיזישע און גייסטיקע ליידן, וואָס ער האָט אַזוי גוט געשילדערט, — און וואָס זייער סיבה האָבן אים אַזוי קלאָר אָנגעוויזן די סאָציאַליסטן, — האָט ער תיכף ווידער פאַרלאָזן דעם שטאַנדפּונקט פונם „ציוויליזירטן" און — זיך צוריק אומגעקערט אין אום-פּרוכטבאַרן מדבר פונם קוויעטיזם. דאַמאָלס פלעגט ער ווידער אַרויסרוקן זיין אייגענע, ד. ה. דורך אים אויסגעטראַכטע, און נישט די גענומענע פון די סאָציאַליסטן, לערע וועגן אייגנטום, ווי וועגן אַ פיקציע, וועגן עפּעס אַן אויסגעטראַכטע זאַך, וואָס עקזיסטירט נאָר אין דער פאַנטאַזיע פון די מענטשן, וואָס גלויבן אין גאָט מ א מ אָ ן. דאַן פלעגט ער ווידער אָנהויבן אויף פאַרשידענע אופנים טענהן וועגן נישט שטעלן קיין ווידער-שטאַנד דעם שלעכטס און איבערחזרן: „כעס זיך נישט. נואף נישט. שווער נישט. האַלט נישט מלחמה". אָט פאַרוואָס ע ר, וואָס האָט אַזוי פיל גענומען ביי די סאָציאַליסטן, האָט זיך געהאַלטן, מיט רעכט, פאַר זייער ווייט פון זיי. ער האָט זיי תמיד געשטעלט אויף איין מדרגה מיט די פּאָפּן, וועלכע ער האָט שטאַרק נישט ליב געהאַט די לעצטע יאָרצענטליקן פון זיין לעבן.

אין טאָלסטאָיס בוך „רייפע זאַנגען" איז פאַראַן נישט קיין גרויס אָבער זייער אַ באַלערנדיק קאַפּיטל: „וועגן פאַרטוישן באַגריפן". דאָרטן ווערט געזאָגט: „אָפט נאַרן מיר זיך דורכ-דעם, וואָס, צונויפטרעפנדיק זיך מיט רעוואָלוציאָנערן מיינען מיר, אַז מיר שטייען נאָענט איינע צו די אַנדערע. „נידער מיט דער מלוכה!" — „נידער מיט דער מלוכה". — „נידער מיטן אייגנטום"!" „נידער מיטן אייגנטום". — „נידער מיט דער אומגלייכהייט!" — „נידער מיט דער אומגלייכהייט", און אַזוי ווייטער. דאַכט זיך, אַלצאיינס. אָבער ס'איז פאַראַן אַ גרויסע נפקא-מינה, און, דאַכט זיך, אַז ס'איז גאָר נישטאָ קיין ווייטערע

מענטשן, ווי מיר זענען איינע פוּ די אַנדערע. פאַרן קריסט עקזיסטירט נישט קיין מלוכה, זיי ווילן פאַרניכטן די מלוכה. פאַרן קריסט עקזיסטירט נישט קיין אייגנטום, זיי ווילן צע-שטערן דאָס אייגנטום. פאַרן קריסט זענען אַלע גלייך, זיי ווילן אונטערברענגען די נישט-גלייכהייט. דאָס זענען צוויי עקן פון אַ נישט-צונויפגעשלאָסענעם רינג. די עקן זענען איינע לעבן די אַנדערע, אָבער גלייכצייטיק זענען זיי דערווייטערט איינער פון אַנדערן מער, ווי אַלע אַנדערע טיילן פונם רינג. מ'דאַרף אַרומגיין דעם גאַנצן רינג, כדי צו פאַרייניקן די שפּיצן".

דאָ איז דאָס טעותדיקע צונויפגעמישט מיטן ריכטיקן. אָבער דאָס טעותדיקע שפּילט דאָ קיין ראָל נישט און דאָס ריכטיקע האָט אַ גרויסע באַדייטונג.

אַזוי, למשל, טאָלסטאָי באַהויפּטעט, אַז די רעוואָלוציאָנערן ווילן „פאַרניכטן די מלוכה", דאָס איז ריכטיק נאָר בנוגע די אַנאַרכיסטן. אָבער אין די רייען פון די היינטיקע רעוואָלוצ-יאָנערן בילדן דאָך די אַנאַרכיסטן נאָר אַ מינדערוועדטיקע מינדערהייט, אויב מ'קאָן זיי בכלל אָנרופן רעוואָלוציאָנערן, — איך האַלט נישט דערפון. הייסט עס, אַז טאָלסטאָיס באַהויפּטונג איז נישט ריכטיק. ס'איז אויך נישט ריכטיק די צווייטע באַ-הויפּטונג זיינע, אַז די רעוואָלוציאָנערן ווילן „צעשטערן דאָס אייגנטום". איך וועל זאָגן נאָך מער, ווער עס איז געוווינט צו דענקען קלאָר און באַרעכנט, דער וועט בכלל נישט פאַרשטיין וואָס הייסט דאָס „צעשטערן" אין באַצוג צו אַזאַ מין געזעל-שאַפטלעכער אינסטיטוציע, ווי דאָס אייגנטום. די היינטיקע רעוואָלוציאָנערן אין זייער גרעסטער מערהייט — ד. ה. ווידעראַמאָל מיטן אויסנאַם פון די אַנאַרכיסטן, וועלכע זענען גאַנץ צווייפלהאַפטע רעוואָלוציאָנערן — ווילן נישט „צע-שטערן" דאָס אייגנטום, נאָר ענדערן זיין כאַראַקטער: זיי ווילן פאַרטוישן דאָס פּריוואַטע אייגנטום פון די פּראָדוקציע-מיטלען — אויף אַ געזעלשאַפטלעכן. די „צעשטערונג" פון אייגנטום, — אויב מ'זאָל עס פאַרשטיין, ווי אַ פאַרניכטונג

אָדער באַשעדיקונג פון זאַכן, איז תמיד שטרענג פאַראורטיילט געוואָרן און ווערט פאַראורטיילט דורך די סאָציאַליסטן, אַלס אַ שעדלעכע דערשיינונג, וואָס באַווייזט בלויז די אומבאַוווסט-זיניקייט פון די מענטשן, וואָס טוען אַזוי.

אָבער דאָס איז נישט וויכטיק. און דאָס וואָס איז וויכ-טיק — דאָ איז טאָלסטאָי געווען פולשטענדיק גערעכט. ס'איז נישט געווען און ס'זענען נישט פאַראַן קיין מענטשן, וואָס זאָלן זיין אַזוי ווייט פון אים, ווי דאָס זענען די מאָדערנע סאָציאַ-ליסטן... ריכטיקער, — ווי די סאָציאַליסטן, וועלכע פאַרשטייען באמת זייערע אייגענע טעאָרעטישע אָנשויונגען און זייערע פראַקטישע שטרעבונגען. מ'קאָן זיך גאָר בעסער נישט אויס-דריקן: „דאָס זענען ווי צוויי עקן פון אַ נישט-געשלאָסענעם רינג... מ'דאַרף אַרומגיין דעם גאַנצן רינג, כדי מ'זאָל קאָנען פאַריייניקן די שפּיצן״. ווער עס פאַרשטייט דאָס נישט, דער מישט צונויף פאַרשידענע באַגריפן.

וו. אילאין

ל. נ. טאָלסטאָי און די מאָדערנע אַרבעטער־באַוועגונג

כמעט אין אַלע גרויסע שטעט פון רוסלאַנד האָבן די אַרבעטער שוין אָפּגערופן זיך אויפן טויט פון ל. נ. טאָלסטאָי, און האָבן, אַזוי ווי אַנדערש, אויסגעדריקט זייער באַציאונג צום שרייבער, וואָס האָט געגעבן אַ ריי גלענצנדיקסטע קינסטלערישע ווערק, — ווערק, וועלכע זיכערן אים אַן אָרט צווישן די גרויסע שריפטשטעלער פון גאָר דער וועלט, — און צום דענקער, וואָס האָט מיט אומגעהייערער קראַפט, זיכערקייט און אויפריכטיקייט געשטעלט אַ גאַנצע ריי פראַגן, וועלכע זענען נוגע די גרונטשטריכן פון הייַנטיקן פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן סדר. אין אַלגעמיין איז דידאָזיקע באַציאונג אויסגעדריקט אין דער פּאַרעפנטלעכטער אין דער פרעסע טעלעגראַם, וואָס די אַרבעטער־דעפּוטאַטן פון דער דריטער דומע האָבן אַרויסגעשיקט.

בעת ל. נ. טאָלסטאָי האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט, איז נאָך געווען פּאַנשטשיזנע, אָבער ס'איז שוין קלאָר געווען, אַז זי דערלעבט אירע לעצטע טעג. די עיקר־טעטיקייט טאָלסטאָיס פאַלט אויף יענעם פּעריאָד רוסישע געשיכטע, וועלכער ליגט צווישן צוויי קער־פּונקטן, צווישן די יאָרן 1861 און 1905. אין אָט דעם פּעריאָד האָבן די שפּורן פון פּאַנשטשיזנע, אירע אוממיטלבאַרע איבערלעבונגען, אַדורכגעדרונגען דאָס גאַנצע ווירטשאַפטלעכע (באַזונדער דאָס דאָרפישע) און דאָס גאַנצע פּאָליטישע לעבן פון לאַנד. און גלייכצייטיק איז דאָס

גראָד געווען דער פּעריאָד, ווען דער קאַפּיטאַליזם איז שטאַרק געוואַקסן פון אונטן און מען האָט אים קולטיווירט פון אויבן.

אין וואָס זענען געקומען צום אויסדריק די איבערלעבונגען פון פּאַנשטשיזנע? מער פאַר אַלץ און קלאָרער פאַר אַלץ דערין, וואָס אין רוסלאַנד, אַ לאַנד בעיקר פון ערד-אַרבעט, האָט זיך דאַן די לאַנדווירטשאַפט געפונען אין די הענט פון רוינירטע, פאַראָרימטע פויערן, וועלכע האָבן געפירט אַן אַלטפּרענקישע באַלעבאַטישקייט אויף די אַלטע פּאַנשטשיזנע-נחלאות, וואָס זענען אין יאָר 1861 צוגעשניטן געוואָרן לטובת די פּריצים. און פון דער צווייטער זייט איז די לאַנדווירטשאַפט געווען אין די הענט פון פּריצים, וועלכע האָבן, אין צענטראַל-רוסלאַנד, באַאַרבעט די ערד מיט פויערשער פּראַצע, מיט פויערשער סאָכע און מיט פויערשן פערד — פאַר צוגעשניטענע שטיקלעך ערד, פאַרן רעכט צו פיטערן די בהמות, צו נוצן די ברוגימס א. ד. ג. אין עצם, איז דאָס די אַלטע לייב-אייגנטימערישע סיסטעם (פּאַנשטשיזנע) פון ווירטשאַפט. און דער פּאָליטישער רעזשים פון רוסלאַנד פאַר אָט דער צייט איז אויך געווען דורך און דורך אַדורכגעזאַפּט מיט פּאַנשטשיזנע-גייסט. דאָס זעט מען אי פון דער מלוכה-אָרדנונג, איידער מען האָט געמאַכט די ערשטע פּרוּוון אין 1905, זי צו ענדערן, אי פון דעם וואָס די הויפּט-השפּעה אויף די מלוכה-ענינים האָבן געהאַט די פּריצים-גוטבאַזיצער, און אי פון דער אַלמאַכט פון די באַאַמטע, וועלכע זענען אויך געווען אין זייער רוב — באַזונדער די העכערע — פון די פּריצים.

אונטער דער ווירקונג פונם וועלט-קאַפּיטאַליזם, נאָך 1861 האָט דאָסדאָזיקע אַלטע פּאַטריאַרכאַלישע רוסלאַנד אָנגעהויבן שנעל זיך צעפאַלן. די פויערן האָבן געהונגערט, געוואָרן אביונים, און פלעגן אויסשטאַרבן, ווי קיינמאָל פריער — האָבן זיי מאַסנווייז געוואָרפן זייערע נחלאות און געלאָפן אין שטאָט. דאָרט האָבן זיך אינטעסיוו געבויט אייזנבאַנען, פאַבריקן און זאַוואָדן; אַדאַנק דער „ביליקער אַרבעט” פון די רוינירטע

פויערן אין רוסלאַנד איז געגאַנגען די אַנטוויקלונג פון גרויסן פינאַנץ-קאַפּיטאַל, פון גרויס-האַנדל און גרויס-אינדוסטריע.

און אַט דער האַסטיקער, שווערער, שאַרפער צוזאַמענ-ברוך פון אַלע אַלטע „יסודות" פון אַלטן רוסלאַנד האָט זיך עס אָפּגעשפּיגלט אין די ווערק פון טאָלסטאָי דעם קינסטלער און אין די אַנשויאונגען פון טאָלסטאָי דעם דענקער.

טאָלסטאָי האָט אויסגעצייכנט געקענט דאָס דאָרפישע רוס-לאַנד, דעם לעבנס-שטייגער פונם פריץ און פויער. אין זיינע קינסטלערישע ווערק האָט ער געגעבן אַזוינע שילדערונגען פון אַט דעם לעבנס-שטייגער, אז זיי געהערן צו די בעסטע מוס-טערן פון דער וועלט-ליטעראַטור. דאָס שאַרפע ברעכן זיך פון אַלע „אַלטע יסודות" פון דאָרפישן רוסלאַנד האָט צוגעשפּיצט זיין אויפמערקזאַמקייט, פאַרטיפט זיין אינטערעס צו דעם, וואָס אַרום אים איז פאָרגעקומען, און האָט גורם געווען צו אַן אי-בערברוך אין זיין גאַנצער וועלט-אַנשויאונג. לויט אָפּשטאַם און לויט דערציאונג האָט טאָלסטאָי געהערט צום העכסטן פּריצישן יחוס אין רוסלאַנד — ער האָט אָבער איינגעריסן מיט אַלע אָנגענומענע בליקן פון אַט דער סביבה, און אין זיינע לעצטע ווערק האָט ער זיך מיט ליידנשאַפטלעכער קריטיק געוואָרפן אויפן גאַנצן הייניטיקן מלוכהשן, קירכלעכן, געזעלשאַפטלעכן, עקאָנאָמישן סדר, וואָס האַלט זיך אויף דער פאַרקנעכטונג פון די מאַסן, אויף זייער דלות, אויף דעם חורבן פון די פויערן און פון די קליינע אייגנטימער בכלל, אויף גוואַלט און צביעות, וועלכע דרינגען אַדורך דאָס גאַנצע הייניטיקע לעבן, פון אויבן ביז אַראָפּ.

די קריטיק טאָלסטאָיס איז נישט ניי. ער האָט נישט גע-זאָגט קיין שום זאַך, וואָס עס זאָלן נישט האָבן שוין געזאָגט אין דער אייראָפּעאישער און רוסישער ליטעראַטור די, וועלכע האָבן געהאַלטן מיט די אַרבעטנדיקע. אָבער די אייגנטימלעכ-קייט פון טאָלסטאָיס קריטיק און איר היסטאָרישע באַדייטונג באַ-שטייט דערין, וואָס זי דריקט-אויס — און מיט אַזאַ קראַפט, ווי נאָר געניאַלע קינסטלער קענען — דעם איבערברוך אין

די בליקן פון די ברייטסטע פאָלקס-מאַסן אין רוסלאַנד, און נעמלעך פון דאָרפישן, פויערשן רוסלאַנד. וואָרים טאָלסטאָיס קריטיק פון איצטיקן רעזשים שיידט זיך אונטער פון דערזעלבער קריטיק ביי די פאָרשטייער פון דער מאָדערנער אַרבעטער-באַוועגונג טאַקע דערמיט, וואָס טאָלסטאָי שטייט אויפן שטאַנדפונקט פון פּאַטריאַרכאַלן נאַאיוון פויער. טאָלסטאָי טראָגט אַריבער אין זיין קריטיק, אין זיין לערע די פּסיכאָלאָגיע פונם פויער. טאָלסטאָיס קריטיק צייכנט זיך דערפאַר אויס מיט אַזאַ קראַפט פון געפיל, מיט אַזאַ ליידנשאַפטלעכקייט, איבערצייגעוודיקייט, פרישקייט, אויפריכטיקייט און אומדערשראָקנקייט אין דער שטרעבונג צו „דערגיין צום שורש", צו געפינען די אמתע סיבה פון די צרות פון די מאַסן — ווייל דידאָזיקע קריטיק שפּיגלט ווירקלעך אָפּ אַן איבערברוך אין די בליקן פון מיליאָנען פויערן, וועלכע זענען אָקאָרשט אַרויס אויף דער פריי פון דער פּאַנשטשיזנע, און האָבן דערזען, אַז דידאָזיקע פרייהייט באַדייט נייע אומגליקן פון חורבן, פון הונגער-טויט, פון היימלאָזן לעבן צווישן שטאָטישע „כיטראָווצעס" *) א. אַ. וו. טאָלסטאָי שפּיגלט אַזוי ריכטיק אָפּ זייער שטימונג, אַז ער טראָגט אַליין אַריבער אין זיין לערע זייער נאַאיווקייט, זייער ווייטקייט פון פּאָליטיק, זייער מיסטיציזם, דעם ווילן אַוועקצוגיין פון דער וועלט, „נישט שטעלן זיך קעגן שלעכטס", מאַכטלאָזע קללות אויפן אַדרעס פונם קאַפּיטאַליזם און פון דער „הערשאַפט פון געלט". דער פּראָטעסט פון מיליאָנען פויערן און זייער פאַרצווייפלונג — אָט וואָס ס'האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן אין טאָלסטאָיס לערע.

די פאָרשטייער פון דער מאָדערנער אַרבעטער-באַוועגונג האַלטן, אַז זיי האָבן קעגן וואָס צו פּראָטעסטירן, אָבער זיי האָבן נישט פון וואָס צו פאַרצווייפלען. פאַרצווייפלונג איז אין דער טבע פון די קלאַסן, וואָס גייען אונטער; דער קלאַס לוין-אַרבעטער אָבער וואַקסט אומפאַרמיידלעך, אַנטוויקלט זיך און

*) באָסיאַקעס פון כיטראָווער באַזאַר. רעד.

ווערט שטאַרק אין יעדער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, אין דעם כלל אויך אין רוסלאַנד. פאַרצווייפלונג באַפאַלט געוויינלעך דעם, וואָס פאַרשטייט נישט די סיבות פונם שלעכטס, וואָס זעט נישט קיין אויסוועג, וואָס איז נישט פעיק צו קעמפן. דער מאָדערנער אינדוסטריעלער פראָלעטאַריאַט געהער נישט צו אָט דעם מין קלאַסן.

ל. טראָצקי

לעוו טאָלסטאָי

I

טאָלסטאָי האָט דערגרייכט צו זיין 80 יאָריקן יובילעאום, און ער שטעלט זיך אונז היינט פאָר ווי אַן אַלטער פעלז באַדעקט מיט מאָך, וואָס שטאַמט אַרויס פון ווייטע עפּאָכן.

אַ מאָדנע זאַך! (ס'ווילט זיך מיר דאָ ברענגען אַ ביישפּיל פון אַ געביט, וואָס האָט אַ נאָענטע שייכות מיט טאָלסטאָיען) נישט נאָר אַ קאַרל מאַרקס, נאָר דאַכט זיך אַפילו אַ היינריך היינע לעבט נאָך היינט צווישן אונז. אָבער ס'אַראַ אומגעהויערער מהלך עס טיילט אונז שוין היינט אָפּ פון אונזער גרויסן שרייבער פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ! טאָלסטאָי איז אַלט געווען דרייאונדרייסיק יאָר, ווען פּאַנשטשיזנע איז אָפּגעשאַפט געוואָרן אין רוסלאַנד. ער איז דערצויגן געוואָרן און זיך אַנטוויקלט ווי אַ קינד פון „צען דורות, וואָס די אַרבעט האָט זיי נישט פאַרמאַטערט", אין אַן אַטמאָספער פון אַלטער רוסישער דאָרפישער אדעליקייט, מיט אַ גרויסן פריצישן שטעמפּל, צווישן פעלדער, וואָס זענען בירושה איבערגעגאַנגען פון טאַטן צו זון, אין אַ רחבותדיקן פעאָדאַלן הויז, אונטערן שאָטן פון שיינע ליפּן-אַלעען. די טראַדיציעס פון זיין דאָרפישער אדעליקייט, זיין ראָמאַנטישער כאַראַקטער, זיין פּאָעזיע און ענדלעך דער גאַנצער סטיל פון זיין לעבן, — דאָס אַלץ האָט טאָלסטאָי אין זיך אַזוי איינגעזאַפּט, אַז עס איז געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פון זיין פּערזענלעכקייט. אַן אַריסטאָקראַט איז ער געווען אין דער רגע, ווען זיין באַוווסטזיין האָט אויפגעוואַכט, אַן

אַריסטאָקראַט מיט אַלע פּיטשעווקעס איז ער פאַרבליבן ביז היינטיקן טאָג, ביז צו די טיפסטע קוואַלן פון זיין שעפערישער אַרבעט, נישט געקוקט אויף דער העכסטער עוואָלוציע פון זיין גייסט.

טאָלסטאָי דער אַריסטאָקראַט

אינם פריצישן פּאַלאַץ פון די פירשטן וואָלקאָנסקי, וועלכער איז נאָכדעם אַריבערגעגאַנגען צו דער משפחה טאָלסטאָי האָט דער דיכטער פון „מלחמה און שלום" געוווינט אין אַ פּשוט מעבלירטן צימער. אויף דער וואַנט הענגט אַ זעג און אין אַ ווינקל ליגט אַ סערפּ מיט אַ האַק. אָבער מיט אַ שטאָק העכער הענגען, ווי שומרים פאַרגליווערטע אין אַלטע טראַדיציעס, די פאַרשידענע פּאָרטרעטן פון אבות, פון דורי-דורות. ס'אַראַ סימבאָל! אין דער נשמה פונם באַלעבאָס פון דעם הויז געפינען מיר אויך דידאָזיקע צוויי שטאָק, אָבער אין אַ פאַרקערטער אָרדנונג. בעת אין די אויבערשטע געביטן פון זיין באַוווסטזיין האָט אויפגעבויט איר נעסט, די פילאָזאָפיע פון פשטות און אויסמישונג מיטן פאָלק, — איז אונטן, ווו ס'גראָבן זיך די וואָרצלען פון געפילן און ווילן, באַגריסט אונז גאָר אַ לאַנגע גאַלעריע פון פעאָדאַלע אבות.

אינם צאָרן פון אַ בעל-תשובה, האָט זיך טאָלסטאָי אָפּגעקערט פון דער פאַלשער הבל-הבלים'דיקער קונסט, וואָס פאַרשפרייט אַן אָפּגאָט-קולט מיט קינסטלעך-אַנטוויקלטע סימפּאַטיעס פאַר די הערשנדיקע קלאַסן און קולטיווירט זייערע קאַסטע-פאָראורטיילן מיט דער הילף פון שקר און פאַלשער שיינקייט. אָבער אין זיין לעצטן גרויסן ווערק „תחית המתים" שטעלט ער אַוועק אין צענטער פון זיין אַרטיסטישער אויפמערקזאַמקייט אַ רוסישן גוט-באַזיצער, רייך אין געלט און אין יחוס. ער הילט אים איין אין אַ באַגילטן געוועב פון לעגענדעס, מנהגים און אַריסטאָקראַטישע דערינערונגען, פונקט ווי ס'וואָלט קיין שענערס

און קיין וויכטיקערס אויף דער ערד נישט עקזיסטירט, אויסער דערדאָזיקער „אייטעלער" און „פאַלשער" וועלט.

פון פריצישן הויף פירט אַ גלייכער און קורצער וועג צום הויז פון פויער. טאָלסטאָי דער דיכטער האָט דעמדאָזיקן וועג מיט ליבע דורכגעמאַכט, אַ סך פריער, איידער טאָלסטאָי דער מאָראַליסט האָט געמאַכט זיין דאָרן-וועג. אַפילו נאָכן אָפּשאָפן די פאַנשטשיזנע באַטראַכט ער נאָך דעם פויער, ווי זיין אייגנ-טום, ווי אַן אינטעגראַלן טייל פון זיין אויסערלעכער וועלט און פון זיין אינטים וועזן. הינטער זיין „פעסטער ליבע צום אמתן אַרבעטער-פאָלק" זעט מען דערשיינען זיינע פעאָדאַלע קאָלעקטיווע אבות, איבערגעדיכטעט דורך זיין קינסטלערישן זשעני.

דער פריץ און דער פויער — דאָס זענען בעצם די איינציקע טיפּן, וואָס טאָלסטאָי האָט אַריינגעבראַכט אין קדשי-קדשים פון זיין שעפערישער אַרבעט. אָבער נישט פאַר זיין קריזיס און נישט נאָך זיין קריזיס האָט ער זיך נישט באַפרייט און נישט געפּרווט באַפרייען זיך פון דער אמתער פעאָדאַלער שנאה בנוגע די פּערזאָנען, וואָס שטייען צווישן פריץ און פויער, אָדער פאַרנעמען סתם אַ פלאַץ אויסער די גרענעצן פוןביידע הייליקע פאָלן פון דער אַלטער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג, ווי למשל: דער דייטשער אינטענדאַנט, דער סוחר, דער פראַנ-צויזישער לערער, דער דאָקטאָר, דער „אינטעליגענט" און ענדלעך דער פאַבריקס-אַרבעטער מיט זיין זייגער און גרויסער קייט. ער פּרווט גאָר קיינמאָל נישט צו שטודירן דידאָזיקע טיפּן, אַריינצוקוקן טיף אין זייערע נשמות, איבערצופרעגן זיי וועגן זייער גלויבן. און זיי גייען פאַרביי פאַר זיינע קינסט-לערישע אויגן, ווי פּערזאָנען, וואָס האָבן נישט קיין שום ווערט, אָדער גאָר ווי קאָמישע טיפּן. ווען ס'קומט אים אויס אַרויס-צוברענגען רעוואָלוציאָנערן פון די 70-ער אָדער 80-ער יאָרן, ווי למשל אין „תחית-המתים", באַגנוגט ער זיך דערמיט, וואָס ער פירט אַריין אין דער נייער סביבה זיינע אַלטע טיפּן פון אַדעליקע און פויערן, אָדער ער גיט אונז גאָר אויבער-

פּלעכלעכע און קאָמישע סקיצן. זיין נאָוואָדוואָראָוו קאָן פאַר־שטעלן אַ טיפּ פון אַ רוסישן רעוואָלוציאָנער, פּונקט ווי לעסינגס ריקאָ — אַ פּראָנצויזישן אָפיציר.

טאָלסטאָיס פיינטשאַפט צום נייעם לעבן

אָנהויב די 60־ער יאָרן, ווען רוסלאַנד איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ שטראָם פון נייע אידעען, נאָכמער אין נייע סאָציאַלע באַדינגונגען, האָט שוין טאָלסטאָי געהאַט אַ דריטל יאָרהונדערט הינטער זיך. אין פּסיכאָלאָגישן און מאָראַלן זין איז ער שוין געווען פולשטענדיק רייף. ס'איז איבעריק דאָ צו דערמאָנען, אַז טאָלסטאָי איז קיינמאָל נישט געווען קיין פאַר־טיידיקער פון לייב־אייגנטום, ווי ס'איז געווען זיין אינטימער פריינט פעט (שענשין), דער אַריסטאָקראַט און פיינער ליריקער, אין וועמענס נשמה די ליבע צו נאַטור האָט זיך געחברט מיט פאַרערונג צום קאַנטשיק. אָבער דאָס איז יאָ זיכער, אַז טאָלסטאָי האָט זיך באַצויגן מיט גרויס שנאה צו די נייע באַ־דינגונגען, וועלכע האָבן געזאָלט פאַרטרעטן די אַלטע. אין 1861 האָט ער געשריבן: „איך שטעל פעסט, אַז אַרום מיר האָבן זיך די זיטן נישט פאַרבעסערט און איך בין גאָרנישט מחויב צו גלויבן אויפן וואָרט די, וואָס זאָגן פאַרקערט. איך זע נישט, למשל, אַז די באַציאונגען פון די פאַבריקאַנטן צו די אַרבעטער זאָלן זיין מענטשלעכער, ווי די באַציאונגען פון די פריצים צו זייערע קנעכט".

די אויפרודערונג און כאַאָס אומעטום און אין אַלץ, די דעקאַדענץ פון דער אַלטער אַדעלשאַפט, דער שינוי אין פויערשן לעבן, דער אַלגעמיינער תהו־ובהו, דאָס אַש־ און שטויב פון צעשטערונג, דער מיש־מאַש און ליאַרם פון שטאָט־לעבן, די שענק און די פאַפּיראָסן אין דאָרף, די שונד־לידער פון פאַב־ריקס־אַרבעטער, אָנשטאָט דעם איידעלן פאָלקס־געזאַנג, — דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופן אַן עקל אין זיינע אַריסטאָקראַטישע

און קינסטלערישע געפילן. אָט דעריבער האָט ער זיך מאָראַליש אָפּגעקערט פון דעמדאָזיקן העסלעכן פּראָצעס און האָט אים אויף שטענדיק אָפּגעזאָגט זיין הסכמה פון אַ קינסטלער. ער האָט נישט געדאַרפט דווקא פאַרבלייבן פאַרטיידיקער פון פאַנשטשיזנע, כדי מיט לייב און זעל צו פאַרבלייבן אַן אָנהענגער פונם צוריקקער צו די פריערדיקע סאָציאַלע באַדינגונגען, אין וועלכע ער האָט געזען די קלוגע פשטות און געפונען די קינסטלערישע שלמות. דאָרט, אין יענע באַדינגונגען שאַפט דאָס לעבן פון דור צו דור, פון יאָרהונדערט צו יאָרהונדערט מיט כסדרדיקער אומפאַרענדערלעכקייט און אַלמעכטיק הערשט דאָ די הייליקע נויטווענדיקייט. אַלע אַקטן פון לעבן באַשטימען דאָרט — די זון, דער רעגן, דער ווינט און דער פּראָצעס פון גראָז-וואַקסן. ביי אַזעלכע באַדינגונגען איז נישטאָ קיין אָרט פאַרן שכל, אָדער פאַרן פערזענלעכן ווילן, און זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ס'איז אויך נישטאָ קיין אָרט פאַר דער פערזענלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פונם יחיד. אַלץ איז דאָרט פון לאַנג איינגעאָרדנט, באַרעכטיקט און סאַנקציאָנירט. אָן שום פאַראַנטוואָרטונג און אָן שום אייגענעם ווילן לעבט דאָ דער מענטש פשוט און געהאָרכזאַם, זאָגט דער גלענצנדער קינסטלער גליעב אוספּענסקי אין זיין „מאַכט פון דער ערד". און אָט דידאָזיקע שטענדיקע געהאָרכזאַמקייט,—פאַרוואַנדלט אין שטענדיקע אָנשטרענגונגען,— פאָרמירט דאָס גאַנצע לעבן און פירט אויסערלעך נישט צו קיין שום רעזולטאַט, אָבער זי אַנטהאַלט דאָך אין זיך אַליין איר רעזולטאַט... אָבער דאָס וווּנדער באַשטייט דערין, אַז דידאָזיקע פאַרשקלאַפטע אָפּהענגיקייט, אָן נאָכדענק און אָן אויסוואַל, אָן פעלערן, און ממילא אָן געוויסן-פּיין, — אָט זי שאַפט עס די מאָראַלע „לייכטקייט" פון עקזיסטענץ אונטער דער האַרבער אַפּיטרופּסות פונם „קאָרן-זאַנג". מיקאָלאַ סעליאַנינאָוויטש, דער פויער-העלד פון דער אַלטער פאָלקס-לעגענדע זאָגט וועגן זיך אַליין: „די מוטער-ערד האָט מיך ליב"!

אָט דאָ שטעקט דער סוד וועגן דער רעליגיעזער לעגענדע פון דער רוסישער „גאַראָדניטשעסטוואָ", וועלכע האָט אין משך

פון צענטליקער יאָרן באַהערשט די נשמה פון דער רוסישער „אינטעלּיגענץ”. זייענדיק אַ קעגנער פון דידאָזיקע טענדענצן, איז טאָלסטאָי תמיד פאַרבליבן געטריי זיך אַליין, און אין לאַגער פון דער „נאַראָניטשעסטוואָ” שטעלט ער תמיד מיט זיך פאָר דעם אַריסטאָקראַטישן קאָנסערוואַטיוון פליגל. כדי צו קאָנען ווי אַ קינסטלער מאָלן די רוסישע ווירקלעכקייט, ווי ער האָט זי געקענט, ווי ער האָט זי פאַרשטאַנען, ווי ער האָט זי געליבט, האָט טאָלסטאָי געמוזט אַריבערטראָגן זיך אין דער פאַרגאַנגענהייט, אינם אָנפאַנג 19-טן יאָרהונדערט. אין דעם פרט איז „מלחמה און שלום” (1869–1867) זיין בעסט אומפאַרגלייכלעך ווערק.

דעם כאַראַקטער פון דערדאָזיקער אומפּערזענלעכער פאָלקסמאַסע, פון איר לעבן און הייליקער אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט — האָט טאָלסטאָי פאַרקערפּערט אין דער פּערזאָן פון קאַראַטאַיעוון, אַ טיפּ וואָס איז צום ו.ייִרקסטן פאַרשטענדלעך פאַרן אייראָפּעאישן לייענער, אַלנפאַ.ל אַז ער איז זייער פרעמד. קאַראַטאַיעווס לעבן, ווי ער אַליין האָט זיך אָפּגעגעבן אַ דין-וחשבון, האָט קיין שום זין נישט געהאַט ווי אַן אינדיווידועל לעבן. דאָס לעבן איז פאַר אים געווען איין גאַנצעס, און אַזוי האָט ער עס אויפגעפאַסט. תאוה, פריינטשאַפט, ליבע — אַזוי ווי דער פירשט פיער בעזוכאָוו האָט עס פאַרשטאַנען, — איז פאַר קאַראַטאַיעוון געווען לגמרי פרעמד, אָבער ער האָט געליבט און געלעבט מיט דער ליבע צו אַלץ, וואָס ער האָט באַגעגנט אין לעבן, און באַזונדערס צו מענטשן... פיער האָט געפילט, אַז נישט געקוקט אויף דער גרויסער פריינטשאַפט צו אים מצד קאַראַטאַיעוון, וואָלט זיך דער לעצטער קיין רגע נישט געזאָרגט, ווען ער וואָלט זיך געדאַרפט מיט אים צעשיידן. ס'איז די סטאַדיע — גערעדט מיט דער שפּראַך פון העגעל, — ווען דער גייסט האָט נאָך נישט דערוואָרבן זיין אינטימען כאַראַקטער און דערשיינט דעריבער בלויז ווי אַ נאַטירלעכע אייגנשאַפט. נישט געקוקט אויפן עפּיזאָדישן כאַראַקטער פון זיינע איבערנאַטירלעכע אַנטפּלעקונגען איז קאַראַטאַיעוו — די גאַנצע

פילאָזאָפישע (נישט קינסטלערישע) אַקס אין דעם בוך. קוטו-
זאָוו, פון וועלכן טאָלסטאָי מאַכט אַ נאַציאָנאַלן העלד, דאָס איז
קאַראַטאַיעוו, אָבער אין דער ראָל פון אַ שעף-גענעראַל. פונקט
דער היפוך צו נאַפּאָלעאָנען, האָט קוטוזאָוו נישט קיין שום
פּלענער און קיין שום אַמביציעס. אַ דאַנק זיין האַלב-באַוווסט-
זיניקער טאַקטיק, וועלכע האָט זיך שפּעטער אויסגעלאָזט צום
גוטן, לאָזט ער זיך נישט אָנפירן דורכן שכל, נאָר דורך עפּעס,
וואָס שטייט העכער פון שכל, נעמלעך: דורכן בלינדן אינס-
טינקט פון די פיזישע באַדינגונגען און די אינספּיראַציעס פון
פאָלקס-גייסט. דער קייזער אַלעקסאַנדער, אין זיינע בעסטע
מאָמענטן, — גלייך ווי דער לעצטער זעלנער, — פאַלט אומבאַ-
שטימט אַרונטער אונטער דעם טיפן איינפלוס פון דער ערד.
אָט אויף דערדאָזיקער מאָראַלישער איינִיקייט איז באַזירט די
גאַנצע פּאַטעטישקייט פונם ווערק.

טאָלסטאָי דער מאָלער פֿון אַלט-רוסלאַנד.

אָבער ווי אָרים איז דאָסדאָזיקע אַלטע רוסלאַנד מיט
זיין אַדל, וועלכער ווערט אַזוי האַרב באַהאַנדלט דורך דער
געשיכטע! נישטאָ אין עבר קיין שטאָלץ פון אַ קאַסטע, נישטאָ
קיין קרייץ-צוגן, נישטאָ קיין ריטערשע ליבע, נישטאָ אַפילו
קיין ראָמאַנטיש-רויבערשע עקספּעדיציעס אויף די — הויפּט-
וועגן! ווי אָרים דאָס לאַנד איז אין אינערלעכער שיינקייט,
אויף וואָס פאַר אַ נידעריקן מצב ס'שטייט די נאַרישע, האַלב-
חיהשע עקזיסטענץ פון די פויערישע מאַסן!

אָבער אויף וואָסערע ווונדערלעכע שינוים איז דער זשעני
נישט פעיק! פונם חיהשן שטאָף פון דעמדאָזיקן גרויעם פאַר-
בלאָזן לעבן האָט ער אַרויסגעבראַכט אויף דער ליכטיקער וועלט
איר גאַנצע פאַרבאָרגענע שיינקייט. מיט אַן אָלימפּישער רוי-
קייט, מיט אַן אמתער האָמערישער ליבע באַציט ער זיך צו
די קינדער פון זיין גייסט. אַלעמען און אַלץ ווידמעט ער זיין

אויפמערקזאַמקייט: דער שעף-גענעראַל, די פריצישע דינער, דאָס פערד פון פשוטן זעלנער, דאָס אייניקל פון פירשט, דער פויער, דער קייזער, די לויז אין זעלנערס העמד, דער אַלטער פראַנק-מאַסאָן — קיינער האָט ביי אים נישט קיין שום פריווי־לעגיע און אַלע באַקומען זייער חלק. טריט ביי טריט צייכנט ער אַן אומגעהויער בילד, ווו אַלע טיילן זענען צונויפגעבונדן מיט אינערלעכע פעסטע פעדים. טאָלסטאָי שאַפט אָן שום איי־לעניש, פונקט ווי דאָס לעבן, וואָס ער שילדערט אונז. זיבן מאָל נישטערט ער איבער זיין בוך! דאָס מערקווירדיקסטע אין דעמדאָזיקן ווערק פון טיטאַנישער שאַפונג איז אפשר דער פאַקט, וואָס נישט דער קינסטלער אַליין דערלויבט זיך און דערלויבט אויך נישט די לעזער — צו סימפּאַטיזירן מיט דער אָדער יענער פון זיינע פערזאָנען. קיינמאָל באַציט ער זיך נישט צו זיינע העלדן, וועלכע ער ליבט נישט, ווי טורגעניעוו מאַכט עס: ער ווייזט זיי נישט אין אַ בענגאַלישער באַלויכטונג אָדער ביי מאַגנעזיע-ליכט און קיינמאָל זוכט ער נישט פאַר זיי קיין אויסערגעוויינלעכע פּאָזעס. ער פאַרבאַהאַלט קיין איין זאַך נישט און פאַרשווייגט גאָרנישט. דעם אומרויקן אמת-זוכער פיערן ווייזט ער אונז צום סוף פון זיין ווערק אין דער געשטאַלט פון אַ רויקן צופרידענעם טאַטן. די קליינע נאַטאַשע ראָסטאָוו, וועלכע רירט מיט איר כמעט-קינדערשער האַרציקייט, פאַר־וואַנדלט ער אומברחמנותדיק אין אַ קליינער באַגרענצטער פרוי מיט שמוציקע ווינדעלעך אין די הענט. פונקט אַזאַ מין באַ־גייסטערטע אויפמערקזאַמקייט שענקט דער מעכטיקער פּאַטעטי־קער אַלע באַזונדערטע טיילן פונם גרויסן אַנסאַמבל. מען קאָן זאָגן וועגן דעמדאָזיקן ווערק, אַז עס איז דורכגעדרונגען מיט אַן עסטעטישן פּאַנטעיזם, וואָס קען נישט קיין שיינקייט און העסלעכקייט, קיין גרויסקייט און קליינקייט, וויל פאַר אים איז דאָס לעבן, אין אַלגעמיין, גרויס און שיין, אין דער אי־ביקער קייט פון זיינע פאַרשידענע אַנטפּלעקונגען. ס'איז די אמת-דאָרפּישע עסטעטיק, אומברחמנותדיק קאָנסערוואַטיוו לויט

איר כאַראַקטער — וואָס עס דערנענטערט טאָלסטאָיס עפּישע ווערק צום חומש און איליאַדע.

צוויי פּרוון, וואָס טאָלסטאָי האָט שפּעטער געמאַכט, כדי אַריבערצוטראָגן זיינע אויסדערוויילטע פּסיכאָלאָגישע טיפּן אין די ראַמען פון עבר — אין דער עפּאָכע פון פּעטער דעם 1-טן און פון די דעקאַבריסטן, — זענען נישט געלונגען צוליב דעם קינסטלערס שנאה בנוגע די אויסלענדישע איינפלוסן, וואָס שפּיגלען זיך אָפּ צו בולט אויף דידאָזיקע ביידע עפּאָכעס. אָבער אפילו דאָרט, ווו טאָלסטאָי דערנענטערט זיך מער צו אונזער תקופה, ווי אין אננאַ קאַרענינאַ (1873), פאַרבלייבט ער פול-שטענדיק פרעמד צו די באַוועגונגען אין דער געזעלשאַפט און אויסערגעוויינלעך טריי זיין קינסטלערישן קאָנסערוואַטיזם; ער באַשרענקט זיין פאַרנעם, און פון דער גרויסער מאַסע אינם רוסישן לעבן באַמערקט ער בלויז די פעאָדאַלע אומבאַרירטע אָאַזיסן מיט זייער אַלטן פריצישן שלאָס, די פאַרטרעטן פון די אבות און די שיינע ליפּע-אַלעען, אונטערן שאָטן פון וועלכע ס'אַנטוויקלט זיך פון דור צו דור דער אייביקער ציקל פון געבורט, לעבן און טויט.

טאָלסטאָי באַשרייבט דאָס מאָראַלישע לעבן פון זיינע העלדן פּונקט אַזוי ווי זייער לעבנסשטייגער: רויק, פּאַוואָליע, נישט פאַרשנעלערנדיק דעם אינערלעכן לויף פון זייערע געפילן, בעדאַקען און געשפּרעכן. ער איילט זיך קיינמאָל נישט און קומט קיינמאָל נישט צו שפּעט. ער האַלט אין זיינע הענט די פעדים, אין וועלכע ס'איז אָנגעבונדן דער גורל פון אַ גרויסער צאָל פּערזאָנען, און קיינער פון זיי ווערט נישט פאַרשוווּנדן פון זיין בליק. פּונקט ווי אַן אומדערמידלעכער באַלעבאָס, וואָס האַלט אַלץ אויפן אויג, אַזוי האַלט ער אויף זיין זכרון דעם חשבון פון יעדער קלייניקייט פון זיין אומגעהויערער עשירות. מען קאָן מיינען, אַז ער באַגנוגנט זיך בלויז מיט באַאָבאַכטונגען, און די נאַטור אַליין טוט-אָפּ די גאַנצע אַרבעט. ער וואַרפט אַריין די זוימען אין דער ערד און וואַרט ווי אַ גע-דולדיקער פּויער, דער זאַנג זאָל בדרך הטבע אַרויסוואַקסן פון

דער ערד. מען קאָן כּמעט זאָגן, אַז ער איז אַ גענ‍יאַלער קאַראַטאַיעוו, מיט זיין שטומער הכנעה פאַר די געזעצן פון דער נאַטור. ער וועט קיינמאָל נישט אַרויפליי‍גן זיין האַנט אויף אַ בלימל, כּדי מיט גוואַלט פונאַנדערצוּוויקלען זיינע בלעט־לעך. ער וואַרט ביז וואַנען זיי וועלן זיך אַליין פונאַנדער־וויקלען אונטער דער וואַרעמקייט פון דער זון. וואָרים ביי אים איז איינגעוואָרצלט אַ טיפע שנאה צו דער עסטעטיק פון די גרויסע שטעט, וועלכע פּרעסט זיך אַליין אויף אויס גיריקייט, פאַרגוואַלטיקט און פאַרמאַטערט די נאַטור. זי ציט פון איר אַרויס איר חיות און זאַפט, און מיט אַ קאַנוואַלסיוון פינגער זוכט זי אויף דער פאַלעטרע קאָלירן, וואָס אַפילו דאָס ספּעקטרום פון דער זון פאַרמאָגט זיי נישט.

טאָלסטאָיס שפּראַך איז ענלעך צו זיין גאונות, רויק, געזעצט, בינדיק, איינגעהאַלטן קרעפטיק, צייטנווייז אַפילו שווער און רוי, אָבער תּמיד פּשוט און מיט אַן אומפאַרגלייכלעכער ווירקונג! זי צייכנט זיך אויס גלייכצייטיק מיטן לירישן, קאָקעטישן, גלענצנדן באַוווסטזיניק-שיינעם סטיל פון אַ טורגעניעוו און מיטן סקריפּעדיקן, איילי‍קן און נישט-גלאַטיקן סטיל פון אַ דאָסטאָיעווסקי.

דער שטאָט-מענטש דאָסטאָיעווסקי, דער גאון מיט אַ פאַר־וווּנדעטע הארץ, דער ליידנשאַפטלעכער פּאָעט פון אכזריות און רחמנות טרעט אַליין אַרויס אין איינעם פון זיינע ראָמאַנען אויף אַ טיפן און שאַרפן אופן — אַלס קינסטלער פון די „נייע רוסישע פאַמיליעס" — קעגן דעם גראַף טאָלסטאָי, דער דיכטער פון די אָפּגעשטאַנענע פאָרמען פון יחוסדיקן עבר. „ווען איך וואָלט געווען אַ רוסישער ראָמאַניסט און וואָלט געהאַט טאַלאַנט", זאָגט ער מיטן מויל פון איינעם פון זיינע העלדן, „וואָלט איך תּמיד אויסגעקליבן מיינע העלדן פון דעם רוסישן אַדל, ווייל נאָר אין דער געבילדעטער סביבה קאָן מען לכל-הפּחות גע־פינען די אויסערלעכע פאָרם פון שיינער דיסציפּלין און איי־דעלע מאַטיוון... איך רעד דאָ גאַנץ ערנסט, הגם איך אַליין, ווי איר ווייסט, — בין נישט קיין אַדעליקער... איר מוזט וויסן, אַז נאָר צווישן די קרייזן קאָן מען באַגעגענען דאָס גאַנץ ביסל

שיינקייט וואָס מיר פאַרמאָגן, און וואָס מען קאָן אָנרופן מער אָדער ווייניקער פאַרענדיקטע, קאָמפּלעטע שיינקייט. איך זאָג עס נישט דערפאַר, ווייל איך בין אַבסאָלוט איבערציינט אין דער שלמות און באַרעכטיקונג פון דערדאָזיקער שיינקייט, נאָר דערפאַר, ווייל זי האָט אונז שוין, למשל, געגעבן די פעסטע פאָרמען פון ערע און פליכטן, וועלכע מען געפינט אין ערגעץ נישט אין רוסלאַנד, חוץ ביי די אַדעליקע... דער וועג, אויף וועלכן דערדאָזיקער ראָמאַניסט וואָלט זיך געמוזט נעמען", זאָגט ווייטער דאָסטאָיעווסקי, וועלכער מיינט בלי ספק טאָלסטאָיען, אָבער רופט נישט אָן זיין נאָמען, „איז אַ גאַנץ קלאָרער: ער וואָלט געמוזט אויסקלייבן אַ היסטאָרישן זשאַנר, ווייל אין אונזער עפּאָכע, קזיסטירן שוין נישט קיין שיינע און איידעלע סילועטן, און די וואָס געפינען זיך נאָך אין אונזערע צייטן האָבן, לויט הייניקער מיינונג, שוין פאַרלוירן זייער אַלטע שיינקייט".

טאָלסטאָיס מאָראַלישער קריזיס

מיטן פאַרשווינדן פון די „שיינע סילועטן" פון דער פאַר־גאַנגענהייט, איז פאַרשוואונדן געוואָרן נישט בלויז דער אומ־מיטלבאַרער קעגנשטאַנד פון קינסטלערישער שאַפונג, נאָר אויך די יסודות פון טאָלסטאָיס מאָראַלן פאַטאַליזם און פון זיין עס־טעטישן פאַנטעיזם האָבן זיך אָנגעהויבן צו וואַקלען: די היי־ליקע „קאַראַטאַיעוודיקייט" פון טאָלסטאָיס נשמה איז צעפאַלן געוואָרן אין חורבות. אַלץ וואָס איז ביז דאַמאָלס געווען אַן אינטעגראַלע אומצעטיילטע גאַנצקייט, איז נאָכדעם פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָפּגעזונדערטן פראַגמענט און איז ממילא גע־וואָרן אַ רעטעניש. דער פאַרשטאַנד איז געוואָרן אַן אַבסורד. און ווי תמיד, בעת דאָס לעבן האָט פאַר אים פאַרלוירן זיין אַלטן זין, האָט טאָלסטאָי זיך אויך איצט פאַרטראַכט איבערן זין פון לעבן אין אַלגעמיין. דאַמאָלס, (די צווייטע העלפט

70-ער יאָרן) הייבט זיך אָן דער גרויסער מאָראַלישער קריזיס נישט אין לעבן פונם יונגן טאָלסטאָי, נאָר אין לעבן פון דעם 50 יעריקן טאָלסטאָי! ער קערט זיך אום צו גאָט, נעמט-אָן קריסטוסעס לערע, וואַרפט-אָפּ די אַרבעט-צעטיילונג, די ציוויליזאַציע, די מלוכה, און פּרעדיקט ערד-אַרבעט, פּשטות און דעם פּרינציפּ „שטעל נישט קיין ווידערשטאַנד קעגן דאָס שלעכטע". זייער טיף איז געווען זיין אינערלעכער קריזיס. מען ווייס לויט דעם ווי ער האָט זיך אַליין מודה געווען, אַז דער פופציק יעריקער דיכטער האָט זיך לאַנג אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק פון זעלבסטמאָרד! מערקווירדיק איז אָבער דאָס, וואָס טאָלסטאָי האָט נאָך פיל ישוב-הדעת זיך צוריקגעקערט צו זיין אויסגאַנגס-פונקט. ערד-אַרבעט, אָט דאָס איז דער יסוד, אויף וועלכן ס'אַנטוויקלט זיך די עפּאָפּעע פון „מלחמה און שלום"? דער צוריקקער צו פּשטות, דער פּרינציפּ פון אינטימער צונויפשמעלצונג מיט דער נשמה פון פאָלק, — אָט דערין באַשטייט קוטוזאָווס כוח! דער פּרינציפּ פון נישט קעגנשטעלן זיך קעגן שלעכטס, צי איז עס נישט דער יסוד פון קאַראַטאַיעווס פאַטאַלער הכנעה? אָבער אויב אַזוי, טאָ אין וואָס באַשטייט טאָלסטאָיס קריזיס? אָט אין וואָס! ביז דאַמאָלס איז אַלץ געווען אַ סוד און פאַרבאָרגן אין דער ערד, איצט איז עס אַרויסגעשווומען אויף דער ליכטיקער שיין און אַריבער אין רשות פון באַוווסטזיין! אַזוי ווי די נאַטירלעכע רוחניות איז פאַרשוווּנדן געוואָרן מיט דער „נאַטור", אין וועלכער זי האָט זיך פאַרקערפּערט, באַמיט זיך דער גייסט פון דאַמאָלס אָן זיך צו דערווערבן די אינטימע נאַטור. די אויטאָמאַטישע האַרמאָניע, קעגן וועלכער דער אויטאָמאַטיזם פון לעבן אַליין האָט זיך צעבונטעוועט, האָט מען געדאַרפט פאַרטיידיקן און פאַרהיטן מיט דער הילף פון באַוווסטזיניקן כוח פון דער אידעע. אינם קאַמף פאַר זיין אייגענער מאָראַלער און עסטעטישער באַשיצונג רופט דער קינסטלער צו הילף דעם מאָראַליסט.

II

וועלכער פון די ביידע טאָלסטאָיען האָט דערוואָרבן מער פּאָפּולאַריטעט אין אייראָפּע, דער דיכטער צי דער מאָראַליסט? אויף דערדאָזיקער פראַגע איז נישט אַזוי לייכט צו ענטפערן. דאָס קאָן מען יאָ זאָגן מיט דער פולער זיכערקייט, אַז דער נאָכגיביקער, גינסטיקער שמייכל פון דער בורזשואַזיע בנוגע דער הייליקער פשטות פונם יאַסנאַיאַ פּאָליאַנערדיקן, פאַרבאַהאַלט אין זיך אַ געפיל פון אויסערגעוויינלעכער מאָראַלער באַפרידיקונג. אָט איז אַ פּאָעט, אַ מיליאָנער, איינער פון „אונזערע", נאָכמער, אַן אַריסטאָקראַט, וועלכער טראָגט אַ בלוזע, שטרויענע לאַפּטשעס און אַ זעג, צוליב מאָטיוון פון מאָראַלער אָרדנונג! מען באַטראַכט עס אַלס אַן אַקט, גלייך ווי דער פּאָעט וואָלט אויף זיך גענומען די חטאים פון אַ גאַנצן קלאַס, פון אַ גאַנצער קולטור. נאַטירלעך קוקן געוויסע פּיליסטערן אויף טאָלסטאָיס גרויסקייט פון אויבן אַראָפּ און מען זריקט אַפילו אויס געוויסע ספקות בנוגע זיינע אינטעלעקטועלע פעיקייטן. איינער, למשל, אַ מענטש, וועלכער איז נישט אומבאַקאַנט, מאַקס נאָרדוי, איינער פון די הערן וואָס באַפּוצן די פּילאָזאָפיע מיטן גוטן אַלטן שמייכל, צוגעמישט מיט אַ ביסל ציוניזם, אין אַ בגד פון אַן ארלעקין אין אַ זונטיק-פעליעטאָן, האָט מיט דער הילף פון זיין טאַשן-לאָמבראָזאָ אַפילו געמאַכט אַן אַנטדעקונג, אַז טאָלסטאָי טראָגט אין זיך אַלע ס י מ נ י ם פון דעגענעראַציע.

טאָלסטאָיס סאָציאַלע פילאָזאָפיע

אָבער סוף-כל-סוף איז נישט וויכטיק דער אופן מיט וועלכן זיינע בורזשואַזע פאַרערער משפטן אים, — מיט אומצוטרוי, מיט איראָניע, צי מיט פריינטשאַפט — אַלצאיינס בלייבט ער פאַר זיי נישט קיין קלענערע פסיכאָלאָגישע רע-

טעניש. מען מוז פעסטשטעלן, אַז טאָלסטאָי דער מאָראַליסט איז די לעצטע דרייסיק יאָר פון זיין לעבן תמיד פאַרבליבן איזאָלירט. ס'איז באמת אַ טראַגישע לאַגע פון אַ נביא, וועלכער רעדט צו זיך אַליין אין אַ מדבר... אונטערן איינפלוס פון זיינע דאָרפישע קאָנסערוואַטיווע סימפּאַטיעס פאַרטיידיקט טאָלסטאָי אָן אויפהער און מיט דערפאָלג זיין מאָראַלישע וועלט, קעגן די סכנות, וואָס באַדראָען אים פון אַלע זייטן. איינמאָל פאַר אַלע מאָל, מאַכט ער אַ טיפע דעמאַרקאַציאָנס-ליניע צווישן זיך און אַלע גרופּעס פון בורזשואַזן ליבעראַליזם. ער שליידערט אַוועק קודם-כל דעם גלויבן אין פּראָגרעס, וואָס הערשט אין אונזער עפּאָכע. „אַך, רופט ער אויס, די עלעקטריע, דער טע-לעפאָן, די אויסשטעלונגען, די קאָנצערטן, די טעאַטערס, די קעסטלעך ציגאַרן און שוועבעלעך, די שלייקעס, די מאָטאָרן — דאָס איז אַלץ וווּנדערבאַר! אָבער פאַרשאָלטן זאָלן זיי ווערן אויף אייביק, נישט בלויז זיי, נאָר אויך די אייזן-באַנען, די טוך-כּתּרות אויף דער גאַנצער וועלט, אויב צוליב זיי מוזן 99 פּראָצענט פון דער מענטשהייט לעבן פאַרשקלאַפט און שטאַרבן טויזנטער-ווייז אין די פאַבריקן”!

די צעטיילונג פון דער אַרבעט מאַכט אונז רייך און פאַרשענערט אונזער לעבן. אָבער זי צעקאַלעטשעט די לעבע-דיקע נשמה פונם מענטשן. נידער מיט דער אַרבעט-צעטיי-לונג!

די קונסט? אָבער די אמתע קונסט דאַרף פאַראייניקן אַלע מענטשן אין ליבע צו גאָט, נישט זיי צעטיילן. אייער קונסט איז באַשטימט בלויז פאַר יחידי-סגולה. זי צעטיילט די מענטשן, דעריבער איז זי פול מיט שקר. און טאָלסטאָי שליידערט דרייסט אַוועק די קונסט פון „שקר”: שעקספּירן, געטען, זיך אַליין, וואַגנערן, בעקלינען.

ער שליידערט אַוועק ווייט פון זיך די שטרעבונג צו רייכטום און טוט זיך אָן פּויערשע בגדים, דאָס וואָס פאַר אים איז אַ סימבאָל, אַז ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער קולטור.

אָבער וואָס איז פאַרבאָרגן אונטער דעמדאָזיקן סימבאָל? וואָס שטעלט ער אַנטקעגן דעם „שקר”, — דעם היסטאָרישן פּראָצעס?

טאָלסטאָיס סאָציאַלע פילאָזאָפיע קאָנען מיר רעזומירן אין הויפּט-טעזן:

1. די אַלע געזעצן, וואָס מאַכן מענטשן פאַר קנעכט זענען נישט קיין סאָציאַלע געזעצן פון אייזערנער נויטווענדיקייט, נאָר יורידישע פאַראָרדנונגען, וואָס ווערן בכוח אָנגעזייאַרפן דורך מענטשן.

2. די מאָדערנע שקלאַפעריי איז אַ פועל-יוצא פון דריי יורידישע פאַראָרדנונגען, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער ע ר ד, שטייערן און אייגנטום.

3. נישט נאָר די רוסישע רעגירונג, נאָר יעדע איינע רעגירונג, איז אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט אויף זיך די אויפגאַבע אומפאַרשעמט אָפּצוטאָן די שרעקלעכסטע פאַרברעכנס מיט דער הילף פון דער מלוכה.

4. די אמתע סאָציאַלע אויסבעסערונג וועט דערגרייכט ווערן דורך מאָראַלער און רעליגיעזער שלמות פון יחיד.

5. כדי זיך צו באַפרייען פון די רעגירונגען, איז נישט נויטיק זיי צו באַקעמפן מיט אויסערלעכע מיטלען; מען דאַרף בלויז נישט נעמען קיין אָנטייל אין זיי און זיי נישט אונטערשטיצן. אַלזא מען דאַרף נישט:

א) נעמען אויף זיך דעם חוב פון אַ זעלנער, פון אַ גענעראַל, מיניסטער, סטאַראָסטע, דעפּוטאַט;

ב) געבן גוטוויליק דער רעגירונג קיין שטייערן, סיי דירעקטע, סיי אומדירעקטע;

ג) אויסנוצן די רעגירונגס-אינסטיטוציעס אָדער בעטן וועלכע ס'איז פינאַנציעלע שטיצע ביי דער רעגירונג;

ד) פאַרטיידיקן דאָס פּריוואַטע אייגנטום מיט דער הילף פון מלוכה-מיטלען.

אויב מיר וועלן באַזייטיקן פון דערדאָזיקער סכעמע די רובריק וועגן דעם יחידס מאָראַלער און רעליגיעזער שלמות,

וועלכע, ווי ס'ווייזט אויס, פאַרנעמט דאָ אויך נישט קיין וויכ־טיקן פלאַץ, באַקומען מיר אַ פולשטענדיק אַנאַרכיסטיש פּראָג־ראַם. צוערשט באַקומען מיר אַן אויסשליסלעך מעכאַנישן באַ־גריף וועגן דער געזעלשאַפט, וועלכע איז אַ פּראָדוקט פון שלעכטע יורידישע פאַראָרדנונגען. נאָכדעם גייט אַ פאָרמעלע נעגאַטיווע שטעלונג צו דער רעגירונג און צו פּאָליטיק בכלל, און ענדלעך, דער מעטאָד פון קאַמף איז: אַלגעמיינער שטרייק, באָיקאָט און אויפשטאַנד מיט פאַרלייגטע הענט.

אָבער אויב מיר וועלן באַזייטיקן די מאָראַלע און רע־ליגיעזע טעזע, באַזייטיקן מיר אין דער אמתן דעם איינציקן נערוו, וועלכער פאַרבינדט דעמדאָזיקן גאַנצן ראַציאָנאַליסטישן בנין מיט זיין שעפער, דאָס הייסט מיט טאָלסטאָיס נשמה. לויט אַלע באַדינגונגען פון זיין אייגענער אַנטוויקלונג און לאַגע, באַשטייט נישט פאַר אים די אויפגאַבע דערין, צו פאַרבייטן דעם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים אויף אַן אַנאַרכיסטישן „קאָמוניסטישן", נאָר צו „פאַרטיידיקן" די דאָרפס-קאָמונע קעגן יעדן „אויסער־לעכן" רעוואָלוציאָנערן איינפלוס. אין זיין „נאַראָדניטשעסטוואָ", פונקט ווי אין זיין „אַנאַרכיזם", שטעלט טאָלסטאָי אַרויס זיין דאָרפישן קאָנסערוואַטיוון פּרינציפּ. פונקט אַזוי ווי די פּרימי־טיווע פראַנק-מאַסאָנען האָבן מיט אידעאָלאָגישע מיטלען גע־וואָלט אויפשטעלן צוריק און פאַרשטאַרקן די אַלטע קאָרפּאָראַציע־מאָראַל פון קעגנזייטיקער הילף, וועלכע האָט זיך צעשאָטן אין חורבות אונטער די קלעפּ פון עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, — אַזוי וואָלט אויך טאָלסטאָי געוואָלט מיטן כוח פון דער מאָראַ־לער און רעליגיעזער אידעע מאַכן אויפלעבן דעם פּרימיטיוון אַרט לעבן, וואָס האָט זיך באַזירט אויף די באַדינגונגען פון נאַטור-ווירטשאַפט. אָט אַזוי ווערט ער אַן אַנאַרכיסט — אַ קאָנ־סערוואַטאָר, ווייל ס'אינטערעסירט אים קודם-כל, די מלוכה זאָל נישט אָנגרייפן מיט איר מיליטאַריזם און מיט איר געלט אויף קאַראַטאַיעווס רעטונגס-קאָמונע. דער אוניווערסאַלער קאַמף צווישן די צוויי פיינטלעכע וועלטן, — צווישן דער בורזשואַזער און סאָציאַליסטישער, — וואָס פון אים איז אָפּהענגיק דער

גורל פון דער מענטשהייט, — עקזיסטירט נישט פאַר טאָלסטאָיען. דער סאָציאַליזם איז תמיד פאַר אים פאַרבליבן אַ מין וועקסלונג, אַן אינטערעסאַנטער „עפעס" פון ליבעראַליזם. מאַרקס און באַסטיאַ זענען אין זיינע אויגן פאָרשטייער פון איין און דעמזעלבן „שקר-פרינציפ": פון אַ קאַפּיטאַליסטישער קולטור, פון אַן אַרבעטער אָן ערד, פון מלוכה-צוואַנג. האָט די מענטשהייט זיך אויסגעקליבן אַזאַ פאַלשן וועג, איז נישט וויכטיק, ווי ווייט זי וועט אַוועקגיין אויף דעמדאָזיקן וועג! ווייל די דערלייזונג קאָן קומען ערשט דאַמאָלס, ווען מען וועט אַוועקגיין אויף צוריק!

טאָלסטאָי געפינט נישט קיין געגנוג פּאַסיקע אויסדרוקן, כדי צו באַפלעקן די וויסנשאַפט, וועלכע טענהט, אַז אויב מיר וועלן נאָך לאַנג פירן אַזאַ זינדיק לעבן, וועט זיך אונזער אָרדנונג באַדייטנד פאַרבעסערן, איינשטימיק מיט די געזעצן פון היסטאָרישן פּראָגרעס, סאָציאָלאָגישן פּראָגרעס, א. אַז. וו.

„דאָס שלעכטס, זאָגט טאָלסטאָי, מוז תיכּף אויסגעראָטן ווערן, און דערצו איז גענוג, אַז מען אָנערקענט עס פאַר שלעכטס." אַלע מאָראַלע געפילן, וועלכע פאַרבינדן היסטאָריש די מענטשן איינע מיט די אַנדערע, ווי למשל, אַלע רעליגיעזע און מאָראַלע פּיקציעס, וואָס דידאָזיקע פאַרבינדונגען האָבן גורם געווען, ווערן ביי טאָלסטאָיען — ביז גאָר אַבסטראַקטע געבאָטן פון ליבע, עקסטאַז, פון נישט שטעלן זיך קעגן שלעכטס; און אַזוי ווי דידאָזיקע געבאָטן האָבן נישט פאַר אים קיין שום היסטאָרישן אינהאַלט און, בכלל קיין שום אינהאַלט נישט, — דאַכט זיך אים, אַז זיי געהערן צו אַלע צייטן און צו אַלע פעלקער.

טאָלסטאָי אָנערקענט נישט קיין געשיכטע. דאָס איז דער יסוד פון זיין געדאַנק. אָט דערויף באַזירט זיך די מעטאַפיזישע פריייהייט פון זיין נעגאַציע, און אויך די פּרוכטלאָזיקייט פון זיין תורה. דער איינציקער אָרט לעבן, וואָס ער אָנערקענט, איז דער פּרימיטיווער שטייגער פון די קאָזאַקן אין די גרויסע אוראַלער סטעפּעס. און דאָסדאָזיקע לעבן איז געפלאָסן אויסער די

גרענעצן פון געשיכטע. דאָסדראָזיקע לעבן האָט זיך גערוקט אָן שום שינויים, פונקט ווי דאָס לעבן פון מחנות בינען און מו־ראַשקעס. דאָס וואָס מענטשן רופן אָן געשיכטע, האָט ער באַטראַכט ווי אַ פּראָדוקט פון נאַרישקייט, פון פעלערן, פון אכזריות, וואָס צעקריפּלט די אמתע נשמה פון דער מענטשהייט. מיט אומברחמנותדיקער לאָגישקייט וואַרפט ער אָפּ די געשיכטע מיט אַלע אירע פּאַלגן. ער האָט פיינט צייטונגען, ווי דאָקומענטן פון דער איצטיקער עפּאָכע. ער טראַכט אָפּצושטעלן אַלע כוואַליעס פון וועלטלעכן אָקעאַן, קעגנשטעלנדיק זיך מיט זיין אַלטער ברוסט.

אָט דאָס איז די גאַנצע אומבאַגרייפלעכקייט, וואָס טאָלסטאָי ווייזט אַרויס בנוגע געשיכטע און דאָס קלערט-אויף זיין קינדערשע אָנמעכטיקייט אויפן געביט פון סאָציאַלע פראַגן. זיין פילאָזאָפיע איז אַן אמתע כינעזישע מאָלעריי. די אידעען פון פאַרשידענע תקופות זענען ביי אים נישט קלאַסיפיצירט לויט דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, נאָר באַווייזן זיך אַלע פאַרן צוקוקער אויף איינער און דערזעלבער דיסטאַנץ. ער פּאָלעמיזירט קעגן מלחמה מיט דער הילף פון אַרגומענטן, אַרויסגעצויגן פון ריינער לאָגיק, און כדי צוגעבן זיי מער קראַפט, ציטירט ער עפּיקטעטן און מאָלינאַרין, לאַאָ-טסעו און פרידריך דעם II, דעם נביא ישעיה און דעם פּעליעטאָניסט אַרדוען, דעם אָראַקל פון די פּאַריזער קרעמער. שרייבערס, פילאָזאָפן און נביאים זענען אין זיינע אויגן נישט קיין פאַרשטייער פון באַשטימטע עפּאָכעס, נאָר אייביקע קאַטעגאָריעס פון מאָראַל. קאָנפוציוס שטייט ביי אים אויף איין הויך מיט הארנאַקן, און שאָפּענהויער איז צונויפגעפּאָרט נישט נאָר מיט קריסטוסן, נאָר אַפילו מיט משה׳ן.

אין דעמדאָזיקן איזאָלירטן און טראַגישן קאַמף קעגן דער היסטאָרישער דיאַלעקטיק, וועלכער ער קאָן בלויז קעגנשטעלן זיין יאָ, אָדער זיין ניין, פאַלט טאָלסטאָי יעדע רגע אַריין אין די געפערלעכסטע ווידערשפּרוכן. און ער מאַכט אַזאַ אויספיר, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין גאָניאַלער עקשנות: „דער

פונדאַמענטאַלערווידערשפּרוך, וואָס עקזיסטירט צווישן דעם מענטשנס לאַגע און זיין מאָראַלישער טעטיקייט, איז דער בעס-טער סימן פון אמת".

דער היסטאָרישער רעוואַנש

אָבער דערדאָזיקער אידעאַלער שטאָלץ טראָגט אין זיך אַליין זיין שטראָף. ס'איז זייער שווער אָנצורופן אַ שרייבער, וועלכער איז קעגן זיין אייגענעם ווילן געוועזן אַזוי אכזריותדיק עקספּלאָאַטירט דורך דער געשיכטע, ווי טאָלסטאָי.

ער, דער מיסטישער מאָראַליסט, דער שונא פון פּאָליטיק און רעוואָלוציע, האָט אין משך פון לאַנגע יאָרן געשפּייזט דעם איינגעשלאָפענעם רעוואָלוציאָנערן באַוווסטזיין פון אַ סך גרוי-פּעס פאָלקס-סעקטאַנטן. ער, וועלכער לייקנט-אָפּ די גאַנצע קאַ-פּיטאַליסטישע קולטור, ווערט זייער פריינטלעך אויפגענומען דורך דער אייראָפּעישער און אַמעריקאַנער בורזשואַזיע, וועלכע געפינט אין זיין תורה דעם אויסדרוק פון הומאַניסטישער פוסט-קייט און גלייכצייטיק אַ שוץ קעגן דער רעוואָלוציאָנערער פי-לאָזאָפיע.

ער, דער קאָנסערוואַטיווער אַנאַרכיסט, דער דם-שונא פון ליבעראַליזם, זעט, ווי ער איז מגולגל געוואָרען — צוליב זיין 80-יעריקן געבורטסטאָג — אין אַ פאָן און אין אַן אינסטרומענט פון רוישנדיק-פּאָליטישער און טענדענציעזער מאַניפעסטאַציע פון רוסישן ליבעראַליזם.

די געשיכטע האָט אָפּגעהאַלטן אַ נצחון איבער אים, אָבער זי האָט אים נישט צעבראָכן. נאָך היינט אַפילו, בעת ער דערגרייכט שוין צום ראַנד פון זיינע יאָרן, האָט ער אין זיין גאַנצער פרישקייט איינגעהיט זיין פעיקייט פון מאָראַלן צאָרן.

אין דעם חושך פון געמיינסטער, געפערלעכסטער רעאַק-ציע, וועלכע טראָגט זיך אַרום מיט דער כונה אויף תמיד צו-

פאַרפינסטערן די זון פון אונזער לאַנד, אונטער אַ געדיכטער נעץ פון אירע תּליה-שטריק, אין אַ פאַרשטיקטער אַטמאָספער פון עקלדיקער געמיינקייט פון דער אָפיציעלער געזעלשאַפטלע-כער מיינונג, האָט דערדאָזיקער אַפּאָסטאָל פון קריסטלעכער באַרמהאַרציקייט, אין וועלכן ס׳האָט אויפגעלעבט דער צאָרן-נביא פון אַלטן טעסטאַמענט, געוואָרפן דעם פאַרעקשנטן גע-שריי: „איך קאָן מער נישט שווייגן״! דאָס איז געווען אַ קללה, געוואָרפן אין פּנים פון די, וואָס הענגען, און אין פּנים פון די, וואָס שווייגן בעת מען הענגט.

און אויב ער סימפּאַטיזירט נישט מיט אונזערע רעוואָ-לוציאָנערע שטרעבונגען, ווייסן מיר, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל די געשיכטע האָט נישט געוואָלט ער זאָל באַגרייפן אירע דרכים.

מיר וועלן אים דערפאַר נישט פאַרמשפּטן. און מיר וועלן אין אים תּמיד פאַרגעטערן נישט נאָר זיין גרויסע גאונות, וועלכע וועט לעבן אַזוי לאַנג ווי די קונסט אַליין, נאָר אויך די מאָראַלע אומבאַצוימטע דרייסטקייט, וועלכע דערלאָזט אים נישט צו בלייבן אויפן שויס פון צביעותדיקן קלויסטער, גע-זעלשאַפט און מלוכה, און וועלכע האָט אים פאַראורטיילט צו בלייבן איזאָלירט צווישן זיינע אַנצאָליקע פאַרערער.

ראָזא לוקסעמבורג

לעוו טאָלסטאָי

„אויף זיין וועג קומט יעדערער צום אמת, איינס אָבער מוז איך זאָגן: דאָס וואָס איך שרייב, איז נישט נאָר ווערטער, נאָר מיט דעם לעב איך, דאָס איז מיין גליק, און מיט דעם וועל איך שטאַרבן". מיט אָט די ווערטער האָט טאָלסטאָי מיט אַ צען יאָר צוריק פאַרענדיקט זיין אַרטיקל „וועגן דעם זין פון לעבן", און זיין טויט האָט דערוויזן די אויפריכטיקייט פון די דאָזיקע ווערטער.

נאָכדעם ווי טאָלסטאָי האָט זיין גאַנץ לעבן געזוכט דעם אמת און געשטרעבט איינצואָרדנען זיין אייגן לעבן אין הסכם מיט דעם, וואָס ער האָט געפונען, אַנטלויפט ער — אַ 82-יאָריקער זקן — פאַרצווייפלט פון שטוב, באַפרייט זיך פון די קייטן פון בורזשואַזן פאַמיליען-לעבן, און, ווי אַן אַלטער בלינד-געוואָרענער אָדלער, לאָזט ער זיך פליען מיט אַן אָנ-שטרענגונג פון די לעצטע כוחות, כדי מיט צעבראָכענע פליג-לען אין ווינט און נעפל צו שטאַרבן ביי אַ פרעמדער שוועל.

טאָלסטאָי איז געווען דער גרעסטער קינסטלער פון דער צווייטער העלפט 19-טן יאָרהונדערט נישט נאָר אין דער רוסי-שער, נאָר אויך אין דער גאַנצער וועלט-ליטעראַטור. זיינע דערציי-לונגען און ראָמאַנען: „קאָזאַקן", „סעוואַסטאָפּאָל", „קריג און פרידן", „אַננאַ קאַרעינינאַ", „תחית המתים", ווי אויך די דראַמע „די מאַכט פון פינסטערניש" — בילדן-אויס אַ הערלעכע עפּאָ-פּעע פון געזעלשאַפטלעכן לעבן פאַרן 19-טן יאָרהונדערט, וואָס קיין שום אַנדער פאָלק פאַרמאָגט עס נישט.

אין דער ירידה-צייט פון דער בורזשואַזער קונסט, וואָס

קאָן זיך שוין מער נישט דערהויבן — אין איר אינערלעכער פאַרפלאַכטקייט — נישט צום גרויסן ראָמאַן, נישט צו דער גרויסער דראַמע, — האָט טאָלסטאָיס איינזאַמער זשעני איינגעהיט אַלע מעכטיקע, קינסטלערישע מיטלען פון דעם עפּישן פּאָעט; אויפן באַשיידנסטן טראַקטאַט און פּשוטסטער דערציילונג לייגט ער אַרויף דעם שטעמפּל פון קלאַסישער איינפאַכקייט, פאַרענדיקטקייט און גרויסקייט.

נישט רוסלאַנד אַליין, נאָר די גאַנצע סאָציאַלע געשיכטע פון דעם יאָרהונדערט שפּיגלט זיך אָפּ אין זיין שאַפונג. טאָלסטאָי האָט אין די טויזנטער געשטאַלטן, וואָס פאַרפילן זיינע ווערק, געזען און געשילדערט אַ פאַרבן־רייכע באַוועגלעכע מאַסע פון אַלע קרייזן פון דער געזעלשאַפט, — אָבער, קודם־כל, דעם מ ע נ ט ש ן, מיט זיינע ליידנשאַפטן, זיין גליק און פּיין.

געבורט און טויט, ליבע און אייפערזוכט, קינדהייט און טיפע עלטער, — דאָס זענען די פּראָבלעמען, צו וועלכע ער פלעגט אין פאַרשידענע פאָרמען זיך כּסדר אומקערן.

ער האָט קינסטלעריש באַגריפן אַלע מענטשלעכע שוואַכקייטן, ליידנשאַפטן און שטימונגען. און אויב וועגן געטעס „פ א ו ס ט" קאָן מען זאָגן, אַז ער איז, אין גרונט גענומען, אַן ענציקלאָפּעדיע פון מענטשלעכן לעבן, — בילדן די ריין רוסישע ווערק פון טאָלסטאָיען, אויף זייער שטייגער — אַ צווייטע אַזאַ ענציקלאָפּעדיע.

נאָר ביי טאָלסטאָיען קאָן מען נישט אָפּטיילן דעם קינסטלער פון דער פּערזענלעכקייט, ס'הייסט אַזוי, אויך פון דעם קעמפער. אין זייער גאַנצער דערהויבנקייט — באַרייכערן ביידע איינע די אַנדערע.

ביי דער אַלגעמיינער דעקאַדענץ פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, איז טאָלסטאָי גלייכגילטיק געגאַנגען קעגן דעם שטראָם פון צייט, און דערהאַלטן אין זיך דעם קינסטלערישן חוש אויף צו פאַרשטיין דאָס לעבן אַלס גאַנצעס.

כּוחות אויף דעם האָט ער געשעפּט פון זיין אייגענער גרויסער פּערזענלעכקייט, און דאָס האָט פאַר אים, דעם שריי-

בער פון אמת, דעם אַנאַליטיקער און קעמפער ביזן לעצטן אָטעם-הויך, געמאַכט מעגלעך דרייסט, מיט אָפענע אויגן, צו גיין קעגן שטראָם און הויך אַרויסזאָגן זיין מיינונג, מוטיק, ווי אַ ביבלישער נביא, און מיט אַ זעלטענער אמתדיקייט. ער איז גע- ווען אַלעמאָל און אומעטום דער אייביק זוכנדיקער סאָציאַלער פאָרשער, מיט אַ גרויסן כאַראַקטער, מיט אַ הארץ, וואָס איז אינגאַנצן איבערגעגעבן דעם אַרבעטנדיקן פאָלק, אַלע אונטער- דריקטע און עקספּלאָאַטירטע. און אין אַלע זיינע געשטאַלטן האָט ער געקאָנט אויסזוכן דעם טיפסטן זין פון לעבן, און קינסטלעריש עס שילדערן.

דער שעפער פון דער פּרעכטיקער „אננאַ קאַרעניגאַ" און פון „פאַמיליען-גליק", וואָס אָטעמט מיט פיאָלן-דופט, — און דער קראַנקער זקן, וואָס איז אַנטלאָפן פון דעם פאַמיליען-גוט, כדי צו „שטאַרבן ווי אַ פויער", — דאָס איז דיזעלביקע פּער- זענלעכקייט, אַ ריזיקע פיגור, אַרום וועלכער עס האָט זיך געדרייט, ווי אַ טשערעדע מאַלפּעס, אַ גאַנצער המון אָנערקענטע קאָריפעען פון פּאָליטיק, וויסנשאַפט און קונסט, פּאַטענטירטע „גרויסע מענטשן".

דאָס גרויסע פּראָבלעם, וואָס האָט געמאַטערט טאָלסטאָיען אין פאַרלויף פון זיין גאַנץ לעבן, — דאָס איז די סאָציאַלע אומגערעכטיקייט און די מיטלען זי צו באַזייטיקן.

די שווידערהאַפטיקייטן פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט האָבן אויף יעדן טראָט געוועקט זיין צאָרן און געצווונגען אים זיך טיף צו פאַרטראַכטן.

די אייביקע האַרעוואַניע פון די אָרימע; די פוסטע, פלאַכע צייט-פאַרברענגעניש פון די רייכע; די הימל-שרייענדיקע נבלות פון מלחמות און מיליטאַריזם; דער שקר פון דער בירגער- לעכער חתונה, די צביעות פון דער אָפיציעלער קירך, דער דרוק פון די שטייערן און פון דער ביוראָקראַטיע; די דערציאונג, די קונסט, די וויסנשאַפט; די פאַרקריפלונגען, אויף וועלכע עס פאַראורטיילט זיי די איצטיקע געזעלשאַפט, — דאָס אַלץ האָט כסדר געמאַטערט דעם אומדערמידלעכן פאָרשער, דאָס

אַלץ האָט ער קלאָר געמאַכט מיט זיינע אויסערגעוויינלעכע פעיקייטן פון אַנאַליז און קריטיק.

ער איז אַרויסגעטראָטן מיט זיין קריגס-דערקלערונג קעגן דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, און, ביז זיין לעצטן אָטעם-צוג, איז ער פאַרבליבן איר בלוטיקער שונא.

אין זיינע ערשטע גרויסע ראָמאַנען צווינגט ער זיינע העלדן צו פאַרנעמען זיך מיט לאַנגע באַטראַכטונגען וועגן סאָציאַלע פּראָבלעמען און וועגן די מיטלען אויסצוואָרצלען אָרימקייט און אומגלייכהייט.

אין די 70-ער יאָרן קומט ער צו דער איבערצייגונג, אַז די גאַנצע קונסט — זיינע אייגענע וואונדערבאַרע שאַפונגען אַריינרעכנענדיק, — איז נאָר אַ הבל-הבלימדיקער פּאַראַזיטישער לוקסוס, ווייל זיי זענען נישט צוטריטלעך פאַר די ברייטסטע מאַסן פון אַרבעטנדיקן פאָלק, זיי זענען פאַר זיי אַ פרעמדער פּראָדוקט פון דער פאַרמעגלעכער מינדערהייט. נאָך דעמדאָזיקן פסק-דין באַשליסט דער קינסטלער, וואָס איז אָנערקענט אין רוסלאַנד און אין דער גאַנצער וועלט, זיך אָפּצוהאַלטן פון ווייטערדיקע קינסטלערישער שאַפונג און ווידמען זיך אינגאַנצן אויף פאָרשן די סאָציאַלע פּראָבלעמען; אין רעזולטאַט פון אָט דעם באַשלוס ווערט אָנגעשריבן, צוזאַמען מיט צאָלרייכע פּראָפּאַגאַנדיסטישע אַרטיקלען, זיין לעצט גרויס ווערק — „תחית המתים“.

טאָלסטאָיס קריטיק איבער אַלץ, וואָס עקזיסטירט, איז ראַדיקאַל; זי אָנערקענט נישט קיין גרענעצן, וויל זיך אויף גאָרנישט אומקוקן, ווייס נישט פון קיינע קאָמפּראָמיסן.

טאָלסטאָי האַלט נישט פון קיינע מיטל-וועגן און קיינע פּאַליאַטיוון אויף קלענער צו מאַכן דאָס סאָציאַלע בייז.

איינגאַנצן פאַרניכטן פּריוואַט-אייגנטום און די מלוכה, אַלגעמיינע אַרבעט-פליכט, פולע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע גלייכהייט, פולשטענדיק באַזייטיקן דעם מיליטאַריזם, ברודערשאַפט צווישן פעלקער, אַלגעמיינער פרידן און גלייכהייט פון דעם גאַנצן מענטשלעכן כלל, — דאָס איז דער אידעאַל, וואָס

טאָלסטאָי האָט אומדערמידלעך פאַרשפּרייט מיט דער עקשנות פון אַ גרויסן און טיף איבערצייגטן נביא.

טאָלסטאָיס סאָציאַלע קריטיק און סאָציאַלע בליקן שטעלן אים אויף אַזאַ אופן אַוועק אין די רייען פון סאָציאַליזם, אין די רייען פון רומפולן אַוואַנגאַרד פון גרויסע גייסטער, וואָס באַלייכטן דעם פּראָלעטאַריאַט זיין היסטאָרישן באַפרייאונגס-וועג. און פונדעסטוועגן איז קיינער נישט געווען אַזוי ווייט, ווי טאָלסטאָי פון דער פאַרשטענדעניש פאַר דער איצטיקער אַרבעטער-באַוועגונג, פון איר אידעאַלן אינהאַלט.

ווי נאָר טאָלסטאָי הויבט-אָן צו פאַרענטפערן די פראַגע, ווי אַזוי צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַלן אידעאַל, קערט ער זיך אָפּ פון דעם היסטאָרישן וועג פונם פּראָלעטאַריאַט: ער האָט פיינט די רעוואָלוציע און קלאַסן-קאַמף, און ער ווייזט-אָן די וועגן פון אינערלעכער פאַרפולקאָמונג פון מענטשן דורכן קריסטנטום.

„דער אויסוועג, וואָס עס ליגן פאַר די רעוואָלוציאָנערן, — בייצוקומען די מאַכט —, איז גאָרנישט מעגלעך. די רעגירונגען, וואָס באַזיצן אין זייער רשות אַ דיסציפּלינירטע קראַפט, וועלן קיינמאָל נישט דולדן, עס זאָל זיך אויסבילדן אַ צווייטע דיסציפּלינירטע קראַפט. אַלע פּרוּוון פון פאָריקן יאָרהונדערט (טאָלסטאָי שרייבט דאָס אין אָקטאָבער 1900) האָבן דערוויזן, אַז זיי זענען געווען בחינמדיקע. עס איז אויך נישט קיין אויסוועג, צו באַשאַפן אַ מעכטיקע ווירטשאַפט-אָרגאַניזאַציע, — ווי עס מיינען דאָס אַנדערע סאָציאַליסטן, — און זי זאָל מנצח זיין די פאַרייניקטע כוחות פון די קאַפּיטאַליסטן.

קיינמאָל וועלן אַרבעטער-פאַריינען, וואָס באַזיצן עטלעכע מיליאָן, נישט קענען קעמפן קעגן דער עקאָנאָמישער קראַפט פון די מיליאַרדערן, וואָס ווערן נאָך געשטיצט דורך דער מיליטערישער מאַכט.

עס איז אויך ווייניק וואַרשיינלעך די האָפנונג פון אַנדערע סאָציאַליסטן, צו דערשלאָגן זיך צו אַ מערהייט אין די פאַר-

לאַמענטן. אַזאַ פּאַרלאַמענטאַרישע מערהייט וועט קיין זאַך נישט אויפטון, כּל זמן דאָס מיליטער וועט שטיין צו דינסט ביי דער רעגירונג. עס וועט אַפילו נישט העלפן דאָס פאַרשפּרייטן די סאָציאַליסטישע פּרינציפּן צווישן דעם מיליטער.

דאָס מיליטער ווערט אַזוי געשיקט היפּנאָטיזירט, אַז אַפילו אַ פרייַדענקער און דער גרעסטער בר דעת וועט, זייענדיק אין מיליטער, אויספירן אַלץ, וואָס מען פאַרלאַנגט פון אים. אויב אַזוי, ווו איז דער אויסוועג?

אָפּזאָגן זיך פון מיליטער-דינסט „כּל זמן מען איז נאָך נישט אונטערגעפאַלן אונטער דער פאַרטעמפּנדיקער ווירקונג פון דיסציפּלין" און „פּערזענלעכע זעלבסטפאַרפולקאָמונג, ד. ה. פאַרבייטן די אייגענע עגאָאיסטישע שטרעבונגען אויפן פאַרלאַנג צו דינען מיט ליבשאַפט אַנדערע מענטשן, — ווי עס לערנט די עוואַנגעליע — און לויטן זין פון די נביאישע געבאָטן: האַנדל לגבי דעם צווייטן אַזוי, ווי דו וואָלסט וועלן מען זאָל האַנדלען לגבי דיר".

דער חרם פון קלויסטער, וואָס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף דעם איינציקן אמתן קריסט אין רוסלאַנד נאָכן דערשייַנען פון „תחית המתים", און דער פייערלעכער פאַרבאָט אָפּצוריכטן תּפילות איבער דעם פאַרשטאָרבענעם — באַווייזן גאַנץ קלאָר, ווי ווייניק געמיינזאַמעס עס האָט פאַרמאָגט טאָלסטאָיס קריסטלעכקייט מיט דער אָפיציעלער קירך, וועלכע איז אין רוסלאַנד נאָך דייטלעכער, ווי ערגעץ ווו אַנדערש די גייסטיקע אָפּטיילונג פון דער זשאַנדאַרמעריע. און דאָך טרעט קלאָר אַרויס אין טאָלסטאָיס „קריסטלעכער לערע" אַ רעאַקציאָנערער שטריך, — אַ שטריך, וואָס איז אויפן ענגסטן אופן פאַרבונדן מיט דער שוואַכער זייט פון טאָלסטאָיס סאָציאַלן אַנאַליז. ער האָט בייַדעלעכוויַיז פונאַנדערגענומען די גאַנצע איצטיקע געזעלשאַפט און האָט זי פאַרשאָלטן פון שטאַנדפּונקט פון מאָראַל, גערעכטיקייט, ליבע צום פאָלק, — און ביי דעם אַלעמען האָט ער אָבער נישט פאַרשטאַנען די היסטאָרישע באַציאונגען אין דער-

דאָזיקער געזעלשאַפט, וואָס איז כולל אין זיך אויך די אומ-פאַרמיידלעכע געזעלשאַפטלעכע מיטלען אויף צו פאַרווירקלעכן סאָציאַליזם דורכן קלאַסן-קאַמף.

טאָלסטאָי איז אין די אויסגאַנגס-פונקטן און אין די לעצטע אויספירונגען פון זיין געניאַלער קריטיק, — דער ריינ-סטער אידעאַליסט, און מיט דעם, ווי אויך מיט דער אָפּשטאַ-מונג, איז ער ענלעך צו די גרויסע סאָציאַליסטן-אוטאָפּיסטן פון אָנפאַנג 19-טן י. ה., פוריע, ס. סימאָן און אָווען. אמת, דער-דאָזיקער גרויסער דריילינג איז געשטאַנען ערשט ביים וויגעלע פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, און טאָלסטאָי איז געשטאָרבן אין אַ תקופה, ווען דער קאַפּיטאַליזם האָט שוין אַרויסגעוויזן די גרויזאַמע סימנים פון זיין פאַרדאָרבנקייט און פון דער דערנענטערונג צום סוף. אָבער שוין די לעבנס-אומ-שטענדן פון טאָלסטאָיען — קלערן אונז גענוג אויף די ריכט-ליניען פון זיין געדאַנק, וואָס זענען אין זיין לעבן געווען די אַנטשיידנדע:

טאָלסטאָי איז געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן אין קנעכטישן רוסלאַנד פון ניקאָלאַי דעם 1-טן; אין די רייפע יאָרן שוין איז ער געווען אַן עדות פונם באַנקראָט פון דער שוואַ-כער ליבעראַלער באַוועגונג אין די 60-ער יאָרן, דערנאָך פון דער רעוואָלוציאָנער-סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין די 70-ער און 80-ער יאָרן, און נאָר אויף דער עלטער האָט ער איבער-געלעבט דעם אָנהויב פון דער פּראָלעטאַרישער קלאַסן-באַוועגונג און שוין נישט לאַנג פאַרן טויט, — די רעוואָלוציע.

וואָס זשע איז דאָס וואונדער, אויב די היסטאָרישע וויר-קונג פון דער שנעלער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג אין רוס-לאַנד, מיטן לעגענדאַרן וווקס פון פּראָלעטאַריאַט, זענען פאַר אים פאַרבליבן אַן אומפאַרשטענדלעכער פענאָמען, און דער אַבערגלויבישער, געדולדיקער פויער איז פאַר אים פאַרבליבן דער פאָרשטייער פון רוסישן פאָלק.

אַ סך סאָציאַל-דעמאָקראַטן, אַפילו באַוואָפנט מיט דער

דערפאַרונג פון מערב-אייראָפּעאישן לעבן, האָבן דאָך נישט גע-קענט פאַרשטיין די רוסישע רעוואָלוציע, און באַזונדערס, די אויפפירונג פון אַרבעטער-קלאַס. אויך איצטער איז גענוג געווען די מפלה פון דער רעוואָלוציע *), כדי ביי פיל דייטשע ס. ד. זאָל אָפּגעשוואַכט ווערן דער גלויבן אין איר מעגלעכקייט און אין איר נצחון.

טאָלסטאָי האָט די ס. ד. קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען, און זיינע איצטיקע און אמתדיקע אַפּאָסטאָלן האָט ער געזוכט אין דער אָרימער פויערשער סעקטע דוכאָבאָרן, וועלכע האָבן נאָך זייער געצוווּנגענער אויסוואַנדערונג קיין אַמעריקע, אויפן טראַגישסטן אופן אַנטפּלעקט די באַדנלאָזיקייט פון טאָלסטאָיס לערע.

אויך די עטישע פּראָפּאַגאַנדע פון טאָלסטאָיען און זיין שאַרף פאַרורטיילן דעם קלאַסן-קאַמף און די רעוואָלוציע אין צאַרישן רוסלאַנד — האָבן געהאַט אין זיך רעאַקציאָנערע מאָמענטן; אָבער גראָד די געשיכטלעכע אַנטוויקלונג, וועלכע טאָלסטאָי האָט נישט אָנערקענט, האָט שוין געזאָרגט וועגן דעם, אַז פון זיין לערע זאָל אָפּגעשיילט ווערן די שאָל פון קריסט-לעכן אינדיווידואַליזם, און דאָס גלאַנצנדיקע גאָלד פון זיינע סאָציאַלע געדאַנקען זאָל פאַרבלייבן אין די אוצרות פון גייסטיקן לעבן.

טאָלסטאָיס פּראָפּאַגאַנדע האָט אויף אַ געוויסע צייט גע-שטויסן צענטליקער סטודענטן אַנצוהויבן צו לעבן אויף אַ „מאָדנעם" אופן — אָבער זיין מעכטיקע קריטיק, פאַרקערפּערט אין די געניאַלע קינסטלערישע שאַפונגען, האָט געוועקט אין הונדערטער טויזנטער הערצער און מוחות דעם געדאַנק, און פאַרוואָרפן פונקן פון באַוווּסטזיניקן לעבן און ליבע צו דער מאַסע נישט-פאַרמעגלעכע.

דאָס ווערק פון זיין לעבן — דאָס איז אַ שטיק קולטור, און דער באַוווּסטזיניקער אַרבעטער-קלאַס, דער צוקונפטיקער

*) דאָ האַנדלט זיך וועגן דער רעוואָלוציע פון 1905.

יורש פון דער מענטשלעכער קולטור, בויגט-איין מיט דרך-ארץ און דאַנקבאַרקייט זיינע פּענער ביים קבר פון גרויסן קינסטלער און גרויסן מענטשן, וועלכער האָט אויף זיין שטייגער, ביזן סוף געשטריטן קעגן עקספּלאָאַטאַציע און אונטערדריקונג — און ביזן טויט נישט געגאַנגען אויף קיינע שום פּשרות.

דער עפּיגאָן פון אוטאָפּישן סאָציאַליזם

די אינטעליגענץ פּראַוועט דעם חודש גרויסע פייערונגען לכּבוד דעם 80 יעריקן געבורטס-טאָג פון טאָלסטאָי, דעם געניאַלסטן קינסטלער-בעלעטריסט פון אונזער צייט. ס'איז נישט דאָס אָרט — אויף די שפּאַלטן פון אַ קאַמף-אָרגאַן פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, און נישט די צייט — צווישן טויזנטער אַנדערע דאגות, אין סאַמע ברען פון שלאַכט מיט דער קאָנטר-רעוואָלוציע, צו פאַרנעמען זיך מיט אָפּשאַצן די קאָלאָסאַלע קינסטלערישע טעטיקייט טאָלסטאָיס. אָבער אין תוך גענומען, איז אָט דער געניאַלער בעלעטריסט פון אָנהייב אָן געווען נישט בלויז אַן אומדערמידלעכער קינסטלער, נאָר אויך אַן אומדערמידלעכער סאָציאַלער דענקער.

די גרונט-פּראָבלעמען פון מענטשלעכן לעבן, פון די באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש, פון די סאָציאַלע באַדינגונגען האָבן תּמיד שטאַרק פאַרנומען טאָלסטאָיען, און זיין גאַנץ לעבן, דאָס לאַנגע, און זיין גאַנץ שאַפן, פאַר לאַנגע יאָרן, זענען געווען איין אומאויפהערלעך זוכן דעם „אמת" אינם מענטשנס לעבן. דיזעלבע אומדערמידלעכע אמת-זוכעריי ווייזט מען געוויינלעך אָן ביי אַ צווייטן באַרימטן בן-דור טאָלסטאָיס — ביי איבסענען. נאָר אין דער צייט ווען ביי איבסענען, אין זיינע דראַמעס, געפינט דער גרויסער אידעאישער קאַמף פון אונזער צייט אַביסל אַ משונהדיקן, סימבאָלישן אויסדרוק, אין גראַנדיעזע זשעסטן פון קאַרליקעס און אין זייער אָפּט קוים פאַרשטענדלעכער שפּיל, — און איבסען דער קינסטלער איז דערביי נישט זעלטן אַ קרבן פון די נישט געראָטענע

אָנשטרענגונגען פון איבסען דעם דענקער, — איז ביי טאָלסטאָ-
יען שוואַכט דער דענקער לגמרי נישט אָפּ זיין קינסטלערישע
גאונות. טאָלסטאָי איז אין יעדער נאָוועלע מכבד מיט דער ראָל
אויסצודריקן זיין געדאַנק אַזאַ איינעם, וואָס שפּילט צווישן אַ גאַנצן
צרום פון לעבן-שפּרודלדיקע מענטשן די אומגעשיקטע און
קאָמישע ראָל פון אַ פאַרחלומטן רעזאָנער און אמת-זוכער, ווי
פּיער בעזוכאָוו אין „מלחמה און שלום״, לעווין אין „אַננאַ
קאַרעני‌נאַ״, נעכליודאָוו אין „תחית המתים״. דידאָזיקע פּער-
סאָנאַזשן זאָגן תמיד אַרויס די געדאַנקען, ספקות און פּראָבּ-
לעמען, וואָס טאָלסטאָי אַליין שטעלט פאַר זיך; קינסטלעריש
זענען זיי געוויינלעך די סאַמע שוואַכע און זענען נאָר איבּנ-
אויף סקיצירט — זיי זענען גיכער באַאָבּאַכטער פון לעבן, איי-
דער זיינע אַקטיווע אָנטיילנעמער. אָבער דער שעפערישער כּוח
טאָלסטאָיס איז אַזוי מעכטיק, אַז ער איז אַליין נישט אימשטאַנד
צו פאַרדאַרבן זיינע באַשעפענישן, הגם ער באַגייט זיך מיט זיי
מיט דער זאָרגלאָזיקייט פון אַ שעפער פון „גאָטס גענאָד״. און
אויב טאָלסטאָי דער דענקער האַלט אַמאָל אָפּ אַ נצחון איבער
טאָלסטאָי דעם קינסטלער, איז נישט דערפאַר, וואָס די אַר-
טיסטישע גאונות האָט אים פאַרלאָזט, נאָר בלויז דערפאַר,
וואָס דער קפדן דער דענקער האָט זי בכּיוון געמאַכט שווייגן.
אויב די לעצטע 10 יאָר האָט טאָלסטאָי אָנשטאָט גראַנדיעזע
דערציילונגען געשריבן פאַרבלאָזע, אין קינסטלערישן זינען, די-
סערטאַציעס און חקירות וועגן רעליגיע, מאָראַל, הייראַט, דער-
ציאונג און וועגן דער אַרבּעטער-פראַגע, איז דאָס דערפאַר, וואָס
זיינע זוכענישן און געדאַנקען האָבּן אים געבראַכט צו אַזעלכע
אויספירן, אַז זיין אייגענע קינסטלערישע עבודה האָט אָנגע-
הויבן אויסזען ביי אים, ווי אַ פּוסטע שפּילעריי.

וואָס איז דער עצם פון אָט די אויספירן? וואָסערע אי-
דעען האָט עס געפּריידיקט און פּר־דיקט נאָך אַלץ, ביז צום
לעצטן אָטעם-צוג פון זיין לעבן, אָט דער אָנערקענטער דיכטער?
אויב מיר וועלן פאָרמולירן טאָלסטאָיס אידעאישע ריכטונג אין
געציילטע ווערטער — באַשטייט זי אינם אָפּקער פון די איצ-

טיקע פאַרהצלטעניש, מיטן סאָציאַלן קאַמף אין אַלע זיינע פאָרמען, צו „אמתן קריסטנטום”.

די רעאַקציאָנערע באַפּאַרבונג פון דערדאָזיקער אידעען־ריכטונג וואַרפט זיך אין די אויגן, אפילו ביי אַן אויבנאויפיקער באַקאַנטשאַפט מיט איר. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מען קאָן נישט דאָס קריסטנטום, וואָס טאָלסטאָי פריידיקט, חושד זיין, אַז עס האָט וואָס ס'נישט איז געמיינזאַמעס מיט דער איצטיקער אָפיציעלער קריסטלעכער רעליגיע. קעגן אַזאַ חשד רעדט שוין כאָטשבי דער עפנטלעכער חרם, וואָס אָט די לערע האָט געהאַט אויסצושטיין מצד דער רוסיש־מלוכהשער פּראַוואָס־לאַווישער קירך. אָבער אָפּאָזיציע קעגן עקזיסטירנדיקן סדר קאָן אויך אָננעמען אַ רעאַקציאָנערע באַפּאַרבונג, ווען זי טרעט־אויף אין מיסטישע פאָרמען. און טאָפּלט פאַרדעכטיק איז דער קריסטלעכער מיסטיציזם, וועלכער טרייסלט זיך אָפּ פון יעטוועדן קאַמף, פון יעטוועדער גצוואַלט־אָנווענדונג, און פריידיקט די לערע פון „ווידערשטאַנדלאָזיקייט” אין אַזאַ פּאָליטישער און סאָציאַלער סביבה, ווי דאָס צאַרישע רוסלאַנד.

און ווירקלעך, די השפעה פון טאָלסטאָיס לערע אויף דער יונגער רוסישער אינטעליגענץ (די השפעה איז, איבריקנס, קיינמאָל נישט געווען גרויס און האָט אַרומגענומען נאָר זייער אַ קליינעם קרייז) צום סוף 80־ער און אָנהייב 90־ער יאָרן, אַלזאָ אין אַ צייט פון שטילשטאַנד אינם רעוואָלוציאָנערן קאַמף, האָט געפונען איר אויסדרוק אין אַ געוויסער אומגעזונטער שטרעמונג פון עטיש־אינדיווידועלער פּאַסיווקייט. דידאָזיקע שטרעמונג האָט געקאָנט ווערן געפערלעך פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, ווען נישט דאָס, וואָס זי איז געווען בלויז אַן עפּיזאָד, סיי רוימלעך סיי צייטלעך. און פון דעם טאָג אָן, ווען טאָלסטאָי איז אַליין געוואָרן אַן עדות פון דער היסטאָרישער דראַמע פון דער רוסישער רעוואָלוציע, איז ער שוין דירעקט ארויסגעטראָטן קעגן דער רעוואָלוציע; אגב איז ער שוין אין זיינע פריערדיקע ווערק אַנטשיידן אַרויסגעטרעטן קעגן סאָציאַליזם,

און באַזונדערס קעגן די לערע פון מאַרקסן, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר פאַלש און פאַרפירעריש.

עס איז קיין ספק נישט, אַז טאָלסטאָי איז נישט קיין היינטצייטיקער סאָציאַליסט, אַז ער איז קיינמאָל אַזאַ נישט געווען, און אַז ער האָט נישט באַנומען און נישט פאַרשטאַנען די מאָדערנע אַרבעטער-באַוועגונג. עס וואָלט אָבער געווען, ווייך גערעדט, משונה און נוצלאָז צוצוגייען צו אַזאַ גרויסער און אייגנטימלעכער גייסטיקער דערשיינונג, ווי טאָלסטאָי איז, מיט אַ פאַראייגפאַכטן שילערישן קריטעריום און אורטיילן וועגן אים, אָנווענדנדיק אַזאַ מין פאַראייגפאַכטע מאָס. דאָס ווערן זיך קעגן סאָציאַליזם, ווי קעגן אַ פּאָליטישער באַוועגונג און וויסנשאַפט־לעכער סיסטעם, קאָן זיך אַמאָל נעמען נישט פון שוואַכקייט, נאָר דווקא פון אינטעלעקטועלער קראַפט. און גראָד אזא איז טאַקע דער פאַל מיט טאָלסטאָיען.

פון איין זייט, איז טאָלסטאָי אויפגעוואַקסן און רייף געוואָרן נאָך אין פריערדיקן לייב-קנעכטישן רוסלאַנד פון ניקאָלאַי I, אין יענע צייטן, ווען אין לאַנד האָבן געוועלטיקט צאַרן און קיין מאָדערנע אַרבעטער-באַוועגונג איז נאָך נישט געווען, און ס׳זענען אויך נישט געווען נאָך די נויטיקע דערצו עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פאָר-הנחות; אויף דער עלטער איז ער געווען אַן עדות דערפון, ווי עס האָבן געליטן אַ צוזאַמענ־ברוך פריער די שוואַכע פּרוון פון אַ ליבעראַלער באַוועגונג און דערנאָך די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ"; שוין אין עלטער פון 80 יאָר האָט ער ערשט דער־זען די ערשטע קרעפטיקע שריט פונם אינדוסטריעלן פּראָ־לעטאַריאַט, און לסוף, שוין גאָר אַ זקן, האָט ער דערלעבט די רעוואָלוציע.

איז דעריבער קיין חידוש נישט, וואָס פאַר טאָלסטאָיען עקזיסטירט גאָר נישט דער היינטיקער רוסישער פּראָלעטאַריאַט מיט זיין לעבן און שטרעבן; „פאָלק" איז פאַר אים געווען און פאַרבליבן נאָר דער פּויער, און נישט דער היינטיקער, נאָר דער פריערדיקער, דער טיף גלויביקער און פּאַסיוו ליידנדיקער

פויער, וועלכער בענקט נאָך ערד, וועלכער חלומט וועגן דעם, ווי אַרום אַריינצוקריגן וואָס מער פון אָט דער טייערער „מאַמע-ערד”.

פון דער אַנדערער זייט איז טאָלסטאָי, וועלכער האָט אַדורכגעלעבט אַלע קריטישע פאַזעס און דעם גאַנצן דערנער-וועג פון רוסישן געזעלשאַפטלעכן געדאַנק, געהער אַליין צו יענע גאונישע אינטעלעקטן, פאַר וועלכע ס'איז שווערער, ווי פאַר אַ דורכשניטלעכן אינטעליגענט, אַריינצופאַסן זיך אין די גרייטע דענק-פאָרמען, אין די אויסגעפורעמטע וויסנשאַפטלעכע סיסטעמען. אַן אויטאָדידאַקט פון געבוירן אָן — נישט אין פרט פון פאָרמעלער בילדונג, נאָר אין פרט פון דענקען — קאָן ער צו יעדן געדאַנק צוקומען נאָר מיט זיינע אייגענע וועגן. און מעגן פאַר אַנדערע אָט די וועגן זיין אָפטער פאַר אַלץ אומפאַרשטענדלעך, און די אויספירן, וואָס ער מאַכט, מעגן אויסזען ווי משונה, — אָבער ער, דער דרייסטער איינזאַמער, דערגרייכט דערביי אומגעהייערע האָריזאָנטן.

ביי טאָלסטאָיען, ווי בכלל ביי אַזעלכע אינטעלעקטן, איז די קראַפט און געוויכט נישט אין דער פאָזיטיווער פּראָפּאַגאַנדע, נאָר אין דער קריטיק פון די עקזיסטירנדיקע פאַרהעלטענישן. און אין דעם פרט ווייזט טאָלסטאָי אַרויס אַזאַ פאַרשידנאַרטיקייט, גרינטלעכקייט און דרייסטקייט, אַז עס דערמאָנט אָפט אין די אַלטע אוטאָפּיסטן, די קלאַסיקער פון סאָציאַליזם, סען-סימאָן און פוריע. נישטאָ קיין איין דורך טראַדיציע געהייליקטער אינסטיטוט פון היינטיקן סאָציאַלן סדר, וואָס טאָלסטאָי זאָל אים נישט האָבן דעמאַסקירט, וואָס טאָלסטאָי זאָל נישט האָבן באַוויזן זיין פאַלשקייט, זינלאָזיקייט און אוממאָראַלישקייט. קירך און מלוכה, מלחמה און מיליטאַריזם, הייראַט און דערציאונג, רייכקייט און פוילקייט, פיזישע און גייסטיקע דעגענעראַציע פון די אַרבעטנדיקע, עקספּלאָטאַציע און אונטערדריקונג פון די פאָלקס-מאַסן, די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן געשלעכטער, קונסט און וויסנשאַפט אין זייער איצטיקן געשטאַלט — צו אַלץ גייט טאָלסטאָי צו מיט אומברחמנותדיקער פאַרניכטו-

דיקער קריטיק, און זיין אויסגאַנגס-פּונקט דערביי איז תמיד — אַלגעמיינע אינטערעסן, דער קולטור-פּראָגרעס פון די ברייטע מאַסן. אַז מען לייענט, למשל, אַדורך דעם אָנהייב פון זיין „אַרבעטער-פראַגע״, קאָן זיך אויסדוכטן, אַז דאָס איז אַ פּאָפּו-לערע סאָציאַליסטישע אַגיטאַציאָנס-אויסגאַבע.

ער שטרייכט אונטער, אַז אויף דער וועלט איז פאַראַן מער ווי אַ מיליאַרד, ווי טויזנט מיליאָן אַרבעטער, אַז דאָס גאַנצע ברויט, אַלע סחורות פון דער גאָרער וועלט, אַלץ מיט וואָס מענטשן האַלטן זיך אויף און וואָס בילדעט זייער רייכ-קייט — איז דאָס ווערק פון די אַרבעטנדיקע. און פונדעסט-וועגן, איז נישט די אַרבעטנדיקע געניסן דאָס אַלץ, וואָס זיי באַשאַפן, נאָר די רעגירונג און די גבירים! און דאָס אַרבע-טער-פאָלק קומט-אָפּ אין אייביקער פינסטערניש, אָרימקייט און אַרבעט, און ווערט פאַראַכטעט דורך דיזעלבע, וועלכע ער באַקליידט און באַשפּייזט, פאַר וועלכע ער בויעט און וועמען ער דינט.

ווייטער זאָגט טאָלסטאָי, אַז מען האָט ביים פאָלק צוגע-נומען די ערד, און איצט האָבן זי די, וואָס אַרבעטן נישט, אַזוי אַז די אַרבעטנדיקע, אויב זיי ווילן האָבן אַ מעגלעכקייט צו לעבן פון ערד, — זענען זיי געצוווּנגען צו טון אַלץ, וואָס די ערד-באַזיצער זאָלן פון זיי נישט פאַרלאַנגען. און אַז אַן אַרבעטער וואַרפט דעם אַקער און גייט אַוועק אויף אַ פאַבריק, ווערט ער אַ קנעכט ביי די גבירים, ער מוז ביי זיי דאָס גאַנצע לעבן, צו 10, 12 און 14 שעה אַ טאָג, טון אַן אַרבעט, וועלכע איז אים פרעמד, אַן איינטאָניקע און זייער אָפט אַ שעד-לעכע פאַרן געזונט. און דערביי — אַז אים זאָל זיך אַפילו איינגעבן אַזוי איינצואָרדנען זיך ביים אַקער אָדער ביים וואַר-שטאַט, צו קאָנען ווי ס׳איז לעבן — איז אַפילו דאַמאָלס וועט ער נאָך נישט האָבן קיין רויק לעבן. מען פאָדערט פון אים ער זאָל צאָלן שטייערן, מען יאָגט אים צו מיליטער-דינסט אויף דריי, צי גאָר אויף גאַנצע פינף יאָר, מען צווינגט אים איינ-

צוצאָלן אַ ספּעציעלן מיליטער-שטייער. און זאָל ער נאָר וועלן געניטן פון דער ערד און נישט צאָלן קיין רענטע, אָדער זאָל ער נאָר וועלן שטרייקן, צי נישט צולאָזן די שטרייקברעכער, זיי זאָלן פאַרנעמען זיין פּלאַץ ביי דער אַרבעט — אַזוי שיקט מען אַרויס קעגן אים סאָלדאַטן, וועלכע ממיתן אים, מאָרדן אים און צווינגען אים זיך אומקערן צו דער אַרבעט און צאָלן שטייערן. אַזוי לעבט די מערהייט מענטשן אויף דער גאָרער וועלט, נישט נאָר אין רוסלאַנד, נאָר אויך אין פראַנקרייך, אין דייטשלאַנד, אין ענגלאַנד, אין כינע, אינדיע, אַפריקע, אומעטום.

די קריטיק פון מיליטאַריזם, פון הייראַט איז ביי טאָלסטאָיען אפשר נישט ווייניקער שאַרף, ווי די סאָציאַליסטישע קריטיק, און די גרונט-ליניע אין דער קריטיק איז אויך מער ווייניקער דיזעלבע. ווי ווייט אָריגינעל און טיף עס איז דער סאָציאַלער אַנאַליז טאָלסטאָיס, קאָן מען זען, ווען מען פאַרגלייכט, למשל, זיין קוק אויף אַרבעט און איר מאָראַלישן ווערט מיטן קוק פון דער גאַנצער קליין-בורזשואַזיע, וואָס וויל אַרבעט אַלס אַזעלכע מאַכן פאַר אַן אָפּגאָט; אגב, צוליב אָט די בליקן טאָלסטאָיס האָבן אים אייניקע אָנגעזעענע פאַרטיי-פירער פון פראַנקרייך און אין אַנדערע לענדער פאַררעכנט פאַר אַ סאָציאַליסט אין פולן זינען פון וואָרט. טאָלסטאָי פאַרצייכנט געלאַסן, אין עטלעכע ווערטער, דעם עצם פון דער פראַגע, און ווייזט-אָן, אַז זאָלאַ זאָגט טאַקע, אַז אַרבעט מאַכט דעם מענטשן איידעלער, אָבער ער, טאָלסטאָי, האָט תמיד צוגעזען פונקט דעם היפוך. „אַרבעט, אַלס אַזעלכע, די מילבן-גאווה מיט אייגענער אַרבעט, דאָס מאַכט אַכזריש נישט נאָר די מילב, נאָר אויך .דעם מענטש. נאָר אויב — זאָגט טאָלסטאָי ווייטער — ליבע צו אַרבעט איז נישט קיין חטא, איז זי אָבער קיין טוגנט אוודאי נישט. אַרבעט איז אַ באַדערפעניש, און אויף וויפל אָט די באַדערפעניש ווערט נישט באַפרידיקט, איז זי אַ פּיין, אָבער באַין אופן נישט קיין טוגנט. דערהייבן אַרבעט צו דער

מדרגה פון אַ מידה טובה און אַ טוגנט איז פּונקט אַזאַ פאַר-פירערײַ, ווי דערהייבן דאָס עסן צו אַ טוגנט.

„אויב מען גיט איצט צו אַזאַ באַדייטונג דער אַרבעט, האָט זיך דאָס געקאָנט נעמען נאָר פון אַ רעאַקציע קעגן פויל-קייט, וואָס איז געווען פאַררעכנט פאַר אַ סימן פון פיינקייט און יחוס און וואָס די רייכע קלאַסן און די וויניק געבילדעטע קלאַסן האַלטן נאָך איצט פאַר אַ סימן פון אַ העכערן מעמד אין דער געזעלשאַפט. אַרבעט איז נישט נאָר נישט קיין טוגנט, נאָר אין אונזער היינטיקער געזעלשאַפט, וועלכע איז דורך-און-דורך פול מיט חסרונות אין איר אָרגאַניזאַציע, איז אַרבעט בפירוש אַ מיטל, וואָס טויט-אָפּ די מאָראַלישע עמפינדלעכקייט". עס איז געווען אָנצוווייזן, אַז דידאָזיקע ווערטער אַנטשפּרעכן פולקאָם די ווערטער אין „לוין-אַרבעט און קאַפּיטאַל": „דאָס לעבן פונם פּראָלעטאַריער הייבט זיך אָן דאָרט, ווו עס ענ-דיקט זיך זיין אַרבעט".

די דערמאָנטע קעגנשטעלונג פון צוויי בליקן אויף אַרבעט איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם פאַרהעלטעניש זאָלאַ-טאָלסטאָי סיי אויפן געביט פון דענקען, סיי אויפן געביט פון קינסטלערישן שאַפן: ס'איז דאָס פאַרהעלטעניש פון אַ געוויסנ-האַפטן און טאַלאַנטפולן בעל-מלאכה צו אַ שעפערישן גאון.

טאָלסטאָי קריטיקירט דאָס גאַנצע איצטיקע לעבן, ער האַלט, אַז אַלע זיינע יסודות דאַרפן פאַרניכטעט ווערן, מען דאַרף אָפּשאַפן עקספּלאָאַטאַציע און איינפירן אַלגעמיינע אַרבעטס-פליכט און עקאָנאָמישע גלייכהייט, אָפּשאַפן דעם צוואַנג-כאַראַק-טער פון דער מלוכהשער אָרגאַניזאַציע ווי אויך פון די באַציאונ-גען צווישן די געשלעכטער, איינשטעלן פולע גלייכהייט פון אַלע מענטשן, פון געשלעכטער, פון נאַציעס און איינשטעלן פאַברידערונג צווישן די פעלקער.

אויף וואָסערע-זשע וועגן וויל טאָלסטאָי זיך דערשלאָגן צו אָט דער ראַדיקאַלער אומענדערונג פון גאַנצן סאָציאַלן סדר?— דורכדעם, וואָס מענטשן זאָלן זיך אומקערן צו דעם איינציקן און פּשוטן יסוד פון קריסטנטום: „האָב ליב דיין נאָענטן, ווי

זיך אַליין". ווי מיר זעען, איז טאָלסטאָי דאָ אַ ריינסטער אי־דעאַליסט. דורך מאָראַלישער ווידערגעבורט פון דער מענטש־הייט וויל ער קומען צו איבערגעאַנדערשטע סאָציאַלע באַציאונגען, און צו דער ווידערגעבורט גלויבט ער צו קומען דורך פּראָפּאַגאַנדע און דורך פּערזענלעכן ביישפּיל. דעריבער ווערט ער נישט מיד צו דערווייזן די נויטיקייט און נוצלעכקייט פון מאָראַלישן „תחית המתים", ער הערט נישט אויף צו ברענגען באַווייזן, צו אָפּערירן מיט נעבעכדיקע אַרגומענטן, צו אָנווענדן די נאַאיוויסטע קונסט פון איבערצייגן, וואָס דערמאָנט שטאַרק די שטענדיקע ווענדונגען פון פוריע צום מענטשלעכן עגאָאיזם, מיט וועלכע ער האָט זיך געפּרוווט, אויף אַלערליי אופנים, אַרויסצורופן אינטערעס צו זיינע סאָציאַלע פּלענער.

אַלזאָ דער סאָציאַלער אידעאַל טאָלסטאָיס איז סאָציאַליזם.

אָבער ווער ס'וויל ווירקלעך באַנעמען דעם סאָציאַלן מהות און די טיפקייט פון טאָלסטאָיס בליקן און אַרגומענטאַציע, דער באַדאַרף זיך ווענדן נישט אַזוי צו זיינע ווערק איבער פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פראַגן, ווי צו זיינע אַרטיקלען וועגן קונסט. די געדאַנקען, וועלכע טאָלסטאָי אַנטוויקלט אויף דעם געביט, אין זיין געוויינלעכער מייסטער־פאָרם, באַשטייען אין פאָלגנדיקן:

קונסט איז, קעגן אַלע עסטעטישע און פילאָזאָפישע דעפיניציעס פון דאָקטרינערן, לחלוטין נישט קיין לוקסוס־זאַך, נישט קיין מיטל אַרויסצורופן אין אויסגעאיידלטע הערצער דאָס געפיל פון „שיינקייט", פון „לוקסוס" און אַנדערע פריצישע געפילן, נאָר אַ וואָגיקע היסטאָרישע פאָרם פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן, פונקט ווי דאָס איז די מענטשן־שפּראַך. טאָלסטאָי ווענדט־אָפּ אַלע דעפיניציעס פון קונסט, אָנהייבנדיק פון ווינקלמאַנען און ענדיקנדיק מיט קאַנטן און טענען, און נעמט־אָן דעם דערמאָנטן שטאַנדפּונקט, אַ ריין מאַטעריאַליסטיש־היסטאָרישן, און מיט דעמדאָזיקן מאָסשטאַב גייט ער צו צו דער מאָדערנער קונסט און קאָנסטאַטירט, אַז דער מאָסשטאַב אַנט־

שפּרעכט אויף קיין געביט נישט דער רעאַלער ווירקלעכקייט:
די גאַנצע מאָדערנע קונסט, מיט זייער קליינע אויסנאַמען, איז
נישט פאַרשטענדלעך פאַר די ברייטע שיכטן פון דער געזעל-
שאַפט, ד. ה. פאַר די אַרבעטנדיקע מאַסן. און אָנשטאָט צו
מאַכן דערפון דעם געוויינלעכן באַנאַלן אויספיר וועגן דער גייס-
טיקער עם-הארצות פון די ברייטע מאַסן און וועגן דער גויטי-
קייט „אויפצוהייבן” זיי צום ניווא פון דער מאָדערנער קונסט,
קומט טאָלסטאָי ממש צום קעגנזעצלעכן אויספיר און דערקלערט
די גאַנצע היינטיקע קונסט פאַר „פסיידאָ-קונסט”. און די פראַגע,
וואָס ער האָט זיך אַליין געשטעלט: ווי אַזוי האָט עס פּאַסירט,
אַז שוין דורות גאַנצע האָבן מיר אַ „פסיידאָ-קונסט” אָנשטאָט
„אמתער”, ד. ה. פאָלקס-קונסט — רופט אַרויס אין אים נאָך
אַ דרייסטערן געדאַנק: אמתע, נישט געפעלשטע קונסט איז גע-
ווען אַמאָל, ווען דאָס גאַנצע פאָלק האָט פאַרמאָגט איין אַלגע-
מיינע וועלט-אָנשויאונג, וועלכע עס האָט גערופן „רעליגיע”. אָט
דידאָזיקע וועלט-אָנשויאונג איז געווען דער מקור פון אַזעלכע
שאַפונגען, ווי דער עפּאָס פון האָמערן און ווי די עוואַנגעליע.
אָבער זינט די געזעלשאַפט איז זיך צעפאַלן אויף אַ גרויסע
מאַסע עקספּלאָאַטירטע און אַן אומבאַדייטנדיקע מינדערהייט
הערשנדיקע, פון דאַן אָן איז די קונסט געוואָרן נאָר אַ מיטל
אויף אויסצודריקן די געפילן פון דער רייכער און ליידיק-
גייערישער מינדערהייט; און דערפאַר האָט זיך באַקומען יענע
דעגענעראַציע, יענע דעקאַדענטישקייט, וועלכע זענען כאַראַק-
טעריסטיש פאַר דער היינטיקער קונסט. אמתע, ווירקלעכע
קונסט, האַלט טאָלסטאָי, וועט ערשט דאַמאָלס זיין, ווען זי וועט
אויפהערן צו זיין אַ גייסטיק געווער פון די הערשנדיקע קלאַסן
און וועט ווידער זיך פאַרוואַנדלען אין פאָלקס-קונסט, ד. ה.
ווען די קונסט וועט ווערן דער אויסדרוק פון דער אַלגעמיי-
נער וועלט-אָנשויאונג פון דער גאַנצער אַרבעטנדיקער געזעל-
שאַפט. און מיט אַ פעסטער האַנט שליידערט טאָלסטאָי אָפּ פון
זיך די „שלעכטע, פאַלשע קונסט”, די גרויסע און קליינע ווערק
פון די סאַמע גלענצנדסטע שטערן פון מוזיק, מאַלעריי, דיכ-

שונג — און פון זיינע אייגענע ווערק. Sie stürzt, Sie Zerfällt, die schöne Welt, ein Halbgott hat sie zerschlagen" (די שיינע וועלט פאַלט־איין, אַ האַלב־גאָט האָט זי צעשמעטערט).

פון אָט דעם מאָמענט אָן האָט טאָלסטאָי אָנגעשריבן בלויז איין לעצטע דערציילונג „תחית המתים". פון דאַמאָלס אָן האַלט ער זיך בלויז ביי איינפאַכע, קורצע פאָלקס־מעשהלעך, און ביי באַטראַכטונגען, וואָס זענען „צוגענגלעך פאַר יעדערן".

די שוואַכע זייט טאָלסטאָיס וואַרפט זיך אין די אויגן. די שוואַכע זייט באַשטייט דערין, וואָס פאַר אים איז די גאַנצע קלאַסן־געזעלשאַפט נאָר איין גרויסער „טעות", און נישט קיין היסטאָרישע נויטיקייט, וועלכע פאַרבינדט צוויי פּאָליוסן פון דער געשיכטלעכער פּערספּעקטיוו: דעם אוראַלטן קאָמוניזם און די סאָציאַליסטישע צוקונפט. פּונקט ווי אַלע אידעאַליסטן, גלויבט ער אויך אין דער אַלמעכטיקייט פון געוואַלט, און האַלט, אַז די גאַנצע קלאַסן־אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט איז נאָר אַ פּראָדוקט פון זייער אַ לאַנגער קייט שרייענדיקע אַקטן פון געוואַלט. אָבער מיט אמת קלאַסישער דערהויבנקייט ווייעט פונם געדאַנק וועגן דער קומענדיקער קונסט: אין טאָלסטאָיס פאָרשטעלונג דאַרף די קונסט, אַלס מיטל אויסצודריקן די געפילן פונם מענטשן, זיך פאַרייניקן מיט דעם וועלט־באַנעם, מיטן גייסטיקן לעבן פון דער גאַנצער אַרבעטנדיקער מענטשהייט; און קינסטלערישע שעפערישקייט שטעלט זיך אים פאָר ווי אַ באַהעפטונג מיטן נאָרמאַלן לעבן פון אַ מיטגליד פון דער אַרבעטנדיקער געזעלשאַפט. טאָלסטאָי רעדט אַזעלכע האַרבע שטראָף־ר יד קעגן דעם אומנאָרמאַלן שטייגער־לעבן פון היינטיקן קינסטלער, ביי וועמען קונסט איז די איינציקע אַרבעט און דער גאַנצער אינהאַלט פון לעבן.

די שטעלן, ווו טאָלסטאָי מאַכט צוניִשט די האָפנונגען, אַז ווען דער אַרבעטס־טאָג וועט ווערן קירצער און די מאַסן וועלן ווערן געבילדעטער, וועלן זיי דאַן קאָנען פאַרשטיין די מאָדערנע קונסט — פון דידאַקטישע שטעלן זאַמט מיט אַתן

רעוואָלוציאָנערן ראַדיקאַליזם. אַזוי זאָגן די פּאַרטיידיקער פון אונזער „קונסט לשם קונסט". אָבער איך מיין, אַז זיי גלייבן אַליין נישט אין דעם וואָס זיי זאָגן, ווייל זיי קאָנען נישט נישט וויסן, אַז אונזער ראַפינירטע קונסט האָט געקאָנט אַנטשטיין נאָר אויפן יסוד פון דער קנעכטשאַפט פון די פאָלקס-מאַסן און קאָן זיך האַלטן נאָר צוזאַמען מיט אַט דער קנעכטשאַפט, און אַז נאָר ביי דער אָנגעשטרענגטער פּראַצע פון די אַרבעטער קאָנען די ספּעציאַליסטן-שריפטשטעלער, מוזיקער, טענצער, אַקטיאָרן דערגיין צו דער מדרגה פון ראַפינירטער פולקאָמענהייט, צו וועלכער זיי דערגייען איצט ביים שאַפן זייערע ראַפינירטע קונסט-ווערק, און אַז נאָר ביי אַט די באַדינגונגען קאָן זיין אַ ראַפינירט פּובליקום, וואָס ווייסט צו שאַצן דידאָזיקע ווערק. באַפרייט די קנעכט פון קאַפּיטאַל, און עס וועט אוממעגלעך ווערן צו פּראָדוצירן אַזאַ ראַפינירטע קונסט.

נאָר אויב אַפילו צולאָזן דאָס אומגלויבלעכע, אַז ס'קאָנען זיך אָפּזוכן מיטלען, וואָס אַ דאַנק זיי זאָל דאָס גאַנצע פאָלק קאָנען הנאה האָבן פון דער קונסט — פון דער, וואָס רופט זיך ביי אונז קונסט — אַפילו דאַן איז אוממעגלעך צו האַלטן, אַז אונזער איצטיקע קונסט—דאָס איז די גאַנצע קונסט, — ווייל זי איז דאָך לחלוטין נישט פאַרשטענדלעך פאַרן פאָלק. אַמאָל האָט מען פּאָעטישע ווערק געשריבן אויף דער לאַטיינישער שפּראַך, אָבער די איצטיקע קונסט-ווערק זענען אַזוי פרעמד און אומפאַרשטענדלעך פאַרן פאָלק, גלייך ווי זיי וואָלטן געשריבן געוועזן אויף סאַנסקריטיש. דערויף ענטפערט מען געוויינלעך, אַז אויב דאָס פאָלק פאַרשטייט נישט אונזער היינטיקע קונסט, באַווייזט עס נאָר, ווי נישט אַנטוויקלט דאָס פאָלק איז, און אַזוי איז תמיד געווען, מיט יעדן נייעם שריט פון דער קונסט. תחילת האָט מען דעם שריט נישט פאַרשטאַנען, און דערנאָך איז מען צו אים געוווינט געוואָרן.

פונקט אַזוי וועט זיין מיט דער איצטיקער קונסט; מען וועט זי אָנהייבן פאַרשטיין, ווען דאָס גאַנצע פאָלק וועט ווערן אַזוי געבילדעט, ווי מיר, מענטשן פון די העכערע קלאַסן, וואָס

פּראָדוצירן אונזער „קונסט" — אַזוי זאָגן די פּאַרטיידיקער פון אונזער קונסט. אָבער דידאָזיקע באַהויפּטונג איז נאָך מער אומגערעכט, ווי די ערשטע. פאַר דער גרעסטער מערהייט פון אַרבעטער-פאָלק איז אונזער קונסט נישט צוגענגלעך צוליב איר טייערקייט און פרעמד צוליב איר אינהאַלט, ווייל זי גיט איבער געפילן פון מענטשן, וועלכע שטייען ווייט פון לעבן. דאָס וואָס איז אַ תענוג פאַרן מענטשן פון די רייכע קלאַסן, איז נישט פאַרשטענדלעך אַלס תענוג פאַרן אַרבעטס-מענטשן, און רופט ביי אים קיין שום געפיל נישט אַרויס, אָדער עס רופט אַרויס געפילן פונקט קאַפּויערדיקע, ווי ביי אַ מענטשן אַ ליידיק-גייענדיקן און איבערגעזעטיקטן. פאַר מענטשן דענקנדיקע און אויפריכטיקע קאָן נישט זיין קיין שום ספק דערין, אַז די קונסט איז אַ זאַך פון די העכערע קלאַסן און קאָן קיינמאָל נישט ווערן די קונסט פון גאַנצן פאָלק".

אָט דער מאַן, וואָס האָט אָנגעשריבן דידאָזיקע שורות, איז אין אַלע הינזיכטן אַ סך מער סאָציאַליסט און היסטאָרישער מאַטעריאַליסט, איידער יענע חברים, וועלכע האַלטן שטאַרק פון דער מאָדע מכבד צו זיין דעם פּראָלעטאַריאַט מיט „קונסט פון שיינקייט", און ווילן נאָר „אויפהייבן" די אַרבעטער-סאָציאַליסטן, זיי זאָלן אָנהייבן פאַרשטיין אַלערליי דעקאַדענטישע בילדער און די שרייבעכצן פון דער בורזשואַזיע, וועלכע איז צעפרעסן ווי דורך אַ גאַנגרענע.

אַלזאָ, אי מיט זיינע שטאַרקע און אי מיט זיינע שוואַכע זייטן, מיט זיין טיפער קריטיק, מיטן דרייסטן ראַדיקאַליזם פון זיינע סאָציאַלע פּערספּעקטיוון, און מיט זיין אידעאַליסטישן גלויבן אין דער אַלמעכטיקייט פונם סוביעקטיוון מענטשלעכן באַוווסטזיין קאָן טאָלסטאָי פאַררעכנט ווערן צום טיפּ גרויסע אוטאָפּיסטן פון סאָציאַליזם. נישט זיין שולד, וואָס זיין לאַנג-דויערנדיק לעבן שפּרייט זיך אויס פון דער שוועל פון נייַנצנטן יאָרהונדערט, ווו עס זענען געשטאַנען סען סימאָן, פוריע און אָאוען, אַלס אָנזאָגער פון מאָדערנעם פּראָלעטאַריאַט — ביז דער שוועל פון צוואָנציקסטן יאָרהונדערט, ווען ער, אַן אייג-

זאָמער, זעט שוין מיט זיינע אויגן די העלדישע אַרויסטריטן פונם פּראָלעטאַריאַט און פאַרשטייט זיי נישט. אָבער דער רייף־געוואָרענער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־קלאַס קאָן פון זיין זייט מיט אַ מילדן פאַרגעבנדיקן שמייכל דריקן די ערלעכע האַנט פון גרויסן קינסטלער און מוטיקן קריטיקער, וועלכער האָט קענן אייגענעם ווילן געשריבן, אַז יעדער איינער גייט צום אמת מיט זיינע אייגענע וועגן, נאָר ער, טאָלסטאָי, מוז איינס זאָגן: דאָס וואָס ער שרייבט, איז נישט קיין ווערטער; ער לעבט דערמיט, אין דעם איז זיין גליק, מיט דעם וועט ער שטאַרבן.

אי'ד. יוגנט קולט. צענטער
—: GALARZA :—
E. RIOS
* CENTRO JUV. CULT. ISRAELITA *

ל. אַקסעלראָד

אידיש. יוגנט קולט. צענטער
—: GALARZA :—
E. RIOS
* CENTRO JUV. CULT. ISRAELITA *

די לעצטע קינסטלערישע ווערק
פון ל. נ. טאָלסטאָי

I

„פונקט ווי אין אַ באַלאַגאַן שפּרינגט אַרויס דער לץ אין דרויסן און מאַכט פאַרשידענע קונצן, כדי אַריינצוציען דעם עולם אינעווייניק אַריין, ווו עס קומט־פאָר די אמתע פאָרשטעלונג, — פונקט אַזוי זענען מיינע קינסטלערישע שאַפונגען: זיי ציען־צו די אויפמערקזאַמקייט צו מיינע ערנסטע ווערק" *). אַזוי האָט טאָלסטאָי געענטפערט מיכאַילאָווסקין, ווען דער באַרימטער געלערנטער האָט אָנגעהויבן צו רעדן מיט באַגייסטערונג וועגן זיינע קינסטלערישע ווערק.

דערדאָזיקער געווינלעכער קוק, טאָלסטאָיס, אויף זיין קינסטלערישן שאַפן, דאָס העכער־שטעלן דעם „קרייז פון לעזן" איידער „מלחמה און שלום" — איז נישט קיין רעזולטאַט פון דער משונהדיקייט, וועלכע מיר טרעפן גאַנץ אָפט אין דער געשיכטע פונם געדאַנק און קונסט ביי די גרויסע מייסטערס, — צו פילן די שטאַרקסטע צוגעבונדנקייט דווקא צו זייערע שוואַכערע זאַכן.

טאָלסטאָי האָט, ווי דאָס רוב געניאַלע מענטשן, טיף באַנומען די אומפאַרמיידלעכע פאַטאַלע דיספּראָפּאָרץ צווישן

---

*) „צוויי יאָר מיט ל. נ. טאָלסטאָי". געוועזענעם טאָלסטאָיס פון געוועזענעם סעקרעטאַר — נ. נ. גוסיעוו.

דער שפּעטערישער מחשבה און איר פּראַקטישער פאַרווירקלעכונג. דורכגעדרונגען מיט דער פאַרבאָרגנסטער און פעסטער שטרע-בונג צו דערפירן דאָס אָנגעהויבענע שאַפן צו מעגלעכע שלמות און פילנדיק, טאַקע צוליב אָט אָ דער שטרעבונג, אַ נאָגנדיקע, מאַטערנדיקע נישט באַפרידיקטקייט מיט דעם באַקומענעם רע-זולטאַט, — איז ער גלייכצייטיק געווען אַבסאָלוט ווייט פון דער נאַאיווער, פאַלשער באַשיידנקייט, וועלכע דערשאַצט נישט די מעלות פונם דערגרייכטן.

דעריבער, ווען טאָלסטאָי האָט צוגעגליכן זיינע קלאַסישע שאַפונגען צו די קונצן פון אַ ליץ, האָט ער דערמיט אין אַ באַ-זונדער שאַרפער פאָרם נאָכאַמאָל אויסגעדריקט זיין פּרינציפּיעלע באַציאונג צום קינסטלערישן שאַפן בכלל.

די פילאָזאָפישע אָדער, פּינקטלעכער, די אַסקעטישע פאַר-לייקענונג פון דער קונסט איז געקומען ביי טאָלסטאָיען אַ סך פריער, איידער דאָס איז באַמערקט געוואָרן דורך דער קריטיק.

שוין אין „מלחמה און שלום" הוזקט טאָלסטאָי אָפּ שאַרף און בייסנדיק פון דער קונסט אויף די זייטלעך פון צווייטן באַנד, ווו עס ווערט געשילדערט די אָפּערע-פאָרשטעלונג, אויף וועלכער ס'איז צום ערשטן מאָל געווען נאַטאַשאַ.

דידאַזיקע כאַראַקטעריסטישע זייטלעך זענען אויסגעטייטשט געוואָרן אין דעם זין, אַז דער קינסטלער האָט געוואָלט אויס-לאַכן און באַווייזן די שוואַכע זייטן ספּעציעל פון דער אָפּערן-קונסט. אַזאַ אויסטייטשונג איז אַן אויבנאויפיקע און דערפאַר איינגאַנצן אַ פאַלשע. אָט זענען, למשל, די ערשטע שורות, וואָס שילדערן די אָפּערע-פאָרשטעלונג: „אין דערמיט פון דער סצענע זענען געווען גלייכע ברעטער, פון די זייטן זענען געשטאַנען געמאָלטע בילדער, וואָס האָבן פאָרגעשטעלט ביימער, אין הינ-טערגרונט איז געווען אָנגעצויגן אַ לייוונט אויף ברעטער. אין מיטן סצענע זענען געזעסן מיידלעך אין רויטע קאָפטלעך און ווייסע קליידלעך. איינע, זייער אַ דיקע, אין אַ ווייס, זיידן קלייד, איז געזעסן באַזונדער אויף אַ נידעריק בענקעלע, צו וועלכן ס'איז פון הינטן געווען צוגעקלעפּט אַ גרינער טאָוול"

א. א. וו. ביים קלענסטן אַריינטראַכטן זיך אין דערדאָזיקער נעגאַטיווער כאַראַקטעריסטיק ווערט באַלד קלאָר, אַז אין צענטער פונם אָנפאַל זענען דאָ נישט די שוואַכע זייטן פון דער אָפּערע, נאָר דער עצם מהות פון קונסט, אַלס אַזעלכע. אַ טרוקן־שכלדיקע צעשטערונג פון דער אילוזיע, פון די סימבאָלן — אָט דאָס איז דער אייגנטלעכער יסוד פון דער באַשרייבונג. די אויסשטאַטונג, דעקאָראַציעס און די אַקטיאָרן ווערן דאָ אויסגעלאַכט נישט צוליב זייער אומפּולקאָמענהייט, נאָר פשוט צוליב דעם, ווייל די גאַנצע סצענישע סימבאָליק איז נישט ווירקלעכקייט, נאָר קינסטלערישע באַשאַפונג, — שפּיל. די אויפן לייוונט אָנגעמאָלטע ביימער זענען לעכערלעך, נישט ווייל זיי זענען אַ טייל פון דער ספּעציעלער אָפּערע־אויסשטאַטונג, נאָר דערפאַר ווייל זיי זענען געמאָלט און נישט קיין ווירקלעכע ביימער. און דאָס מיידל אינעם ווייסן קלייד איז אויך לעכערלעך נישט צוליב דעם, וואָס זי איז, לאָמיר זאָגן, נישט קיין דראַמאַטישע אַקטריסע, נאָר צוליב דעם, וואָס זי איז נישט קיין אמתער סובּיעקט פון דעם, וואָס קומט פאָר, ווייל זי „שפּילט" בלויז. מיט איין וואָרט, די גאַנצע באַשרייבונג איז דורכגעדרונגען מיט אַ שטרענגער נעגאַציע כון דער קאָמפּליצירטער קינסטלערישער שאַפונג.

ווייטער, אין דער כאַראַקטעריסטיק פון דריטן אַקט, טרעט בולט אַרויס, צוזאַמען מיט דער אויפדעקונג פון די סימבאָלן, דער אַסקעטישער מאָמענט — די זינדיקייט און די פּאַרפירערישקייט פונם מענטשלעכן קערפּער. „אין דריטן אַקט — לייענען מיר דאָרטן — איז אויף דער סצענע געווען פאָרגעשטעלט אַ פּאַלאַץ, אין וועלכן ס'האָבן געברענט אַ סך ליכט און ס'זענען געהאָנגען בילדער פון ריטערס מיט בערדלעך. אין מיטן זענען געשטאַנען, מסתמא, אַ קייסער און אַ קייסערין. דער קייסער האָט אויפגעהויבן די רעכטע האַנט און, שעמעוודיק, עפּעס שלעכט אָפּגעזונגען און זיך צוועקגעזעצט אויפן מאַלינען־טראָן. דאָס מיידל, וואָס איז

צום אָנהייב געווען אָנגעטאָן אין ווייסן, שפּעטער אין בלויען, איז איצט געווען אין בלויזן העמד מיט פונאַנדערגעלאָזטע האָר און איז געשטאַנען לעבן טראָן. זי האָט וועגן עפּעס טרויעריק געזונגען, ווענדנדיק זיך צו דער קייסערין; נאָר דער קייסער האָט שטרענג אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, און עס זענען, פון די זייטן, אַרויסגעקומען מענער מיט נאַקעטע פיס און פרויען מיט נאַקעטע פיס און זיי האָבן אָנגעהויבן טאַנצן אַלע צוזאַמען. דערנאָך האָבן די פידלען אָנגעהויבן שפּילן זייער דין און פריילעך, איינע פון די מיידלעך מיט נאַקעטע, דיקע פיס און דאַרע הענט איז, זיך אָפּטיילנדיק פון די איבריקע, אַוועק הינטער די קוליסן, האָט זיך פאַריכט דאָס קאָפּטל, און אַרויסגעקומען צוריק אויף דערמיט סצענע און אָנגעהויבן שפּרינגען און גיך קלאַפּן איין פוס אָן צווייטן. „אַלע אין פּאַרטער האָבן אָנגעהויבן פּאַטשן מיט די הענט און שרייען בראַוואָ. שפּעטער האָט זיך איינער פון די מענער אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל. דער אָרקעסטער האָט גענומען שפּילן העכער אין די צימבלען און טראָמפּייטן, און דער איינער מאַנסביל מיט די נאַקעטע פיס האָט אָנגעהויבן שפּרינגען זייער הויך און וואַרפן מיט די פיס". „דערנאָך האָבן ווידער געטאַנצט אַנדערע מיט נאַקעטע פיס, מענער און פרויען". ווי איר זעט, חזרן זיך איבער נאַקעטע פיס, נאַקעטע פיס פון מענער, נאַקעטע פיס פון פרויען, און זיי ווערן אונטערגעשטראָכן מיט אַ גרויסער קראַפט און אמת-טאָלסטאָאישער אויסדריקלעכקייט. עס פילט זיך, אַז דער גרויסער שרייבער האָט זיך געשטעלט אַ באַשטימטן, קלאָרן ציל — איבערצייגן דעם לעזער, אַז די באַלעט-קונסט, וועלכע באַזירט אויף דער עלאַסטישקייט און אויף פאַרשידנאַרטיקע באַוועגונגען פונם מענטשלעכן קערפּער, איז צוליב דעם טאַקע אַ נישט שיינע, זינדיקע, וואָס ווירקט צעשטערנדיק אויף דער מענטשלעכער נשמה. פאַר דער, אין אַ גרויסן טייל, נאָך דאָרפישער, נישט קאַליע-געוואָרענער דורך דער שטאָטישער קולטור, נ אַ ט אַ ש אַ ן האָט זיך אין אָנהייב פאָרשטעלונג אויסגעוויזן אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אויף דער

סצענע „ווילד און משונהדיק". אָבער די אָפּערע־אַטמאָספערע האָט געהאַט איר ווירקונג, און דאָס יונגע מיידל איז אַלץ מער און מער פאַרשיכורט געוואָרן און האָט שוין נישט געזען אין דעם קיין משונהדיקס. זי האָט מיט פאַרגעניגן, גליקלעך שמייכלענדיק, געקוקט אַרום זיך" און אויף עלענס פראַגע, „אמת, אַז דיו־פּאַר (דער טענצער) איז ווונדערבאַר?" האָט די צעטומלטע נאַטאַשאַ געענטפערט: „אָ, יאָ!"

אין דעם באַגייסטערטן „אָ, יאָ" האָט זיך אַרויסגעוויזן די לייכטע, זינלעך־פּאַטעטישע עמפינדלעכקייט, וואָס האָט זיך געשאַפן אין דער „פאַרשיכורנדיקער" סביבה, — און דאָס האָט טאַקע אויסגענוצט צו זיין געוויינלעכן שפּיל אַנאַטאָל קוראַגין, וועלכער איז אַריינגעקומען גראָד אין דעם מאָמענט צו זיין שוועסטער אין לאָזשע, וווּ ס'איז געזעסן די אויפגערעגטע נאַטאַשאַ.

די אָפּערע, וואָס האָט האַרמאָנירט לויט דער מיינונג פונעם קינסטלער מיט דער אויסגעלאַסענער און געמיינער גרעפין בעזאוכאָוואַ, וועלכע האָט פון איר זייט געווירקט אויף דער ליידנשאַפטלעכער און נישט־דערפאַרענער נשמה פון נאַטאַשאַן, — דאָס זענען געווען די פּסיכאָלאָגישע הויפּט־באַדינגונגען, וואָס האָבן געזיכערט דעם פאַטאַלן דערפאָלג פונעם הויפּטשטעטישן דאָן־זשואַן. און די ווירקונג פון אַנאַטאָלן אויף נאַטאַשען האָט דאָך געקאָסט דאָס לעבן פון אַנדריי באָלקאָנסקי, איינעם פון די הויפּט־העלדן אין דער אומשטערבלעכער עפּאָפּעע.

ס'איז קלאָר, אַלזאָ, אַז דער מאָמענט האָט אין „מלחמה און שלום" אַ גרויסע, ערשטראַנגיקע באַדייטונג.

דער קוק אויף קונסט, ווי אויף אַ געביט, וואָס רופט הויפּטזאַכלעך אַרויס זינדיקע ליידנשאַפטלעכקייט, געפינט זיך, אָן קיין שום ספק, אין אַ ענגן פּסיכאָלאָגישן און לאָגישן צוזאַמענהאַנג מיט דער אַנטוויקלונג פון דער אַלגעמיין־אַסקעטישער אידעע, וועלכע, דריקט זיך גאָר באַשטימט אויס אין „מלחמה און שלום".

מיט איין וואָרט, דאָס פּרינציפּיעלע, אין אַבסאָלוטן

זין, איבעררייסן מיט דער קונסט — האָט אָנגענומען גאַנץ קלאָרע פאָרמען שוין אין אָנהייב פון די 70-ער יאָרן.

נאָר פונקט ווי דעם פּאָטער סערגיי קומט-אָן שווער איינצושטילן זיין צעבונטעוועטן חומר, אַזוי איז אוממעגלעך געווען טאָלסטאָיען זיך אָפּצוזאָגן פון זיין שעפערישער טעטיקייט.

אַ נאַטירלעכער אויסוועג פון דערדאָזיקער, פאַרן קינסטלער שווערער, סתירה אין דער נשמה*) איז געווען דער קאָמפּראָמיס. וואָס זיין תּוך איז אויסגעדריקט אין דעם איבערציטירטן ענטפער מעטשניקאָוון. די קינסטלערישע שאַפונג — איז „קונצן פון אַ ליץ“, אָבער די קונצן קאָנען אויספירן אַ חשובע שליחות פאַרן דערפאָלגרייכן פריידיקן דעם עוואַנגעלישן אַסקעטיזם.

אין באַשטימטע גרענעצן, און ביי אַזאַ געניאַלן קינסטלער ווי טאָלסטאָי, איז ביי אַזאַ קוק אויף קונסט נישט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט קינסטלעריש צו רעפּראָדוצירן געוויסע זייטן פון דער רעאַלער ווירקלעכקייט.

די אַסקעטישע לערע, זיך אָפּזאָגנדיק פון דער גאַנצער רעאַלער ווירקלעכקייט אַלס אַזעלכע, ברענגט אָבער מיט זיך די פאָדערונג פון אַ ראַדיקאַלער קריטיק און אַ גרינטלעכער נעגאַציע אויך פון די יסודות אינעם ערומיקן לעבן, וועלכע זענען באמת „ווערט אונטערצוגיין“.

דידאָזיקע מעגלעכקייט האָט טאָלסטאָי זייער ברייט אויסגענוצט.

אונטערגעבנדיק זיך זיין קינסטלערישן זשעני און דעם לעבעדיקן, פּראָטעסטירנדיקן אינסטינקט, וואָס האָט אים באַ-

*) אָט דער עיקרדיקער, אמת-פּאַאוסטישער קאָנפליקט איז שוין געקומען צום אויסדרוק אין „קינדהייט“, „יינגלשאַפט“ און „יוגנט“. די אורקוואַלן פון דעם קאָנפליקט זענען אָנגעצייכנט אין מיין בוך: „Tolstois Weltanschauung und ihre Entwicklung“. די גענויע אַנטוויקלונג פון דעם קאָנפליקט איז געגעבן אינעם אַרטיקל „די נשמה-טראַגעדיע פון ל. נ. טאָלסטאָי, אַלס יסוד פון זיין רעליגיע-לערע“.

הערשט גלייכצייטיק מיטן אַסקעטישן יסוד, האָט דער גרויסער שרייבער אָפּט פאַרגעסן די עוואַנגעליע-טעקסטן, וועלכע ער האָט אַוועקגעשטעלט אַלס עפּיגראַפן, אייגנטלעך, די גרונט-אידעע פונעם ווערק, און ער ווערט סטיכיש און אומבאַוווסטזיניק מיטגעריסן פונעם קינסטלערישן מיטל.

און אָט דעם פרוכטבאַר-שעפערישן פאַרגעסן אָנעם ציל צוליבן מיטל — האָבן מיר צו פאַרדאַנקען, וואָס אַ גאַנצע ריי בפירוש טענדענציעזע ווערק פאַרמאָגן אַ גרויסע קינסטלערישע באַדייטונג און זענען אַ ווערטפולער אוצר אין דער אַלוועלט-לעכער ליטעראַטור.

די טיף-מיטרייסנדיקע קינסטלערישע איבערדיכטונג פון פיל געביטן פון דער רוסישער ווירקלעכקייט אין „אַננאַ קאַ-רענינאַ" פאַרדעקן אין אַזאַ מאָס דעם אַסקעטישן יסוד, אַז אַ לעזער, וועלכער איז נישט באַקאַנט מיט די געהיימנישן פון די מיסטישע און אַסקעטישע לערעס, וועט לחלוטין נישט פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ זין האָט דאָ דער גרויזאַמער עפּיגראַף: „צו מיר די נקמה — און איך וועל באַצאָלן".

און כאָטש אין די ווערק, וועלכע זענען דערשינען נאָך „אַננאַ קאַרענינאַ", ביז „תחית-המתים", איינשליסלעך, טרעט די טענדענץ אַרויס אַלץ שטאַרקער און שאַרפער, בלייבט אָבער נאָך אַלץ אַלס זיגערין די קינסטלערישע זייט.

אָבער דער מלכות-שמים, — אָט דער מיסטישער תהום, אין וועלכן דער קינסטלער האָט זיך אַלץ מער און מער אַראָפּ-געלאָזן, האָט אים וואָס ווייטער אַלץ זיכערער אָפּגעריסן פון דער לעבעדיקער ווירקלעכקייט און האָט ביי אים אַזוי אַרום צוגערויבט נייע שאַפונגס-קוואַלן.

איינקלאַמערנדיק זיך מער און מער אין זיין רעליגיע-לערע, האָט טאָלסטאָי שוין געהאַלטן פאַר „לעצישע קונצן" נישט בלויז די קונסט, נאָר דאָס גאַנצע מאָדערנע לעבן מיט אַלע זיינע טיפע אינערלעכע פּראָצעסן און גרינטלעכע ענדערונגען, וואָס קומען אין אים פאָר.

ס'איז דעריבער גאַנץ נאַטירלעך, אַז די צוזאַמענגעדריקטע

און פון אַלע זייטן געטרודפטע מוזע פון דעם גרויסן קינסטלער האָט געמוזט, נישט קוקנדיק אויף איר ענערגישן ווידערשטאַנד, מאַכן ערנסטע הנחות דעם אַסקעטישן דענקער.

אָט דערדאָזיקער, קאַמף און זיג, פול מיט אמתן טראַגיזם,—קומט אַמשטאַרקסטן צום אויסדרוק אין טאָלסטאָיס לעצטע ווערק, וועלכע זענען, מערסטנטייל, אָנגעשריבן במשך דעם לעצטן יאָרצענטליק אינם לעבן פונם גרויסן שרייבער.

II

די נאַטור האָט מיט אַזאַ גרענעצלאָזער ברייטהארציקייט באַשאָנקען טאָלסטאָיען, אַז מ׳קאָן נישט געפינען צווישן זיינע ווערק קיין איינס, אין וועלכן ס׳זאָלן נישט זיין עטלעכע פרעכטיקע, אמתדיק-טאָלסטאָיאישע זייטלעך. אפילו אין זיינע אויסשליסלעך - פריידיקנדיקע טראַקטאַטן געפינען מיר הויכקינסטלערישע ערטער, וועלכע זענען דורכגעדרונגען מיט פסיכאָלאָגישער סובטעלקייט, אָריגינאַליטעט און טרעפלעכקייט פון באַאָבאַכטונג און זענען פול מיט אויסדריקלעכע בילדער און געלונגענע פאַרגלייכן.

אַ קיצור, די קאָלאָסאַלע שעפערישע קראַפט פונם גרויסן שרייבער לאָזט זיך שפירן אין דער אָדער אַנדערער מאָס שטענדיק און אומעטום אין אַלע זיינע ווערק.

און דאָס איז זייער גוט באַוווסט דעם מאָדערנעם לעזער, וועלכער איז אין אַ גענוגנדיקער מאָס באַקאַנט מיט די אייגנטימלעכקייטן און אופנים פון טאָלסטאָיס שאַפן און וועלכער קאָן, אָן דער הילף פון דער קריטיק, דערזען און, ווי געהעריק, אָפּשאַצן די פּאָזיטיווע גלאַנץ-זייטן.

האָבנדיק אין זינען דאָ צו באַרירן עטלעכע שטריכן פון די לעצטע ווערק פון אונזער שרייבער, וועל איך מיך נישט נעמען באַגייסטערן מיט דעם בולט-אָנגעצייכנטן בילד פון סטעפּאַנידען, וועלכע דער לעזער האָט אַליין, מיט זיינע אייגענע אויגן, געזען יעדעס מאָל, ווען זי פלעגט קומען אין וואַלד זיך

צו טרעפן מיט אירטעניעוון; ס'איז אויך איבריק צו באַווייזן, אַז די כאַראַקטעריסטיק פון אַליאָשקאַ גאָרשאָק איז אַ קלאַסישע. דער „שווייגנדיקער" אַליאָשקאַ גאָרשאָק שטייט פאַר אונז און איז גרייט אַ לויף צו טאָן, ווו מ'זאָל אים נאָר שיקן און אָפּצוטאָן צוויי אַרבעטן. ווען מ'וועט אים הייסן טאָן גאָר איינע.

עס זענען נאָך אויך פריש פאַרן לעזער די קראַפט, די מייסטערשאַפט און דער באַצויבערנדער כישוף פון דער ריטמישער דערציילונג „נאָכן באַל", — ווייל ער איז אַליין אַנוועזנד געווען אויפן באַלביים גובערניאַלן מאַרשאַל, ער האָט אַליין, מיט די אייגענע אויערן, געהערט די אַרויסרופנדיקע, פריילעכע קלאַנגען פון דער מאַזורקע, ער האָט אַליין מיט פאַרגעניגן באַכגעקוקט די לייכטע, גראַציעזע באַוועגונגען פון דער אַכצניעריקער שיינהייט, וואָס האָט געטאַנצט מיט איר ליבנדיקן, נאָך וווילעריש-יונגן פאָטער — דעם מיליטערישן נאַטשאַלניק. און דערנאָך... דערנאָך „נאָכן באַל" האָט ער, דער לעזער, זיך אַוועקגעלאָזט באַגלייטן דעם פון ליבע-פאַרשיכורטן העלד פון דער דערציילונג און האָט זיך געפונען צוזאַמען מיט אים אויף יענעם פעלד, ווו אונטער דער קאָמאַנדע פונם זעלבן מיליטערישן נאַטשאַלניק איז פאָרגעקומען דאָס פייניקן מיט שפּיצרוטן אַ זעלנער, אַ טאָטער פאַר אַ פּרווו צו אַנטלויפן. דער געפייניקטער טאָטער האָט אויך געמאַכט באַוועגונגען און אויך ביי דער באַגלייטונג פון מוזיק. נאָר די באַוועגונגען, די ריכטונג פון וועלכע איז געווען אָפּהענגיק פון דער ריכטונג פון די קלעפּ מיט די שפּיצרוטן אויפן לייב פון קרבן, זענען שוין געווען אַנדערע, נישט אַזעלכע פריילעכע ווי די פאַ פון דער מאַזורקע, און די מוזיק איז אויך געווען נישט ווי יענע. „דאָס איז געווען עפּעס אַן אַנדערע, שווערע, נישט גוטע מוזיק".

קורץ, די אויסגעצייכנטע, קלאַסישע בלעטער און באַזונדערע זאַכן פון די לעצטע דריי בענדער, וואָס אינטערעסירן אונז, נויטיקן זיך לגמרי נישט אין אויפקלערונגען מצד דער קריטיק.

אַ חוץ דעם, ווען מ׳גייט־צו צו אַ גאַנצע ריי ווערק פונם אומשטערבלעכן שעפער פון „מלחמה און שלום״, קומט־אויס צו מאַכן ערנסטע אָנשטרענגונגען פונם געדאַנק און אויסגעפינען אַן אַנדער מאָסשטאַב, אַ מאָסשטאַב, וואָס זאָל זיין ראוי פאַר דער אָפּשאַצונג פון טאָלסטאָיס ווערק און נישט פון לעאָניד אַנדרעיעווס אָדער פעדאָר סאָלאָגובס. וואָרום דאָס, וואָס קאָן זיין אַן ערע און אַ כבוד פאַר די שרייבער, קאָן זיך אַרויסווייזן, און ס׳וועט זיך זיכער אַרויס־ווייזן, גאָר און גאָר אומבאַדייטנדיק נישט בלויז פאַר „מלחמה און שלום״, נאָר אויך פאַר „תחית המתים״ און „די מאַכט פון פינסטערניש״.

ווי מייסטערהאַפט ס׳זאָל נישט זיין די כאַראַקטעריסטיק „פון אַליאָשקאַ גאָרשאָק״, איז דאָס פאַרן ריזיקן טאָלסטאָי אַ קלייניקייט — אַ קלייניקייט פון אַ גאון.

דאָסזעלבע קאָן מען אויך זאָגן וועגן „נאָכן באַל״ און וועגן נאָך באַזונדערע בילדער, אויף וועלכע די קריטיק, אין דער פערזאָן פון אירע איינפלוסרייכסטע פאָרשטייער, האָט שוין אָנגעוויזן.

אַרויסגייענדיק פון די נאָר־וואָס אָנגעוויזענע הנחות, דאַכט זיך מיר, אַז די וויכטיקסטע זאַך איז — קריטיש צו באַטראַכטן דעם אידעאישן מהות פון דידאָזיקע ווערק, און פונם קינסט־לערישן און פסיכאָלאָגישן אינהאַלט, וועלכער איז מיט דעם אידעאישן מהות צוזאַמענגעבונדן.

* *
*

אין הסכם מיט דעם קינסטלערס אַלגעמיינער וועלט־אָנ־שויאונג און געדאַנק — זענען די וויכטיקסטע ווערק: „דער טייוול״, „פאָטער סערגיי״, „דער פאַלשער קופּאָן״, „נאָכן באַל״, „אַליאָשקאַ גאָרשאָק״, „אויך אין דער פינסטער לייכט דאָס ליכט״ און טיילווייז „דער לעבעדיקער מת״.

פון דעם אָנגעוויזענעם שטאַנדפּונקט — וועלן מיר זיך קודם כל אָפּשטעלן טאַקע אויף די ווערק.

אַזוי ווי „אננאַ קאַרעניגאַ", און שפּעטער „קרייצער סאָנאַטאַ", איז אויך די דערציילונג „דער טייוול" געווידמעט דער פּראָבלעם פון פאַמיליע, אָדער, אויב איר ווילט, דער פּראָבלעם פונם געשלעכט.

דער העלד פון דער דערציילונג — דער יונגער געבילדעטער פּריץ יעווגעני אירטעניעוו, באַשליסט חתונה צו האָבן און הייבט-אָן צו דעם צוועק אָבסערווירן מיידלעך, וואָס זאָלן אַנטשפּרעכן זיינע פאָדערונגען און זיין שטאַנד. דער אויסוואַל איז געפאַלן אויף דער טאָכטער פון אַ שכנישער פּריצטע, ליזאַ אַניעננסקאַיאַ, און אַט צוליב וועלכע מאָטיוון: „פאַרוואָס האָט יעווגעני אויסגעקליבן ליזאַ אַניענסקאַיאַ— קאָן מען נישט דערקלערן, ווי מ'קאָן בכלל קיינמאָל נישט דערקלערן פאַרוואָס קלייבט אַ מאַנסביל אויס די פרוי און נישט קיין אַנדערע. סיבות זענען געווען אַ מאַסע — הן פּאָזיטיווע, הן נעגאַטיווע. אַ סיבה איז געווען דאָס, וואָס זי איז נישט געווען זייער קיין רייכע כלה, ווי די מאַמע האָט אים געשדכנט, און דאָס, וואָס זי איז געווען נאַאיוו און נעבעכדיק, אין די באַציאונגען צו איר מוטער, און דאָס, וואָס זי איז נישט געווען קיין שיינהייט, וועלכע זאָל ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט, און קיין מיאוסע איז זי אויך נישט געווען. דער עיקר איז געווען דאָס, וואָס די דערנענטערונג צו איר איז אויסגעפאַלן אין אַזאַ פּעריאָד, ווען יעווגעני איז געווען רייף חתונה צו האָבן. „ער האָט זיך פאַרליבט, ווייל ער האָט געוווסט, אַז ער וועט חתונה-האָבן". און ליזאַ, ווי אַזוי און פאַרוואָס האָט זי אויסגעקליבן אירטעניעוון? אַט זענען די מאָטיוון און די געשיכטע פון איר ליבע: „נאָך אין אינסטיטוט זייענדיק, פון פופצן יאָר אָן, האָט זיך ליזאַ כסדר איינגעליבט אין אַלע צוציענדיקע מענער און איז געווען מונטער און גליקלעך נאָר דאַן, ווען זי איז געווען פאַרליבט. פאַרלאָזנדעם אינסטיטוט, האָט זי זיך ווייטער געליבט אין אַלע יונגע מענער און, פאַרשטייט זיך, אויך אין יעווגענין איז זי פאַרליבט געוואָרן באַלד, ווי זי האָט זיך מיט אים באַקאַנט.

אָט די פאַרליבטקייט האָט צוגעגעבן אירע אויגן יענעם ספּע־ציעלן אויסדרוק, וואָס האָט אַזוי געלאָקט יעוגענין. דעמזעלבן ווינטער איז זי גלייכצייטיק געווען פאַרליבט אין צוויי יונגע־לייט און זי פלעגט רויט ווערן און זיך דענערווירן נישט בלויז, ווען זיי פלעגן אַריינקומען אין צימער, נאָר ווען מ'פלעגט בלויז דערמאָנען זייער נאָמען. אָבער שפּעטער, ווען איר מו־טער האָט איר געגעבן אָנצוהערן, אַז אירטעניעוו, דאַכט זיך, האָט גאַנץ ערנסטע פּלענער, האָט זיך איר פאַרליבטקייט אין אירטעניעוון אַזוי געשטאַרקט, אַז זי איז כמעט געוואָרן גלייכ־גילטיק צו די צוויי פריערדיקע. און אַז ער האָט אָנגעהויבן קומען צו זיי אויף די בעלער, פאַרזאַמלונגען און האָט גע־טאַנצט מיט איר מער ווי מיט אַנדערע, וועלנדיק זיך דערוויסן בלויז, צי זי ליבט אים, דאַמאָלס איז איר פאַרליבטקייט אין אים שוין געוואָרן אַ קרענקלעכע; זי פלעגט אים זען אין חלום און אויף דער וואָר אין אַ פינסטער צימער".

דידאָזיקע איינצוגן אַנטפּלעקן מיט דער פולער קלאָרקייט דעם גאַנצן פּסיכאָלאָגישן באָדן פון אירטעניעווס צוזאַמענבונד מיט ליזען. אויסקלייבנדיק זי לויט אַ מאָראַלישן חשבון, האָט אירטעניעוו דערפילט צו איר אַ צוגעבונדקייט דאַן, ווען ער האָט באַשלאָסן, אַז זי איז די אויסדערוויילטע, אַז זי, ליזאַ, וועט זיין זיין ווייב און נישט קיין אַנדערע, פרעמדע פרוי. און ליזאַ. פון איר זייט, האָט זיך אין אים פאַרליבט, ווי זאָגט מען עס, שטערבלעך, ווען ס'האָט אָנגעהויבן קלאָר ווערן, אַז ער וועט זי טאַקע מזכה זיין און ווערן איר מאַן. פון פופצן יאָר אָן פלעגט זי זיך פאַרליבן אין אַלע מער-ווייניקער נישקשהדיקע יונגעלייט, זי פלעגט זיך אין זיי פאַרליבן, ווייל יעדער פון זיי האָט דאָך געקאָנט ווערן דער הערשער פון איר לעבן און דערמיט אים געבן אַ זין און אַ באַדייטונג.

אַ וועזן אָן ליידנשאַפטן, איז ליזאַ פאַרליבט מיט אַמאָל אין צווייען, ווייל מ'קאָן דאָך נישט וויסן — ווער פון זיי וועט מאַכן דעם פאָרשלאַג, ווער וועט אַרויסזאָגן דאָס אַזוי אומרוי־יק דערוואַרטעטע וואָרט. אָבער דאָס וואָרט איז גאָר גע־

זאָגט געוואָרן דורך אַ דריטן, איז דער דריטער געוואָרן אין אירע אויגן דער ערשטער און איינציקסטער מענטש אויף דער גאַנצער וועלט. אָרימע, לאַנגוויילִיקע ליזאַ!

דאָס צוזאַמענלעבן פון די יונגע אירטעניעווס האָט לכתחלה געטראָגן דעם כאַראַקטער פונם געוויינלעכן פאַמיליען-לעבן, וואָס איז ענלעך, רעדנדיק מיט די ווערטער פון פראָ-טאַסאָוון, צו „קוואַס אָן אַ ראָזינקע". ליזאַ האָט זיך באַשעפ-טיקט מיט באַלעבאַטישקייט, ווייזט-אויס, זייער יבערגעגעבן און זי האָט זיך געפילט אויפן העכסטן שטאַפּל פון גליק, באַ-זונדערס אין יענע מינוטן, ווען איר פאַרגעטערטער הערשער פלעגט איר שענקען אַ ליבע-בליק. אירטעניעוו ווידער האָט פאַרוואַלטעט מיט זיין גוט, זיך באַמיענדיק עס אַוועקצושטעלן אויף דער געהעריקער הויך און פאַרגרעסערן די הכנסות; מיט איין וואָרט, ליזאַ האָט געפונען איר אמתן באַרוף פון אַ פרוי און אירטעניעוו האָט געלעזט איינע פון די פראַגן פונם לעבן. אַלץ איז געגאַנגען גלענצנד. אָבער! פּלוצלינג האָט זיך באַוויזן פאַר אירטעניעוון אַ חטא פון אַמאָל אין דער געשטאַלט פון אַ שרעקלעכן טייוול. אַ צופעליקע באַגעגעניש מיט דער פריערדיקערע געליבטער, סטעפאַנידאַ, האָט אין אים דערוועקט צו איר אַן אומבאַזיגבאַרע טייוולשע ליידנשאַפט. אירטעניעוו אַנטלויפט פון „טייוול" און באַמיט זיך מיט אַלע כּוחות צו דערשטיקן דעם אומגעוויינלעכן דראַנג צו סטעפאַנידען, אָבער אומזיסט די אָנ-שטרענגונגען, אומנוציק דער נישט גלייכער קאַמף! דער טייוול פון ליידנשאַפט האָט זיך אַרויסגעוויזן מעכטיקער, און דער יונגער, געזונטער, זיכערער, און פון טאָלסטאָיס שטאַנדפונקט, אַבסאָלוט גליקלעכער מאַן, וועלכער איז מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן זיין ווייב און דער מוטער פון זיין קינד, פאַר-ענדיקט מיט זעלבסטמאָרד.

דאָס איז דער אינהאַלט פון „טייוול". וועגן וואָס גייט דאָ? וועלכע אידעע איז אַוועקגעלייגט אין יסוד פון אָט דער פאַמיליען-דראַמע און וואָס פאַר אַ פועל-יוצא דרינגט פון איר אַרויס?

דער אידעאישער תוך פון דעם ווערק באַשטייט אין דעם אָפּלייקענען די געשלעכטלעכע ליבע אַלס קוואַל פון פאַרגעניגן. די געשלעכטלעכע ליידנשאַפט, אָדער ווי טאָלסטאָי דריקט זיך געוויינלעך אויס, די גליסטונג פונם לייב, די רעגונגען, פאַרגעניגנס, די פּאַטעטישע שטימונגען פון ליידן, וואָס זייער שורש איז אינם געשלעכטלעכן דראַנג, זענען אַ גרויסע שטערונג אויפן וועג צו דער מאָראַלישער פאַרפולקאָמונג און דעריבער טאַקע זענען זיי קעגן גאָטס ווילן, וועלכער איז אויסגעדריקט אין דער עוואַנגעליע. די איינציקע דערלאָזבאַרע און פאַרטראָגלעכע פאָרם פון אַ בונד צווישן מאַן און פרוי איז די פאַמיליע, וועלכע קומט נישט אונטער דעם דרוק פון אַ ראָמאַנטישער ליבע, נאָר וואַקסט אויס אויפן באָדן פונם געפיל און באַוווּסטזיין וועגן דער נויטווענדיקייט פונם צוזאַמענלעבן.

פילנדיק זיך אַלס אַ טייל פונם מאַן, איז די פרוי אומרויק, זי לעבט נישט, זי שפּירט נישט איר אייגן וועזן, ביז זי געפינט נישט איר גאַנצעס. און דער מאַן, פון זיין זייט, פאַרבינדט זיין גורל מיט דער פרוי, ווייל זי איז זיינס אַ טייל, וואָס איז אים ממלא.

דאָס זענען אייגנטלעך געווען די מאָטיוון פון די אירטעניעווס חתונה-האָבן, וועלכע וואָלטן, פרוכפּערנדיק און מערנדיק זיך, דערלעבט אין אַ נישט געשטערטער און גליקלעכער רו זייער גאָלדענער חתונה, ווען אירטעניעוו וואָלט זיך פריער נישט געהאַט פאַרבונדן מיטן טייוול, ווען ער וואָלט נישט פאַרזוכט דאָס פאַרגעניגן פון דער ליידנשאַפט אַלס אַזעלכע.

אַזוי פשוט, עלעמענטאַר, ארכיקאָנסערוואַטיוו ווערט אין „טייוול" פאַרענטפערט די קאָמפּליצירטע פּראָבלעם פון פאַמיליע און געשלעכט, וועלכע ווערט וואָס ווייטער אַלץ קאָמפּליצירטער.

פון דעם אידעאישן תוך אינם ווערק איז אויך אינגאַנצן אָפּהענגיק זיין פּסיכאָלאָגישער אינהאַלט. אינם „טייוול" איז שוין נישטאָ יענע רייכע, סובטעלע, טאָלסטאָיִשע פּסיכאָלאָגיע

מיט וועלכער עס צייכנט זיך אויס די שילדערונג פון ענלעכע צושטאַנדן און פסיכישע איבערלעבונגען אין די פריערדיקע ווערק פונם גע ניאַלן קינסטלער.

אַפילו די בולטסטע פיגור פון דער דערציילונג — סטעפאַנידאַ, אַפילו זי באַווייזט זיך מער מיט איר עפעקטער, אויפרייצנדיקער, ליידנשאַפטלעכער אויסערלעכקייט, איידער מיט איר אינערלעכער וועלט. זי שטייט און באַוועגט זיך פאַר אונז אין איר שטענדיקן רויטן קלייד (טאָלסטאָי קליידט מייסטערהאַפט זיינע העלדינס, בולט מאַכנדיק מיט דער הילף פון דער קליידונג זייערע כאַראַקטעריסטישע שטריכן) ווי אַ קלאָר בילד, אָבער נישט ווי אַ לעבעדיקער מענטש, וואָס איז מסוגל צו טראַכטן, פילן, ליב-האָבן און ליידן. מיר האָבן זי אַ סך מאָל געזען, אָבער מיר וויסן וועגן איר בלויז, אַז זי לאָזט זיך אַריין אין אַן אינטימען צוזאַמענבונד מיט אַ מאַנסביל לייכט און ליידנשאַפטלעך.

דער שרייבער באַמערקט, אַגב, אַז זי איז זייער קלוג און שאַרפזיניק, אָבער אין פאַרלויף פון דער גאַנצער דערציילונג האָבן מיר געהערט פון איר איין אייציקע פראַזע, וועלכע כאַראַקטעריזירט גראָד נישט איר קלוגשאַפט און שאַרפזיניקייט, נאָר איר זינלעכע פרייקייט. פונוואַנען נעמט זיך עס? ווו איז די סיבה פון דער אָרימקייט אינם פסיכאָלאָגישן אינהאַלט? די סיבה ליגט דערין, וואָס סטעפאַנידאַ אַלס מענטש אינטערעסירט נישט דעם קינסטלער. זי איז אַ פאַרפירערין, זי איז געשיקט אין דער וועלט צו פאַרפירן, זי איז אַ טייוול, וועלכער עקזיסטירט, כדי מ׳זאָל אים גובר זיין. די קינסטלערישע שילדערונג פון די העלדן אינטערעסירט דעם אכקעט-דענקער אויף אַזוי פיל, אויף ווִיפיל דאָס איז אים נויטיק צו באַגרינדן די, אַלס עפיגראַפן אַוועקגעשטעלטע, פאָלגנדע פסוקים פון דער עוואַנגעליע: „און איך זאָג אייך, אַז יעדערער וואָס קוקט אויף אַ פרוי מיט תאווה, האָט שוין מיט איר מזנה געווען אין זיין האַרצן". „אויב דאָס רעכטע אויג דיינס פאַרפירט דיך, רייס עס אַרויס און וואַרף עס אַוועק, וואָרים בעסער פאַר דיר איז,

אַז ס'זאָל אומקומען איינער פון דיינע אברים, איידער דיין גאַנצער גוף זאָל אַריינפאַלן אין גיהנום". „און אויב דיין רעכטע האַנט פירט דיך צום שלעכטס, האַק זי אָפּ און וואַרף זי אַוועק, ווארים פאַר דיר איז בעסער, איין אבר זאָל דיר פעלן, איידער דער גאַנצער גוף דיינער זאָל אַריינפאַלן אין גיהנום".

מיט דעמדאָזיקן עוואַנגעלישן אַבסאָלוטיזם, מיט דער טריבער אַסקעטישער פּראַקטיק צו דער מענטשלעכער נאַטור דערקלערט זיך אויך די סכעמאַטישקייט אין דער שילדערונג פון אירטעניעווס אינערלעכער דראַמע.

נשמה-קאָנפליקטן פון דעם מין זענען דאָך אויסערגע-וויינלעך רייך און פּסיכאָלאָגיש סובטעל, זייער קינסטלערישע איבערגעבונג וואָלט אונז באַקאַנט מיט די אינטימסטע זייטן פון אַ מענטשנס איבערלעבונגען. און ס'אונטערליגט נישט דעם מינדסטן ספק, אַז דער אומפאַרגלייכלעכער קענער פון דער מענטשלעכער נשמה, דער מחבר פון „קינדהייט", „יינגלשאַפט" און „יוגנט", פון „קאָזאַקן", „מלחמה און שלום" א. אַז. וו. וואָלט פאַר אונז אַנטפּלעקט, אַנטוויקלענדיק דעם געגעבענעם קאָנפליקט, נייע פּסיכאָלאָגישע שטריכן און ניואַנסן, ווען די עוואַנגעליע וואָלט נישט פאַרנומען דאָס אָרט פון די קינסט-לערישע פאַרלאַנגען.

אָבער פאַר טאָלסטאָיען, דעם אַסקעטישן דענקער, וואָס האָט זיך איינגעלעבט מיט דער דואַליסטישער דאָגמע, וועלכער האָט זיך צוגעוווינט אַנטקעגנצושטעלן דעם גוף קעגן דער נשמה אָדער דעם טייוול קעגן גאָט, פאַר אים איז געוואָרן פּשוט און פאַראיינפאַכט די גאַנצע קאָמפּליצירטקייט און אומענדלעכע פאַרשידנאַרטיקייט פון דער מענטשלעכער פּסיכיק, אָננעמענדיק סובסטאַנציאָנעלע, פאַרגליווערטע פאָרמען. ווען אין אירטעניעוון האָט זיך אַריינגעכאַפּט דער טייוול, איז באַלד פאַרטושט געוואָרן די גאַנצע סובטעלע, וווּנדערלעכע דיאַלעקטיק פון געפילן און עמפּפינדונגען, וואָס איז איינגעטיילט פאַרן קאַמף צווישן ליידנ-שאַפט און פליכט. ווי זאָגט דאָרטן איינע פון די אומבאַריר-לעכע טעזן פון דער עוואַנגעליע: „יאָ, יאָ, ניין, ניין, און וואָס

העכער דערפון, איז שוין דעם טייוולס אַ שטיקל אַרבעט". „זי (סטעפּאַנידאַ), איז דאָך אַ טייוול. פּשוט, אַ טייוול. קעגן מיין ווילן האָט זי דאָך מיך באַהערשט", — זאָגט אירטעניעוו, איבערחזרנדיק דידאָזיקע טענה אין פאַרשידענע אויסדרוקן עטלעכע מאָל. און ס'איז באמת אַזוי. וואָרים אין דעם גאַנצן קאָנפליקט נעמט דאָך גאָרנישט אירטעניעוו קיין אָנטייל, נאָר דער טייוול, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין געשטאַלט פון אַן אויסערלעכן, זעלבסטשטענדיקן כּוח, וואָס פירט, פּלאָנטערט און ברענגט אים, סוף כּל סוף, אום.

שטעל אַוועק, לעזער, אירטעניעוון אין דער פּרעכטיקער גאַלעריע פון די טאָלסטאָיאישע טיפּן און דו וועסט באַלד דערזען, אַז צווישן די אויסגעצייכנטע, אונז פון לאַנג באַקאַנטע פּערזאָנען, איז אירטעניעוו אַ בלייכע פיגור, וואָס ווערט נעלם פון אונזער פאַנטאַזיע. — צווישן אַלע העלדן פון „טייוול" — איז די פּערזאָן פון ליזע אַמקלאָרסטן. אָבער וואָס פאַר אַ קאָמפּליצירטעס איז פאַראַן אין דערדאָזיקער געבוירענער ווייב, וואָס איז באַשאַפן פון אדם'ס אַ ריפּ און שטרעבט זיך אויפצולאָזן אין איר גאַנצעס?

צוויי, דריי שטריכן פון דער דערפאַרענער, כּשופמאַכערישער האַנט פונם געניאַלן מייסטער — און דער פּאָרטרעט איז פאַרטיק.

III

טאָלסטאָי האָט נישט איינמאָל אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז דער קינסטלער מוז תּמיד שטיין אויף דער מדרגה פון די פאָדערונגען פון זיין עפּאָכע, ער דאַרף זיין דורכגעדרונגען מיט אירע אויפגאַבן און דאַרף פאַרטיידיקן די פּראָגרעסיווע אידעען. דערדאָזיקער געדאַנק, נישט געקוקט אויף זיין „שאַבלאָנער" אויסערלעכקייט, איז זייער אַ טיפער און, ביי אַן אַלזייטיקער באַטראַכטונג, איז ער אַבסאָלוט נישט-צעשטערבאַר. די ווירקלעכקייט שטעלט פאַר אַן אָפענעם אָדער באַהאַל-

טענעם קאַמף פון די אָפּגעלעבטע, שטאַרבנדיקע פאָרמען מיט די נייע יסודות, וואָס ווערן ערשט געבוירן. און נאָר יענער קינסטלער קאָן האָפן, אויסדריקנדיק זיך מיט טאָלסטאָיס ווערטער, אַז „ער וועט אָנשטעקן און געווינען דעם פולן מיטגעפיל פון די איצטיקע און קומענדיקע דורות, וועלכער וועט זיין בכוח אויפצוכאַפּן די דינע שפּרינגפעדערס פון דעמדאָזיקן אייביקן בייטן זיך פון די פאָרמען און פאַרהעלטענישן".

די רעאַלע, פּראָזאַאישע ווירקלעכקייט שליסט-איין אין זיך — וואָס די ראָמאַנטיקער זאָלן נישט טענהן — אַלע יסודות, וואָס זענען נויטיק פאַרן קינסטלערישן שאַפן. און ס'זענען, דאַכט זיך מיר, נישטאָ קיין ריכטיקערע ווערטער, ווי געטעס:

Greift mit hinein ins volle Menschenleben,
Ein jeder lebt's, nicht vielen ist's bekannt,
Und wo ihr's packt, da ist's interessant.

דורכדרינגען אינם עצם פון לעבן, זען און שילדערן זיינע, פאַרן געוויינלעכן אויג און אויער פאַרבאָרגענע, סודות, הייסט ווידערבאַשאַפן עס אין דער באַוועגונג, און ווידערבאַשאַפן עס אין דער באַוועגונג, — הייסט געפינען זיך אויף דער מדרגה פון דער באַטרעפנדער עפּאָכע.

האַלטנדיק זיך טעאָרעטיש, פּרינציפּיעל ביי דעמדאָזיקן שטרענג-רעאַליסטישן שטאַנדפּונקט ביז די לעצטע טעג זיינע, האָט טאָלסטאָי אים פּאַקטיש פאַרראַטן, וואָס ווייטער אַלץ אָנזעעוודיקער.

דאָס פאַרראַטן דאָס לעבן, די עקשנותדיקע שטרעבונג אַוועקצוגיין פונם לעבעדיקן קאַמף אין אַ וועלט פון פאַרגליווערטער גלייכגילטיקייט, לאָזט זיך מערקן, ווי עס איז שוין אויבן אָנגעוויזן, מיט אַ בלענדנדער קלאָרקייט אין אַלע זיינע לעצטע ווערק, אָבער באַזונדערס זעט מען עס אין די אַממערסטן כאַראַקטעריסטישע, אין דער הינזיכט: „פאָטער סערגיי" און „דער פאַלשער קופּאָן". היות דעם ערשטן פון די צוויי ווערק האָט דער מחבר, לויט אַלע סימנים, צוגעגעבן אַן ערשטראַנגיקע, ברייטע באַדייטונג, — וועלן מיר דעריבער אויף אים זיך אָפּ-

שטעלן געניער און מיר׳ן אָנהייבן פֿון אַ קורצן איבערגעבן זיין אינהאַלט.

דער שיינער, באַגאַבטער און ערגייציקער פֿירשט קאַסאַטסקי, טרוימענדיק וועגן אַ גלענצנדיקער קאַריערע ביים קייסערלעכן הויף, הייבט־אָן, טיילווייז צו דעם צוועק, זיך צושאַרן צו דער שיינהייט — דער הויף־פֿריילין, גרעפֿין קאָראָטקאָוואַ, וועלכע האָט חן אין די אויגן פֿון דער קייסערין.

דער באַצויבערנדיקער רייץ פֿונם יונגן מיידל האָט אַרויסגעשלאָגן ביים פֿירשט פֿון קאָפּ די פּראָזאַאישע פּלענער, און ער האָט גאַנץ ערנסט ליב־געקריגן די קאָראָטקאָוואַ, אַנטרעפֿנדיק אויף פֿולער קעגנזייטיקייט. נאָר אַ חודש פֿאַר דער חתונה, אין אַ מינוט פֿון גייסטיקער נאָענטקייט, וואָס קומט פֿון די ריינע, פּאָעטישע ליבע־געפֿילן, איז זיך דער גליקלעכער חתן מודה פֿאַר דער כּלה, אַז צו די לכתּחילהדיקע מאָטיוון, וואָס האָבן אים צו איר געבראַכט, האָט זיך צוגעמישט אַ פּראַקטישע אויסרעכנונג. די אָפֿנהאַרציקייט, דער אינטימער כאַראַקטער פֿון דעם מודה־זיין־זיך און די שולד פֿון חתן ווירקן אויפֿן יונגן מיידל, אַז זי זאָל פֿון איר זייט אים אויך אויסזאָגן איר שווערן סוד. זי האָט געליבט דעם קייסער און ס׳איז נישט געווען קיין פּלאַטאָנישע ליבע, זי איז געווען די „געליבטע“ פֿון ניקאָלאַי פּאַוולאָוויטש.

אַ דערשיטערטער ביז דער טיפֿעניש פֿון זיין וועזן דורך דערדאָזיקער דערקלערונג, רייסט קאַסאַטסקי דאָ אויפֿן אָרט איבער מיט דער כּלה, אָן שום איבערלייגונגען און נאָכטראַכטונגען, אויף שטענדיק.

דערדאָזיקער עפּיזאָד האָט געגעבן אַ דעצידירנדיקן שטויס צו אַ ראַדיקאַלער איבערקערעניש אינם גאַנצן לעבנסבאַנעם פֿונם יונגן, באַגאַבטן און אַמביציעזן פֿירשט. „די אַנטוישונג, — זאָגט דער קינסטלער — אין מערין (די כּלה), וועלכע ער האָט דאָך געהאַלטן פֿאַר אַזאַ מלאך, און די באַליידיקונג זענען געווען אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבן אים דערפֿירט צו פֿאַרצווייפֿלונג; און די פֿאַרצווייפֿלונג ווו אַהין? — צו

גאָט, צום קינדערשן גלויבן, וואָס איז ביי אים קיינמאָל נישט חרוב געוואָרן". דער צוריקקער צו גאָט און צום „קינדערשן גלויבן" האָט געהייסן פאַרלאָזן דאָס וועלטלעכע לעבן; און דער קינסטלער איז אונז מודיע קורץ: „אין טאָג פון הייליקן פּע-טער איז קאַסאַטסקי אַריינגעטרעטן אין קלויסטער", ווו ר'האָט אין דריי יאָר אַרום אָנגענומען דעם נאָמען: „פּאָטער סערגיי".

דער קלויסטער האָט נישט באַפרידיקט זיינע דערוואַר-טונגען. דאָס לעבן אין דעם דאָזיקן מקום-מקלט פון די ערדישע נסיונות האָט זיך מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט פון די „וועלט-לעכע נאַרישקייטן". עס האָבן דאָרט געהערשט אייגננוציקע אינטערעסן און פאַרלאַנגען, כיטרעקייט, פלינקייט און אָפּנאַרעריי אויף צו דערגרייכן מאַטעריעלע צוועקן, נקמה און צביעות און — די גרויסע גיריקייט פונם געשלעכט. דער אַלגעמיינער גייסטי-קער צושטאַנד פון פּאָטער ס ע ר ג י י איז דעריבער געווען אַזעלכער: „ער האָט געפילט טיף אין דער נשמה, אַז דער טייוול האָט אים איבערגעטוישט זיין גאַנצע אַרבעט פאַר גאָטס וועגן אויף אַן אַרבעט פאַר מענטשן". מיט איין וואָרט, אין קלויסטער האָט געאַרבעט מעשים איבערן פירשט דערזעלבער טייוול, וואָס אין דער היים.

נאָך אַ לאַנגיעריקן קאַמף מיט כּלערליי נסיונות און באַ-גערן און נאָך דעם עפּיזאָד מיט דער נאַרישעוואַטער און ליידנשאַפטלעכער סוחרישער טאָכטער, וואָס איז געקומען נאָך אַ מופתדיקער היילונג, פאַרלאָזט פּאָטער סערגיי צום סוף, דעם קלויסטער כּדי צו ווערן אַן אמתדיקער בעל תשובה.

דער לאַנגער און שווערער וועג פון אינערלעכע, פיינ-לעכע איבערלעבונגען, די אַבסאָלוטע אַנטוישונג אינם קלויסטער-לעבן און, שליסלעך, די באַגעגעניש מיט דער „הייליקער" פּאַשענקאַ, זיין חברטע פון די קינדער-יאָרן, דערפירן דעם שוין געעלטערטן מאָנאַך צו דער ק אַ ר אַ ט אַ י ע ו י ש ע ר גליקזעליקער באַרויקונג, ד. ה. צו טאָלסטאָיס אידעאַל.

אין דערדאָזיקער דערציילונג ווערט דער קלויסטער פאַר-אורטיילט, אָבער דער אַסקעטישער לעבנסבאַנעם, פּרינציפּ און

מאָראַל, דער קאַמף קעגן די אינסטינקטן און נאַטור-געזעצן, — דאָס ווערט אָנערקענט און דאָס שטעלט-פאָר דעם צענטראַלן יסוד פון „פאָטער סערגיי”.

דער קינסטלער פאָרמולירט טאַקע די הויפט-אידעע פון דעם ווערק, אָנצייכענענדיק די גרונט-סיבות פון זיין העלדס גייסטיקן קאַמף אויף אַזאַ אופן: מקורות (פון קאַמף) זענען געווען צוויי: דער צווייפל און די הומרשע גלוסטונג, און ביידע שונאים פלעגן זיך תמיד אויפהייבן צוזאַמען. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס זענען געווען צוויי פאַרשידענע שונאים, בעת אין דער אמתן איז עס געווען איינער און דערזעלבער. ווי ס'איז נאָר נעלם געוואָרן דער צווייפל, איז נעלם געוואָרן די גלוס-טונג. אָבער ער האָט געמיינט, אַז דאָס זענען צוויי פאַרשידענע טייוואָלים, האָט ער געקעמפט מיט יעדערן באַזונדער”.

מיר זעען אַזוי אַרום, אַז דער צווייפל און די חומרדיקע גלוסטונג זענען איינס און דאָסזעלבע. סיי דאָס ערשטע, סיי דאָס צווייטע איז איין און דערזעלבער טייוול, וואָס בונטעוועט קעגן גאָט און שטרויכלט דעם מענטש, אָפּרייסנדיק אים פון אמת און פון דעם העכסטן גליק — פון צונויפגיסן זיך מיט דער גאָטהייט.

דיזעלבע טיפּיש מיטלאַלטערלעכע פילאָזאָפיע ווערט אונ-טערגעשטראָכן אין יעדער שטעלע פון דער דערציילונג, ווו ס'איז באַשריבן דער אויפגערעגטער צושטאַנד פון פאָטער סער-גיי, אינם מאָמענט, ווען ער דערוואַרט די סוחרישע טאָכטער. צי דען טאַקע בין איך אַזויגעפאַלן? — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. — „גאָט, העלף מיר, שטעל מיך אויף, גאָט און האַר מיינער”! און ער האָט צונויפגעלייגט די הענט און אָנגעהויבן תפילה-טאָן. די נאַכטיגאַלן האָבן זיך צעזונ-גען; אַ זשוק איז אויף אים אַרויף און גענומען אַרום-קריכן אויפן קאַרק. ער האָט אים אַראָפּגעוואָרפן. „איז ער כאָטש פאַראַן? און אויב איך קלאַפּ אין אַ פון דרויסן פאַר-מאַכט הויז? דער שלאָס איז אויפן טיר, און איך וואָלט דאָך אים געקאָנט זען. דער שלאָס — די נאַכטיגאַלן, די זשוקעס,

די נאַטור". דאָ איז ביז דער לעצטער שטופּע קלאָר, אַז די נאַטור ווערט אַנטקעגנגעשטעלט דעם מאָראַלישן און רעאַלן יסוד, אַז די „נאַכטיגאַלן, זשוקעס, נאַטור", — זענען די זינד, דער נסיון, דער טייוול און אחרי ככלות הכּל מער נישט, ווי אַ גרויזאַמע אילוזיע. אָטאָ די נאַקעטע, מיט גאָרנישט, מיט קיין איין לעבנסהויך נישט צוגעדעקטע, אַסקעטישע פילאָזאָפיע דערגרייכט אין „פאָטער סערגיי" דעם העכסטן פונקט, און רויבט-צו ביי דער דערציילונג, אין אַלגעמיין, די ווירקלעכע קינסטלערישע ווערטן.

דאָס פריידיקן עקסטרעמען אַסקעטיזם — איז אויך דער קלאָר אויסגעדריקטער ציל פון „קרייצער סאָנאַטאָ". אָבער אין דעם אויסגעצייכנטן ווערק, וואָס איז אָנגעשריבן מיט אויסגעהאַמערטער, גליענדיקער שפּראַך, איז די אַסקעטישע אידעע נישט דער אָביעקט פון דער קינסטלערישער שאַפונג, נאָר זי דאַרף אַרויסדרינגען ווי אַ לאָגישער אויספיר. אַלס תוך, אַלס מאַטעריע פון דער פּאָעטישער באַאַרבעטונג דינט דאָ די פּסיכאָלאָגיע פון דער מאָדערנער פאַמיליע אין די העכערע קלאַסן. און אָפּשפּיגלענדיק אַ באַדייטנדע, וויכטיקע דערשיינונג פון דער רעאַלער ווירקלעכקייט, שטעלט „קרייצער סאָנאַטאָ" פאָר אַ הויכקינסטלעריש, קלאַסיש ווערק. דער טענדענציעזער אויספיר, וואָס רוקט זיך דאָ און דאָרט אַרויס, ווערט פאַרטושט און פאַרלירט זיך אין דער דורכדרינגלעכער, און טיפגרייפנדיקער קריטיק פונם זאָאָלאָגישן יסוד פונם פאַמיליענלעבן ביי די פּריווילעגירטע שיכטן. דער לעזער קאָן זיך דעריבער לאָזן די טענדענץ פונם מחבר אָן אַ זייט און מאַכן זיינע אייגענע אויספירונגען.

אַנדערש זעט עס אויס אין דער נאָוועלע „פאָטער סערגיי". די שילדערונג פון דער אַרומיקער ווירקלעכקייט, פון דער סביבה, וועלכע האָט אין די פריערדיקע ווערק טאָלסטאָיס, פאַרנומען אַזאַ חשובן פּלאַץ, איז דאָ כמעט ווי נישט בנמצא. שוין אָפּגערעדט, וואָס די גאַנצע קאָמפּליצירטע אינערלעכע דראַמע פונם איבעררייסן מיט דעם געליבטן מיידל איז פאַר-

באָרגן פונם לעזער, — אַפילו דער קלויסטער, וואָס האָט, דאַכט זיך, אין דעם צוזאַמענהאַנג געדאַרפט ספּעציעל באַשעפטיקן דעם קינסטל ר, איז אויך געצייכנט אויף אַ ריין-אויסערלעכן אופן, מיט עטלעכע אַלגעמיין-באַקאַנטע שטריכן, אין וועלכע ס׳איז קיין שפּור נישטאָ פון טאָלסטאָיס מאַניער צו אָבסערווירן. קיר-צער גערעדט, אין דעם ווערק האָט דער קינסטלער אַוועקגע-שטעלט לגמרי אין אַ זייט דעם רעאַלן באָדן, און געמאַכט פאַר זיין צענטראַלן אינהאַלט דאָס אַבסטראַקטע, אַסקעטישע פריידיקן.

ווער דאָך דער לעזער, מסתמא, פרעגן: האָבן דען די אַסקעטישע אָנשויאונגען און זייערע פאָרשטייער נישט קיין רעכט אויף אַ קינסטלערישער באַאַרבעטונג? בפירוש יאָ.

וואָס פאַראַ אָנשויאונגען דער קינסטלער זאָל נישט האָבן, מוז ער זיך פילן פולשטענדיק פריי אין דעם אויסוואַל פון מאַטעריאַל, סיוזשעטן און טיפּן פאַר זיין שאַפונג. אַ דאַנק זיין ריין-סוביעקטיווער, אינערלעכער דערפאַרונג, — אָדער גאָר צוליב אויסערלעכע אָבסערווירונגען קאָן אים, נאַטירלעך, צו-ציען די פּסיכאָלאָגיע פון קאַמף מיט די געשלעכטלעכע אינ-סטינקטן און עס קאָן אים פאַראינטערעסירן די פערזאָן פון אַן אַסקעט. אָבער כדי דאָס פאָרשטעלן די אַסקעטישע פּסי-כאָלאָגיע זאָל האָבן אַן אמת קינסטלערישן אויסדרוק און זאָל קאָנען דערוועקן אינטערעסן און מיטגעפיל אין יעדער היסטאָ-רישער תקופה, דאַרף דער געשילדערטער אַסקעט אַוועקגע-שטעלט ווערן אין דער אַנטשפּרעכנדיקער היסטאָרישע מיליע. דער טיפּ פון אַן אַסקעט קאָן נאָר דאַן ווערן אַ קונסט-ווערק, וואָס איז עלול אַרויסצורופן אַן עסטעטישן ציטער, ווען דאָס וועט זיין אַ מענטש פון מיטלאַלטער, ד. ה. פון יענער עפּאָכע, ווען די הערשנדיקע קירכע האָט, אין נאָמען פון איר נישט-געזע-טיקטער גיריקייט געפּייניקט, געהאַלטן די הומרדיקע וועלט, ווי דעם ערגסטן אויסוואורף, צראָפּשליידערנדיק די לעבעדיקע נאַטור אויפן סאַמע לעצטן טרעפּל פון רעאַליטעט. מיט אַנדערע ווערטער, ווען דער קינסטלער שילדערט דעם כאַראַקטער פונם אַסקעט, דאַרף ער אַריבערטראָגן אונזער פאַנטאַזיע אין יענער

סביבה, ווו דער קאַמף מיט דער „תאווה פונם חומר” איז געווען אַ אָנגעזעענע, ערנסטע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג, וואָס האָט ביי אַ סך דערוועקט סימפּאַטיע, באַוווּנדערונג און דרך-ארץ פאַר די גייסט-נצחונות פון דעם מין.

ביי דעם באַדינג טוישן זיך די פאָרם און דער אינהאַלט מיט די ערטער. דער עצם תוך פון די אַסקעטישע איבערלעבונגען, די מלחמה קעגן דעם דראַנג פונם געשלעכט ווערט פאַר די קומענדיקע דורות בלויז אַ פאָרם, אין וועלכער מיר זעען דאָס דערשיינען פונם מאָראַלישן ווילן און כוח פונם מענטשלעכן גייסט.

מיר קאָנען זיך באַגייסטערן מיט די אַסקעטישע נצחונות פונם הייליקן אַלעקסיי נאָר אין דעם פאַל, ווען מיר, זיך שטעלן אויפן שטאַנדפּונקט פון דער הערשנדיקער אידעאָ-לאָגיע פון זיין עפּאָכע, אָדער ווען מיר ווילן מיט אַ כיוון אַריינלייגן אין זיין קאַמף דעם אידעאישן אינהאַלט פון אונזער צייט.

אין „פאַטער סערגיי” פעלן לחלוטין די אָנגעוויזענע באַ-דינגונגען.

פירשט קאַסאַטסקי — איז אַ מענטש פון די 40-ער יאָרן פון 19-טן יאָרהונדערט. ער איז, הייסט עס, אַ זון פון אַ זאַ דור, ווען די מאָנאַכישע צדקות איז נישט בלויז אָפּגעוואָרפן און אומברחמנותדיק אויסגעלאַכט, נאָר זי איז שוין פאַרגעסן דורך אַלע בעסערע, פאָרגעשריטענע מענטשן פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט. אויסערדעם, פאַלט טאָלסטאָיען גאָרנישט איין צו רעסטאַווּרירן די אויסערגעוויינלעכע שטריכן פון דער צייט, וואָס קאָנען כאָטש אַביסל באַרעכטיקן די מיטלאַלטער לעכע אידעאַלן פונם פירשט, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין זיין כלה. און די סיבה איז פאַרשטענדלעך. טאָלסטאָי פילט מיט דעם פאַטער סערגיי נישט ווי אַ קינסטלער און פּסיכאָלאָג, וואָס איז פאַראינטערעסירט מיטן אינערלעכן לעבן פונם מאָ-נאַך, נאָר ווי אַ מאָראַליסט, וואָס פריידיקט און פּראָקלאַמירט דעם

אידעאַל פון מאָנאַכישקייט אַלס דעם העכסטן, מאָראַלישן באַוווסטזיין פונם מאָדערנעם מענטש.

ס'איז דעריבער גאַנץ נאַטירלעך, אַז פאַר דעם אויפגעקלערטן, היינטצייטיקן לעזער, וועמען ס'איז אין תוך פרעמד די טריבע אַסקעטישע וועלט-אָנשויאונג, שטעלט זיך „פּאָטער סערגיי" פאָר, ווי אַן אויסגעטראַכטע, לאַנגווייליקע, טרוקענע — בקיצור — נישט-קינסטלערישע דערציילונג. און נישט געקוקט אויף אַלע אָנשטרענגונגען פונם גענייאַלן מחבר, איז דער אויפריכטיקער לעזער נישט בכוח מיטצופילן דעם פּאָטער סערגיי. ער רייסט נישט מיט, אייגנטלעך, דעם קינסטלער גופא. וואָרים דער טיף-אמתדיקער טאַלאַנט און די לייבנקראַפט פונם גרויסן שרייבער טרעטן אַרויס אין זייער גאַנצן פאַרנעם דאַמאָלס, און באַר דאַמאָלס, ווו ער שטייט פעסט מיטביידע פיס אויף דער זינדיקער ערד. די פעסימיסטישע און רעליגיעז-מיסטישע ליריק זענען נישט אייגנטימלעך פאַר דער מענלעכער, ענערגישער און ליידנשאַפטלעכער מוזע פונם שעפער פון „מלחמה און שלום". און היות ווי דער דאָמינירנדיקער מאָטיוו פון „פּאָטער סערגיי" איז דאָס עסקן זיך פון דעם קרעפטיקן, ליידנשאַפטלעכן און, אָפן גערעדט, לעבנספרייידיקן פירשט קאַסאַטסקי מיט זיין פאַרדערנדיקן, גיריקן חומר, איז דעריבער די גאַנצע דערציילונג דורכגעדרונגען מיט פאַלשע, נישט נאַטירלעכע טענער.

דער קינסטלער דערציילט, אַז די פאַרפירערישע שיינהייט מאַקאָווקינאַ, האָט, וואַרפנדיק אויף פּאָטער סערגיי אַ דערפאַרנעם בליק פון אַ קאָקעטקע, אַ טראַכט געטאָן וועגן אים: „יאָ, אַזאַ מענטשן קאָן מען ליב קריגן. די אויגן און דאָס פשוטע, אָרנטלעכע, — און, ווי ער זאָל דאָרט נישט מורמלען זיינע תפילות, — דאָס ליידנשאַפטלעכע פנים". דאָס איז אַ דורכאויס ריכטיקע כאַראַקטעריסטיק. די תפילות פון פירשט קאַסאַטסקי מאַכן ווירקלעך דעם איינדרוק פון אַ קינסטלעכער מורמלעריי, דאָס פנים בלייבט אומפאַרענדערט ליידנשאַפטלעך, געווענדט צו אַלע טייוואָלים פון דער ערד.

עטלעכע איינפלוסרייכע קריטיקער האָבן זיך אַנטציקט מיט דער סצענע, ווען מאַקאָווקינאַ מאַכט אַ פּרווו צו פאַרפירן דעם פאָטער סערגיי. דידאָזיקע אַנטציקונג וואָלט געווען פאַרשטענדלעך דאַן, ווען אונזערע קינסטלערישע קריטיקער וואָלטן באמת אַרויסגעוויזן אַ חשק צו פריידיקן, אַז מענער דאַרפן זיך אָפּהאַקן די ווייז-פינגער בעת אַ „סכּנותדיקן" טרעפן זיך מיט שיינע פרויען. אָבער אונזער קריטיק איז דאָך דאַנקען גאָט, פון אַזאַ פריידיקן גאַנץ ווייט, — בלייבט, בכן, נישט פאַרשטענדלעך די סיבה פון דער אַנטציקונג מיט פירשט קאַסאַטסקיס מאָנאַכישער העלדישקייט.

און אין דער אמתן, מאַכט די דערמאָנטע סצענע אַ שווערן און פשוט נישט-קינסטלערישן איינדרוק אויף אַ לעזער, וואָס איז נישט אָנגעשטעקט מיט די טאָלסטאָיאישע אידעען און וואָס וואַגט צו טראַכטן זעלבסטשטענדיק.

אָט איז, למשל, אַ כאַראַקטעריסטישע שטעלע פון יענער סצענע.

„— זייט מיר מוחל, — האָט זי (מאַקאָווקינאַ) געזאָגט — מיט וואָס וועל איך זיך אויסקויפן פון מיין זינד?

„— גיי אַוועק.

„— לאָזט, איך וועל אייך איבערבינדן די האַנט.

„— גיי אַוועק פונדאַנען.

איילנדיק און שוויגנדיק האָט זי זיך אָנגעטאָן און, אַ גרייטע, אין מאַנטל, איז זי געזעסן, אָפּוואַרטנדיק. פון הויף האָבן זיך דערהערט די גלעקלעך.

„— פאָטער סערגיי, זייט מיר מוחל!

„— גיי אַוועק. גאָט וועט מוחל זיין.

„— איך וועל ענדערן מיין לעבן. פאַרלאָזט מיך נישט.

„— גיי אַוועק.

„— זייט מיר מוחל און בענטשט מיך.

„— אין נאָמען פון פאָטער און זון און דעם גייסט, דעם הייליקן, — האָט זיך דערהערט פון יענער זייט ווענטל, — גיי אַוועק".

אָט דער מאָנאָטאָנער, זייער פייערלעכער „גיי אַוועק", וואָס דאַרף אויסדריקן די העכסטע מדרגה פון אָנשטרענגונג אין קאַמף מיטן שטן, קלינגט אומאָנגענעם, נישט נאַטירלעך אין מויל פון פירשט קאַסאַטסקי, אַ מענטש פון 19-טן יאָרהונ-דערט. סיי פירשט קאַסאַטסקי, סיי טאָלסטאָי, סיי דער לעזער ווייסן אויסגעצייכנט, אַז מאַקאָווקינאַ איז נישט קיין שטן, נאָר פּראָסט-פּשוט אַ צעשויבערט פּראָווינצער דאַמעלע, וואָס, אויב מ'וויל פון איר פּטור ווערן, איז גלייכער איר איינפאַך צו זאָגן: „גנעדיקע פרוי, לאָזט מיך צורו". אָדער נאָך גרעבער...

אמת, אין אַ יאָר אַרום נאָך דער געשיכטע אין קלויסטער, איז מאַקאָווקינאַ אַריינגעטראָטן אין „מאָנאַסטיר", און „האָט געפירט אַ שטרענגן קלויסטער-לעבן אונטער דער אָנפירונג פונם פרוש ארסעני". קלאָר, אַז לויט דער איבערצייגונג פונם קינסט-לער האָט אין איר זיך טאַקע געפונען אַ גרויסער טייוול, אָבער גלייכצייטיק נאָך אַ גרעסערער געטלעכער כוח, וואָס האָט איבער יענעם אָפּגעהאַלטן אַ נצחון. צום באַדויערן, האָבן מיר נישט די מינדסטע פאָרשטעלונג וועגן דער אינערלעכער וועלט פון דער מאַקאָווקינאַ. דעם אמת זאָג-נדיק, האָבן מיר זי נישט געזען, נישט אַלס וועלטלעכע קורטיזאַנע, נישט אַלס ומשובה-טוענדיקע בעל-עבירהניצע אין קלויסטער. די עקסטראַוואַגאַנץ, ווידער, אירע, וואָס זי קומט אין אַ פינסטערער נאַכט אין דער קאַמער פון אַן אומבאַקאַנטן מאַנאַך, באַווייזט נאָר אויף איר שגעון און מער גאָרנישט.

מיט איין וואָרט, פון וועלכער זייט מ'זאָל נישט צוגיין צו דער דערציילונג „פאָטער סערגיי", איז דער רעזולטאַט אַלץ דערזעלביקער.

אינגאַנצן דורכגעזאַפּט מיט אַ לאַנג אָפּגעשטאָרבענער אידעע, איז דידאַקטישע דערציילונג, אין קינסטלערישן זין אַן אויסערגעוויינלעך שוואַכע. אָנשטאָט דער לעבעדיקער טאָל-סטאָיאישער פּסיכאָלאָגיע, זעען מיר דאָ אַ גרויסע, אימעטיקע דאָגמע; אָנשטאָט בילדלעכער אַנטוויקלונג פון די כאַראַקטערן

און געשעענישן — קורצע פאַקטישע מיטטיילונגען; אָנשטאָט קונסט — געפּריידיקט אַסקעטיזם.

IV

אויף אַ נאָך נידעריקער קינסטלערישער מדרגה פון „פאָטער סערגעיי" שטייט „דער פאַלשער קופּאָן".

אין דעמדאָזיקן ווערק, — ווי עס ווערט, אגב, אויך געזאָגט אין דער נעבנבאַמערקונג, — האָט זיך טאָלסטאָי געשטעלט פאַר זיין אויפגאַבע צו באַווייזן די מערונג און אַנטוויקלונג פונעם שלעכטס, וואָס ווערט געבוירן דורך איין אוממאָראַלישע טאַט. דער מקור ראשון פונעם שלעכטס איז דאָרטן אַ פאַטאַלער פאַלשער קופּאָן, אין ווערט פון 12 רובל מיט פופציק קאָפּיקעס, וועלכן ס'האָבן געלאָזט אין גאַנג צוויי גימנאַזיסטען. דערדאָזיקער צרהדיקער קופּאָן ווערט עס דער צענטראַלער יסוד פון דער גאַנצער דערציילונג. אַרום אָט דעם קופּאָן גרופּירן זיך אַלע העלדן פון דער דערציילונג, האָבנדיק צו אים אַ דירקטע אָדער אומדירעקטע שייכות. אָפּהענגיק פון דער שייכות און באַציאונג, וואָס די מענטשן האָבן צום פאַלשן קופּאָן, איז אויך די גרויס און פאַרנעם פון זייערע מעשים און פאַרברעכנס.

בלויז *דער* קיצור פונעם סיוזשעט באַווייזט שוין אין אַ גענוגנדיקער מאָס, ווי די גאַנצע אויפגאַבע, דער גאַנצער איינפאַל מיטן „פאַלשן קופּאָן" זענען פרעמד דעם טאַלאַנט פונעם אויטאָר פון „מלחמה און שלום" און „אַננאַ קאַרענינאַ".

די גרויסע, וויכטיקע און ספּעציעלע אייגנשאַפט פון טאָלסטאָיס קינסטלערישן זשעני איז — דאָס טיפע געפיל פאַר דער רעאַליטעט, דאָס אינטואיטיווע און באַוווּסטזיניקע באַגרייפן *דאָס*, וואָס איז אין פאַרשידענע לעבנס-פּראָצעסן קאָמפּליצירטער, רייכער, דינער און פאַרשידנאַרטיקער, איידער עס איז בכוח אויפצופאַסן און פאַראַלגעמיינערן די מענטשלעכע אויפנאַמסקראַפט און דער איינזייטיקער מענטשלעכער פאַרשטאַנד.

דערפאַר שפּירט זיך אין די אמת-קינסטלערישע שאַפונגען פונם מייסטער אַן אָנגעשטרענגטער, אומאויפהערלעכער פאַרלאַנג אויפצוכאַפּן אַלע פאַרבאָרגענע, מיט מי און אָפט מיט טיפעליידן דערגרייכבאַרע, שייכותן, וואָס שטעלן פאָר דעם לעבעדיקן תוך און וואָס באַווייזן, אַז באמת עקזיסטירט נאָר דאָס, וואָס האָט זיין געשיכטע. עס שפּירט זיך, אַז טאָלסטאָי האַלט זיין שעפערישע פאַנטאַזיע פעסט אין באַשטימטע גרענעצן און גיט איר נישט די פרייהייט אַריבערצושפּרינגען איבער די רעאַלע ריגעןן און אַרומבלאָנקען זיך אין דער פוסטקייט.

אַן אַבסאָלוטער, עפּעס ווי אַ ספּעציעל געשאַפענער קעגנזאַץ דערצו, איז דער בוי און די אויספירונג פונם „פאַלשן קופּאָן".

אין דעמדאָזיקן ווערק איז נישט פאַראַן קיין איין מער אָדער ווייניקער קלאָר געצייכנטער כאַראַקטער, נישטאָ אויך קיין פאַקטישע אַנטוויקלונג פון די געשעענישן. די פאַרבינדונג צווישן די העלדן איז אַ ווירקלעכע, ווי עס איז נויטיק פאַר דער סכעמע. די מאַסע פאַרברעכנס און די גרויסע צאָל מאָרדן קומען-פאָר לויט דעם אומברחמנותדיקן ווילן פון דעם ערשטן מקור פונם שלעכטס — דעם „פאַלשן קופּאָן". פרידלעכע, שלום-ביתדיקע מענטשן ענדערן זיך אַבסאָלוט און ווערן פלוצלינג, ווי אין אַ פאַנטאַסטיש מעשהלע, פאַרוואַנדלט אין ראַפינירטע שווינדלערס און גזלנים. און נאָך דעם אַלעמען לאָזט זיך אויס, אַז דעם פייערלעכן נצחון האַלט-אָפּ דאָס אַבסאָלוטע גוטס. דער מערדער און אַפילו דער תלין ווערן, ווידער פלוצלינג, ווי דורך אַ נס, דורכגעדרונגען מיט דער עוואַנגעליע, און באַגרייפנדיק דאָס ערשטע מאָל דעם שורש פונם הייליקן שריפט, זענען זיי חוזר בתשובה, באַטירלעך, אין דער טאָלסטאָיאישער אויפפאַסונג.

לייענענדיק דעם „פאַלשן קופּאָן" זעסטו באַשיינפערלעך אין קוקסט זיך צו מיט אַ טיפן באַדויערן, ווי די טרוקענע, איינזייטיקע, שכלדיקע דאָגמע שפּילט די ראָל פון אַ דלילה,

וואָס גולט צו דעם כּוח און קראַפט ביי איינעם פון די ערשט-קלאַסיקע קינסטלערישע זשעניען אין דער וועלט.

V.

פון די לעצטע מאָראַליזירנדיקע ווערק צייכנט זיך אויס „דער לעבעדיקער מת" מיט דער קלענסטער טענדענציעזקייט.

דאָ האָבן זיך צונויפגעטראָפן פּנים אל פּנים עטלעכע באַזונדערע טאָלסטאָיאישע שטאַנדפּונקטן, וועלכע — ווי דאָס קומט תּמיד פאָר אין דער לערע פונם יאַסנאַ-פּאָליאַנער מאָראַליסט — זענען זיך סותר אויפן סאַמע שאַרפסטן אופן. אָבער ווי מאָדנע ס'זאָל נישט קלינגען, — האָבן דווקא די קעגנזייטיקע סתירות, צעשטערנדיק די איינזייטיקייט פון דער פאַרשטייפטער דאָגמע, אָפּגערוימט אַ שטיקל אָרט, וווּ עס זאָלן זיך באַווייזן די קינסט-לערישע שטריכן.

ווי באַקאַנט, האָט אַלס סיוזשעט פאַרן „לעבעדיקן מת" געדינט אַ ווירקלעך פאָרגעקומענע מעשה, וואָס האָט דעם קינסלער איבערגעגעבן נ. וו. דאַווידאָוו, געוועזענער פאָר-זיצער פון מאָסקווער קרייז-געריכט. אייגנטלעך, איז די גאַנצע מעשה אַן אויסערגעוויינלעך בולטע אילוסטראַציע פון דער אומ-געלומפּערטקייט און אומפּראַקטישקייט פון דער חתונה-געזעצ-געבונג, וועלכע האָט פאַרלאַנגט אָפּענע פאַלשקייט אָדער זעלבסטמאָרד פון דעם מענטשן, וואָס נישט פילנדיק זיך בּיכולת צו געפינען און צו ברענגען גליק אין זיין פאַמיליע-לעבן, האָט ער געשאַפן אַ מעגלעכקייט פאַר זיין פרוי צו פאַרבינדן איר גורל מיט אַן אַנדער מענטש, מיט וועלכן, ווי מען זאָגט עס געוויינלעך, זי זאָל זיך פילן גליקלעך.

ס'איז בכן גאַנץ קלאָר, אַז די פאָדערונג פון פרייער ליבע — איז דער אידעאישער אונטערשלאַק פונם „לעבעדיקן מת".

אָבער דער, וואָס האָט זיך געגעבן די מי אַלזייטיק אויס-צופאָרשן טאָלסטאָיס באַציאונג צו חתונה און זיין קוק אויף דער פאַמיליע-פּראָבלעם, דער וועט זיך נישט קאָנען באַפרייען

פון דער צודרינגלעכער פראַגע, — ווי אַזוי-זשע האָט דער אומדערמידלעכער פריידיקער פון אַסקעטיזם געקאָנט מאַכן, און גאַנץ באַוווסטזיניק, פאַרן צענטראַלן פונקט פון דער דראַמע אַזאַ אידעע, וואָס הן אין זיינע טעאָרעטישע, טעאָלאָגישע טראַקטאַטן, הן אין אַ גאַנצע ריי קינסטלערישע ווערק, וואַרפט ער זי אַנטשידן אָפּ?

די טאָלסטאָיאישע עוואַנגעליע חזרט איבער דעם 31-טן און 32-טן פּסוק פון דער „באַרג דרשה", וועלכע לויטן: „ס'איז אויך געזאָגט: ווער עס וועט זיך פונאַנדערגיין מיט זיין פרוי, זאָל ער איר געבן אַ גט. און איך זאָג אייך: ווער ס'גט זיך מיט זיין פרוי, סיידן צוליבן חטא פון זנות, איז ער גורם זי זאָל מזנה זיין; און ווער ס'האָט חתונה מיט אַ גרושה, דער איז מזנה". הייסט עס, אָן קיין שום פּירושים, אַז טאָלסטאָי, וועלכער טרעט לחלוטין נישט אָפּ, אין דער פראַגע, פון דער פּראַוואָסלאַוונער קירך, פאַראורטיילט אַליין אויפן שאַרפסטן אופן די הויפּט-העלדן פון „לעבעדיקן מת" און באַרעכטיקט דערמיט פּריב-ציפּיעל, די באַשטימונג פון געריכט, וואָס האָט געפּסקנט אין פולן הסכם מיט די פאָדערונגען פון דער עוואַנגעליע און פון דער פּראַוואָסלאַוונער קירך.

אין טאָלסטאָיס שאַפונג זענען פאַראַן אַ גאַנצע ריי סתירות, וועלכע זענען, וואַרשיינלעך, דורך פּאַרביי זיין באַוווסטזיין. פונדעסטוועגן איז אומגלויבלעך, אַז אַהער זאָל אויך געהערן די אָקאָרשט אָנגעוויזענע סתירה. דער מחבר פון „אַננאַ קאַרעניגאַ", „קרייצער סאָנאַטאַ", דעם „טייוול", „פּאַטער סערגיי" און פון אַ גרויסער צאָל טעאָלאָגישע ווערק, ווו אַסקעטיזם און נישט-חתונה-האָבן ווערן אַרויסגערוקט אַלס לעצטער אידעאַל און די אומבאַדינגטע מאָנאָגאַמיע אַלס נויטיקער עטאַפּ צו זיין דערגרייכונג, — האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט נישט באַמערקן, אַז די מעשים פון פּראָטאַסאָוון, קאַרענינען און ליזען זענען אַבסאָלוט דער היפּוך פון זיין רעליגיע-לערע.

און ס'אונטערליגט נישט דעם מינדסטן ספק, אַז טאָלסטאָי

האָט זייער גוט געפילט און פאַרשטאַנען דידאָזיקע שרייענדיקע סתירה און האָט זיך באַמיט, ווי מיר וועלן עס ווייטער זען, מיט אַלע מיטלען, וואָס זענען געווען אין זיין רשות, זי צו פאַרטושן און צו פאַרגלעטן.

וואָס זשע, פרעגט זיך ווידער, האָט דאָך באַוויגן דעם קינסטלער זיך צו נעמען באַאַרבעטן אַזאַ סיוזשעט, וואָס זיין אינהאַלט איז אַ פשוטע אַפּלייקענונג פונם קאַרדינאַלן יסוד פון זיין גאַנצן לעבנסבאַנעם?

די מעשה איז, וואָס דער געריכטס-פּראָצעס, וועלכער איז געוואָרן דער באַזיס פון „לעבעדיקן מת", איז אַ דאַנקבאַרער סיוזשעט פאַר אַ נעגאַטיווער, קריטישער שילדערונג פון דער מאָדערנער יוסטיץ. דידאָזיקע זייט פון דעם אים דערציילטן פאַרגעקומענעם פאַקט האָט עס צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פונם פריידיקער-אינדיווידואַליסט, וואָס האָט געבויט זיין קריסטלעכן אַנאַרכיזם אויף דער ציטאַטע פון עוואַנגעליע: „משפט נישט, וועט איר נישט זיין געמשפט".

דאָס שטרעבן אַרונטערצורייסן דאָס געריכט, דאָס רעכט און דעם געזעץ אַלס אַזעלכע, — וואָס עס איז אין איינקלאַנג מיט זיין רעליגיע-לערע, — האָט אָפּגערוקט אין הינטערגרונט דעם וויכטיקן אומשטאַנד, וואָס די קריטיק פונם געריכט פאַלט גראַד צונויף מיט דער אָנערקענונג פון פרייער ליבע. דער 31-טער און 32-טער פסוק פון דער „באַרג-דרשה" זענען אַזוי אַרום געבראַכט געוואָרן אַ קרבן פאַר אַן אַנדערער עוואַנגעלישער דאָגמע.

די בולטקייט פון דערדאָזיקער סתירה איז אויך די סיבה פון דער צעצויגנקייט אין דער אַנטוויקלונג פון דער טעמע, פון דער אָפּגעריסנקייט און נישט פאַרענדיקטקייט פון די כאַראַקטערן און אַנגעצייכנטע סיטואַציעס. עס פילט זיך, אַז האָבנדיק געפּענטעטע הענט און פיס דורך די דערמאָנטע פסוקים פון עוואַנגעליע, איז דער מחבר געצוואונגען זיי צוליב, אַרויסצוטרייבן די ליידנשאַפט פון די באַציאונגען צווישן די געשלעכטער.

קאַרענינס ליבע צו ליזען און איר געפיל פון צוגעבונדענקייט צו אים — זענען בלייך, טרוקן, לאַנגווייליק און אָן אינהאַלט.

דער אייביקער מאַן קאַרענין איז ווי ספּעציעל באַשאַפן פאַר דער צוואַנגעלישער הייראַט אָן ליידנשאַפט, — ער איז נישט קיין לעבעדיקער מענטש, נאָר אַן אויסגעטריקנטער, גייענדיקער מת.

נישט אינטערעסאַנטער ווי קאַרענין איז די אָרימע ליזע, אַ פאַרבלאָז וועזן, — אָן אַן אינערלעכן אינהאַלט, — זי דערמאָנט אַ צווייט לאַנגווייליק באַשעפעניש — ליזען פון „טייוול“.

אין די באַציאונגען פון פּראָטאַסאָוון מיט מאַשאַן איז שוין יאָ פאַראַן אַ לעבנס-אָטעם. אָבער אויך דאָ האָט די שלעכטע דלילה מיט אירע צודרינגלעכע דערמאָנונגען וועגן די מאָנאַכישע הבטחות אָפּגעהאַלטן דאָס ברייטע פאַרמעסטן זיך פונם קינסטלערישן פענזל. פּראָטאַסאָיו שטרייכט אונטער עטלעכע מאָל זיין פּלאַטאָנישע באַציאונג צום געליבטן מיידל, געבנדיק צו פאַרשטיין, אַז די אמתע ליבע איז נישט קיין עולם-הזהדיקע און האָט גאָר קיין געמיינזאַמעס נישט, און דאַרף עס נישט האָבן, מיט ערדישער ליידנשאַפט. און מאַשאַ? דאָס לעבעדיקע, ריינע מיידל, וואָס האָט אָפּגעירשנט עטלעכע עיקרדיקע שטריכן ביי די פריערדיקע העלדינס פונם גרויסן שרייבער, פילט און ליידט ע ר ד י ש, מ ע נ ט ש ל ע ך. „שטאַרקער פאַר אַלע שלעסער איז מיין ליבע“. „איך וועל מיך פון דיר נישט אָפּקלעפּן. איך האָב מיך צוגעקלעפּט און שוין“. אַזוי כאַראַקטעריזירט מאַשאַ איר געפיל צו פּראָטאַסאָוון און דערמיט אויך זיך אַליין און איר ערנסטן נשמה-צושטאַנד. און וואָס ווייטער? די איינציקע, אין „לעבעדיקן מת“, לעבעדיקע פערזאָן, וואָס איז אָנגעצייכנט מיט קרעפטיקע טאָלסטאָיאישע שטריכן, איז פאַרבליבן נישט קיין פאַרענדיקטע. מיר ווייסן אפילו נישט, ווו מאַשאַ איז געווען און וואָס איז מיט איר פאָרגעקומען נאָכדעם, ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פּראָטאַסאָוו איז אַ מת נישט בלויז פאַר דעם גליקלעכן פאָרפאָלק קאַרענין, נאָר אויך פאַר דעם

הייסליבנדיקן, יונגן מיידל. פאַרוואָס איז עס אַזוי? דערפאַר, ווייל דאָס ערדישע גליק און די ערדישע טרערן אינטערעסירן איצט דעם קינסטלער-אַסקעט אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל זיי קאָנען דינען אַלס אַנטיטעזע, וועלכע מען מוז דורכגיין, כדי פולשטענדיק גובר צו זיין די וועלט און דערגרייכן די גלייכגילטיקייט פון דער נירוואַנע.

שאַפן ווידער פון דער ציגיינערין מאַשאַ אַן אָנהענגערין פון טאָלסטאָיס רעליגיע, ווי דאָס איז געמאַכט געוואָרן אין „תחית המתים" מיט יעקאַטערינאַ מאַסלאָוואַ, וואָלט בצוועו אַ נישט-אויספירבאַרע אויפגאַבע, און ס'וואָלט אונז צו וייט פאַרפירט צו באַטראַכטן דאָ די פילע סיבות פון דעם.

מאַשאַ איז דעריבער פאַרבליבן אַ נישט דערענדיקטע, צווייטראַנגיקע פיגור, וואָס נוצט בלויז אַלס מיטל אַרויסצוברענגען די אַסקעטישע שטימונגען, וואָס האָבן זיך דערוועקט אין פראָטאַסאָווס נשמה.

זעלנען מיר אַזוי אַרום דערגאַנגען צו פראָטאַסאָוון. ווער איז ער, אייגנטלעך, פראָטאַסאָוו? וואָס זוכט זיין אומרויק, קלאַפנדיק הארץ? מיט וואָס איז עס נישט צופרידן דערדאָזיקער „לעבעדיקער מת"?

אויף די אַלע פראַגן ענטפערט, קודם כל, ער אַליין אין אַן אָפנהאַרציקן שמועס מיט פיעטושקאָוון: „פאַר אונז אַלעמען, פאַר אַלע פון אונזער קרייז, פון דעם קרייז, אין וועלכן איך בין געבוירן געוואָרן, — זעגען פאַראַן דריי אויסוואַלן, נאָר דריי: אַ קאַריערע, מאַכן אַ פאַרמעגן, דאָס הייסט, פאַרגרעסערן נאָך דעם שמוץ, אין וועלכן דו לעבסט... דאָס איז מיר עקלהאַפט, קאָן זיין, ווייל איך האָב עס נישט געקענט, אָבער, דער עיקר, ס'איז מיר עקלהאַפט. דער צווייטער אויסוואַל — צעשטערן דעמדאָזיקן שמוץ; אויף דעם דאַרף מען זיין אַ העלד, און איך — בין נישט קיין העלד. און דער דריטער אויסוועג: פאַרגעסן זיך — טרינקען, הוליען, זינגען, דאָס טאָקע האָב איך געטאָן. און אָט צו וואָס איך בין דערגאַנגען".

דער, וואָס האָט נאָכגעפאָרשט דעם גאַנג און אויסגאַנג

אין דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון טאָלסטאָיס פּאָזיטיווע הויפּט־טיפּן — פון שטאַנד־פּונקט פון דער אינערלעכער לאָגיק און פּסיכאָלאָגיע פון זיין רעליגיע־לערע, יענער דערוצט קלאָר, אַז פּראָטאַסאָוו איז אַ לייבלעכער ברודער פון אירטעניעוון, אָלענינען, אַנדריי באָלקאָנסקי, פּירשט ניעכליודאָוו (פון „תחית המתים") א. אַז. וו. ד י אַלע אָנגעזעענע מענטשן דערגייען אויטערן דרוק פון פאַרשידענע באַדינגונגען און דורך פאַר־שידענע וועגען צום עקסטרעמען פּעסימיזם, צו דער נישטי־קייט פון דער וועלט, פאַרענדיקנדיק דעם פּראָצעס פון זייערע פּיינפולע זוכענישן ביים עוואַנגעלישן אַסקעטיזם און מיסטיק.

אין דערזעלבער ריכטונג באַוועגט זיך דאָס נשמהדיקע לעבן פון פּראָטאַסאָוון.

די קריטיק און קאַמף מיטן געריכט און געזעץ, וואָס האָבן געדאַרפט, לויטן מחבּרס מיין, ווערן דער צענטער פון דער דראַמע, האָבן געפאָדערט, אַז פּראָטאַסאָוו זאָל באַגיין זעלבסטמאָרד, צונעמענדיק אַזוי אַרום ביים קינסטלער די מעג־לעכקייט צו דערפירן זיין העלד צו דער עוואַנגעליע, ביי וועלכער ער איז שוין געווען גאָר נאָענט. דער איינציקער ליכטיקער פּונקט אין דעם פינסטערן תהום פון זיין לעבן איז געווען מאַשאַ, אָבער אויך ז י און איר שטאַרקע ליבע, שטעלן זיך אים פאָר איצטער, אין דער מינוט פון געטלעכער אַנט־פּלעקונג, ווי אַ פאַריבערגייענדיקע דערשיינונג אין פאַרגלייך מיט דער גרויס פון דעם באַוווסטזיין וועגן נאָענטן טויט. פאַר־לאָזנדיק די רעאַלע וועלט, דערגרייכט דער העלד פון דער דראַמע אין דעמדאָזיקן פייערלעכן מאָמענט דעם איבערמענטש־לעכן ביטול צום ערדישן לעבן, און דערקענענדיק דאָס גליק, וואָס שטעקט אין דער באַפרייאונג פון די קייטן פון זיין „חיהשער פּערזענלעכקייט", שטייט ער אויף תּחית־המתים. אין אַן ענלעכער גייסטיקער שטימונג און מיט דערזעלביקער אַסקע־טישער גלייכגילטיקייט צו נ אַ ט אַ ש אַ ן שטאַרבט אין „מלחמה און שלום" פּ י ר ש ט אַ נ ד ר יי.

פאַרפאָלגט אין משך פון זיין גאַנצן לעבן דורך דעם פּייניק־

דיקן שאָטן פֿון טויט און געפֿירט מיט אים אַ פֿאַרצווייפֿלטן קאַמף, האָט זיך טאָלסטאָי אַליין געגרייט רויק און פֿריידיק צו באַגעגענען די לעצטע מינוט. און ער האָט געצווונגען אייניקע פֿון זיינע העלדן איבערלעבן דעם באַוווסטזיין פֿונם אָנקום פֿון סוף, אַזוי ווי ער אַליין האָט וועגן דעם געטראַכט.

VI

אין פֿלוג, אינגאַנצן אומפֿאַרשטענדלעך און מאָדנע שטעלט זיך פֿאָר, צווישן די לעצטע ווערק, „כאַדזשי מוראַט". די סיוזשעט-אַנטוויקלונג פֿון דערדאָזיקער דערציילונג און איר העלד זענען שיעור נישט אַ געניוער, אַבסאָלוטער קעגנזאַץ צו די שטאַרק-טענדענציעזע ווערק פֿון די לעצטע דריי צענדער. און נישט בלויז צו די לעצטע, נאָר צו אַלע ווערק פֿונם קינסטלער בכלל, אָנהייבנדיק פֿון די ערשטע טריט פֿון זיין שעפֿערישער טעטיקייט:

דער ספּעציפֿיש טאָלסטאָיאישער עלעמענט האָט זיך אַרויסגעוויזן מיט אַ נישט דער ערך גרעסערער באַשטימטקייט אין די „קאָזאַקן", „קינדהייט", „יינגלשאַפֿט" און „יוגנט", איידער אין דער נייער קאַווקאַזישער דערציילונג, וואָס איר הויפּטהעלד — וועלכער האָט בלי ספֿק געוווּנען דעם קינסטלערס סימפּאַטיע — איז אַן אַוואַנטוריסט, וואָס שלאָגט זיך דורך זיין וועג אין לעבן איבער מענטשלעכע גופֿים. וואָס איז דאָס אַזוינס? מיט וואָס דערקלערט מען דידאָזיקע משונהדיקע דערשיינונג?

דעם 31-טן אויגוסט 1902 האָט לעוו ניקאָלאַיעוויטש געשריבן צו טשערטקאָוון: „איך שרייב נאָך אַלץ „כאַדזשי מוראַט" — איך שטיף". אָט די שטיפֿעריי, דאַכט זיך, איז נישט דערלאָזבאַרע פֿונם שטאַנדפּונקט פֿון אויטאָר פֿון „ווידוי" און „מלכות שמים". איז פֿונדעסטוועגן נישט געווען בלויז אַ קאַפּריז פֿון דעם דיכטערס נשמה, זי האָט זיך געצויגן אַכט יאָר*). אין משך פֿון

*) די דערציילונג „כאַדזשי מוראַט" איז אָנגעהויבן געוואָרן אין 1896 און פֿאַרענדיקט אין 1904.

דעם צייט-פּעריאָד האָט דער קינסטלער, נאַטירלעך, געאַרבעט, ווי תּמיד, מיט אַ פיבערהאַפטער אָנשטרענגונג איבער אַ סך אַנדערע ווערק און האָט אָפּגעלייגט דאָס פאַרענדיקן די צווייטע קאָוקאַזישע דערציילונג. אָבער „כאַדזשי מוראַט" איז נישט פאַר-געסן געוואָרן, אדרבא, ער האָט כסדר קיין מנוחה נישט גע-געבן דעם יאַסנאַ-פּאָליאַנער פריידיקער פון נישט-אַנטקעגנשטעלן זיך, אָנרירנדיק, וואַרשיינלעך, געוויסע סטרונעס אין דער גרוי-סער און צעצוויטער נשמה פונם מעכטיקן שרייבער.

אין די באַמערקונגען צום דאָזיקן ווערק לייענען מיר:

„דעם 19-טן יולי 1893, זייענדיק צוגאַסט אין פּיראָגאָוואָ ביים ברודער סערגיי ניקאָלאַיעוויטש, האָט ל. נ. טאָלסטאָי געמאַכט אין זיין טאָג-בוך פאָלגנדע נאָטיץ: „נעכטן גיי איך אַרום אויף דעם פאַרמלתּמהדיקן שוואַרצערדיקן פעלד. ווי ווייט דאָס אויג דערגרייכט, זעט זיך גאָרנישט, אַ חוץ שוואַרצע ערד, נישטאָ קיין איין גרין גרעזעלע; און פּלוצלינג ביים ברעג פון שטוי-ביקן, גראָען וועג אַ קוסט פון שטעכעלקעס. דריי צווייגלעך, איינס אַ צובראָכנס און דאָס ווייסע, פאַרשמוצטע בלימל הענגט; דאָס צווייטע איז אויך צובראָכן און פאַרשפּריצט מיט בלאָטע, דאָס שוואַרצע שטענגל איז איינגעבראָכן און פאַרשמוצט; דאָס דריטע צווייגל שטעקט אין אַ זייט, אויך שוואַרץ פון שטויב, אָבער עס לעבט און אין מיטן רויטלט זיך עס נאָך. עס דערמאָנט אָן „כאַדזשי מוראַט". ס'ווילט זיך אָנשרייבן. עס ראַנגלט זיך מיטן לעבן ביז דער לעצטער מינוט, איינער אַליין אין גאַנצן פעלד, און האַלט-אויס, כאָטש ווי עס איז, אָבער עס האַלט-אויס".

דער פאַראייביקטער אין טאָג-בוך וואָרצל איז געוואָרן דער העלד פון דער הקדמה צו „כאַדזשי מוראַט", וואָס איז פול מיט קראַפט און דיכטונג. דער דיכטער גיט דאָרטן אָפּ אַ לויבגעזאַנג דעם אומגעלומפּערטן געוויקס דערפאַר, וואָס ער פירט אַ שרעקלעכן און גרויזאַמען קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ. טאָלסטאָי פירט דערביי דורך אַ פּאַראַלעל צווישן דער גראָבער, ווילדער קראַפט פון כ אַ ד ז ש י מ ו ר אַ ט און דעם שטעכיקן דאָרן. וואו-זשע איז אָהינגעקומען די עוואַנגעלישע, הייליקע

„ווידערשטאַנדלאָזיקייט" און מיט וואָס דערקלערט זיך די סימפּאַטיע פונם שפּעטער פון קאַראַטאַיעוון, אַקימען, און אַליאָשקאַ גאָרשאָק צום טיפּיש ניטשעאַנישן איבער-מענטש כאַדזשי-מוראַט?

דער תירוץ ליגט דערין, וואָס די עיקרדיקע פּונקטן אין דער פּסיכאָלאָגיע פון טאָלסטאָיס לערע זענען: עקסטרעמער אינדיווידואַליזם, ליידנשאַפטלעכע, קרענקלעכע שטרעבונג צום ניש-באַוווסטזיניקן און — ענג פאַרבונדן מיטן לעצטן מאָמענט, — עקל צו דער קולטור. כאַדזשי מוראַטס כאַראַקטער, פּסיכיק, פּרימיטיווקייט פון דער נאַטור און אומבאַוווסטזיניקייט, וועלכע אַנטשפּרעכן די אָנגעוויזענע שטריכן פון דער טאָלסטאָיאישער לערע, האָבן געמוזט דערוועקן אַ טיפן מיטגעפיל ביים רעפלעקטירנדיקן קינסטלער, וואָס האָט געזוכט די פאַרלוירענע האַרמאָניע פון דער נשמה אין מיסטישער פאַרגעסנהייט.

און ווי פּאַראַדאָקסאַל ס'זאָל זיך נישט אויסווייזן דאָס פאַרגלייכן דעם „געהאָרכזאַמען" אַליאָשקאַ גאָרשאָק מיט כאַדזשי מוראַט, איז אָבער דאָך פאַראַן צווישן די צוויי יצירות פון דעם קינסטלערס שעפערישער פאַנטאַזיע אַ וועזנטלעכע ענלעכקייט. דער שיעור באַוווסטלאָזער אַליאָשקאַ גאָרשאָק, וואָס שפּירט כמעט אינגאַנצן נישט זיין אייגענעם „איך", עקזיסטירט אַן אויפגעלעזטער אינם אַלגעמיינעם, אינם כלל. מיט דעמזעלבן פּרימיטיוון באַוווסטזיין צייכנט זיך אויך אויס כאַדזשי מוראַט, וועלכער ווירקט אונטערן דרוק פון זיין נאָך נישט אָנגעווירטן, נאָך נישט דיפערענצירטן אינסטינקט. אַליאָשקאַ גאָרשאָק איז שטענדיק גרייט אויסצופירן, אָן אַ פאַרוואָס, יענעמס פאַרלאַנג, אים איז פרעמד דער פּרינציפּ פון ווידערשטאַנדלאָזיקייט, נאָר ער איז מוכן ומזומן צו ווערן יעדערנס אַ קנעכט, סטיכיש, פריידיק, אָן דעם קלענסטן נאָכטראַכטן, אָן וועלכן עס איז שאָטן פון גובר זיין און אָנשטרענגן זיין מאָראַלישן ווילן. ראַנגלענדיק זיך, אין אומצייליקע קאַמפן, פאַר זיין לעבן און פאַר זיין פרייהייט, הרגענענדיק און אונטערשטעלנדיק זיין ברוסט אונטער די קוילן, טוט כאַדזשי מוראַט, פּונקט ווי

אַליאָשקאַ גאָרשאָק, דאָס, צו וואָס עס טרייבט אים אוממיטל־
באַר זיין נאַטור. ווי דער ערשטער אַזוי דער צווייטער — פילן
זיי זיך אין דער גאָלדענער תקופה פון גאַנצן, נישט צעריסענעם
באַוווסטזיין; ביידען זענען אומבאַקאַנט די מאַטערנישן פונם
דענקען, די סתירות פונם לעבן און די קאָנפליקטן פון מענטש־
לעכן ווילן, וועלכע קומען מיט דער אַנטוויקלונג פון קולטור
און געזעלשאַפטלעכן לעבן. דער פשטותדיקער, פרימיטיווער,
הייליקער אַליאָשקאַ גאָרשאָק און דער פרימיטיווער מערדער־
אַוואַנטוריסט כאַדשי מוראַט, — ביידע געפינען זיי זיך אויף
יענער זייט פון גוטס און שלעכטס — אין דעם זין, ווי די־
דאָזיקע קאַטעגאָריעס ווערן פאַרשטאַנען און דאַרפן פאַרשטאַנען
ווערן פון געזעלשאַפטלעכן שטאַנדפונקט.

שליסלעך זענען כאַדזשי מוראַט און אַליאָשקאַ גאָרשאָק ענלעך
איינער צום אַנדערן אויך אין דער, פאַר טאָלסטאָיען זייער
וויכטיקער, הינזיכט, וואָס יעדער פון זיי איז אַבסאָלוט גלייכ־
גילטיק צום טויט.

פאַרבלייבנדיק מחוץ פון דעם קולטור־פּראָצעס, פריי פון
דעם מאַטערנדיקן זעלבסט־אַנאַליז, פילן זיי ביידע נישט און זע־
נען נישט משיג נישט די אָנשטרייאונג, נישט דעם אונטערגאַנג,
און דעריבער באַגעגנט סיי דער, סיי יענער, דעם טויט אָן
מורא און אָן באַדויערן, ווי אַ נייע פאַזע פון לעבן.

ווי איר זעט, איז די ענלעכקייט אַן ערנסטע, אַן עיקרדיקע
און דעריבער איז קלאָר, אַז דער אינטערעס פון טאָלסטאָיען
צו כאַדזשי מוראַטן איז נישט קיין צופעליקע און זי געפינט
זיך נישט אין אַזאַ בולטער סתירה צו די אַלגעמיינע אינדיווי־
דואַליסטישע און מיסטישע אידעען פונם פריידיקער פון „נישט
אַנטקעגנשטעלן זיך", ווי עס קאָן זיך אויסדאַכטן ביים ערשטן
אויבנאויפיקן בליק.

פונדעסטוועגן, נישט געקוקט אויף די באַרירונגס־פונקטן
אינם פסיכישן בוי פון כאַדזשי מוראַט מיט דער פסיכאָלאָגיע
פון דער טאָלסטאָיאישער לערע, האָט דער קינסטלער זיך געמוזט
פילן גייסטיק אומבאַקוועם, ווען ער האָט געאַרבעט איבער

דערדאָזיקער דערציילונג. וואָרים, ווי די מעשה זאָל נישט זיין מיט די ענדגילטיקע, אינערלעכע מאָטיוון און אינסטינקטיווע אָנרעגונגען, איז אָבער שילדערן מיט מילדע, סימפּאַטישע פאַרבן אַ מענטשן, וואָס האָט דערמאָרדונג געמאַכט שיעור נישט פאַר זיין פּאַך, נישט זייער קיין צוגעפּאַסטע אַרבעט פאַרן אומדערמידלעכן פריידיקער פונם געבאָט: „לא תרצח"!

די אָנערקענונג, אַז דאָס לאָזט זיך טאַקע נישט צונויפּ־פּאָרן, האָט נישט געקאָנט נ י ש ט ווירקן אַלס באַדייטנדע שטע־רונג — שוין אָפּגערעדט וועגן טאָלסטאָיס אַלגעמיינער באַציאונג צו קונסט — פאַר אַן אמת קינסטלערישער באַאַרבעטונג פון דעם אינטערעסאַנטן סיוזשעט פונם קאַווקאַזער לעבן. און כאָטש „כאַדזשי מוראַט" צייכנט זיך אויס, לגבי אַלע אַנדערע באַ־דייטנדע זאַכן פון די לעצטע ווערק, מיט גרעסערע קינסטלע־רישע מעלות — ליידט פונדעסטוועגן אויך דידאָזיקע דערציילונג פון אַן אויסערגעוויינלעכער צונויפגעפּרעסטקייט און נישט פאַר־ענדיקטייט. נישטאָ דאָ די געהעריקע אַנטוויקלונג פון דער פּסיכאָלאָגיע און פון די געשעענישן; נישטאָ די פריערדיקע טאָלסטאָיאישע דעטאַלן און די דינע ניואַנסן אין דער שילדע־רונג פון פּערזאָנען, מיליע און געשעענישן. עס זענען נאַטיר־לעך פאַראַן זייטן, וואָס אָטעמען מיט לעבן, ליידנשאַפט און קראַפט, וואָס באַווייזן, אַז זיי זענען אָנגעשריבן נישט פון קיין „ביכער־מענטש", נאָר פון אַ „מאַכט האָבנדיקן". אָבער בלויז ז י י ט ן זענען פאַראַן אַזעלכע. אַלס דער ריכטיקסטער קריטער־יום פאַר דער קינסטלערישער אָפּשאַצונג פון „כאַדזשי מוראַט" קאָנען דינען די „קאָזאַקן". פּרווו איבערלייענען, לעזער, נאָכ־אַנאַנד דיביידע קאַווקאַזישע דערציילונגען און וועסט באַלד דערזען דעם געוואַלטיקן אונטערשיד, וואָס שטעלט אַוועק די ערשטע דערציילונג פיל העכער. און „די קאָזאַקן" זענען דאָך איי־נע פון זיינע ערשטע ווערק, וואָס איז, הייסט עס, אָנגעשריבן געוואָרן אין יענער צייט, ווען דער געניאַלער שרייבער, אין שוין געווען, אמת, אַ פּאַרטיקער טאַלאַנט, ער האָט אָבער פונ־דעסטוועגן נאָך נישט באַהערשט די טעכניק אין אַ ז אַ מאָס,

ווי אין זיין רייפקייט-פּעריאָד אָדער ווי ביים סוף פון זיין באַרימט לעבן.

מיט איין וואָרט, די פאַרגליווערטע דאָגמע, איר מאַכט, וואָס האָט געלאָסטעט אויפן קאָפּ פונם קינסטלער, האָט אַרויפגעלייגט איר חותם אויך אויף „כאַדזשי מוראַט“.

פאַרענדיקנדיק דידאַזיקע ווייט-נישט פולע אפּהאַנדלונג, האַלט איך פאַר נישט איבריק אויפמערקזאַם צו מאַכן אויף דעם אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנטן און זייער פיל אויפקלערנדיקן אומשטאַנד, וואָס אין אַלע לעצטע ווערק איז דער קינסטלערישער מאַטעריאַל געבליבן דער אַלטער. סיי די הויפּט-העלדן, סיי די צווייט-ראַנגיקע געהערן אַ ל ע צו דער פריצישער ספערע. די נייע וועלט פון קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטנישן, וועלכע האָט אַרויסגערופן צום לעבן אַזאַ גרויסע מאַסע נייע דערשיינונגען, וואָס האָט געשאַפן אַן אייגנאַרטיקע פּסיכאָלאָגיע, אידעאָלאָגיע, נייע טיפּן און נייע העלדן נישט נאָר אין מערב-אייראָפּע, נאָר אויך אין רוסלאַנד, — אָט אָ די וועלט איז געבליבן אינגאַנצן ערגעץ אויסערן עסטעטישן בליק פונם געניאַלן שטייגער-שרייבער פונם פריצישן שטאַנד. די פאַרשטייער פון קאַפּיטאַליזם זענען געבליבן פאַר טאָלסטאָיען, אין משך פון זיין גאַנצער שעפערישער טעטיקייט, מענטשן נישט פון דער ערשטער מדרגה, פאַראַכטעטע, נישט-אָנזעעוודיקע טיילן פון דער מאַסע, וואָס שטעלן נישט פאַר קיין אינטערעס פאַר אמתער קינסטלערישער שאַפונג, טראָץ דער פריידיקונג פון צוואַנגעלישער גלייכהייט. ס'האָט אויך נישט בעסער אָפּגעשניטן דער אַרבעטער. אין די זייער און זייער זעלטענע פאַלן, ווען אויף דער סצענע באַווייזט זיך דער אַרבעטער, קומט ער אָן צפּעס פון אַ זייט און תמיד שכּור, מיט אַ האַרמאָשקע א. ד. ג.

די פולשטענדיקע אינערלעכע אָפּגעפרעמדקייט פון דער באַדערנערווירקלעכקייט מיט איר רייכן אינהאַלט, די אָפּגעשטאַנענקייט פון די אויפגאַבן, שטרעמונגען און אידעאַלן פון דער עפּאָכע, האָבן געבראַכט מיט זיך וואָס ווייטער אַלץ אַ גרעסערע אָרימקייט אינם קינסטלערישן אינהאַלט.

דידאַקטישע אַרימקייט האָט זיך אַרויסגעוויזן באַזונדערס שאַרף אין די לעצטע שאַפונגען, אין וועלכע ס'איז אייגנטלעך פאַראַן גאַנץ ווייניק נייס.

אָבער, נישט געקוקט אויף אַלע באַדייטנדיקע פעלערן און ערנסטע חסרונות, מאַכן די לעצטע שאַפונגען, אין אַלגעמיין גענומען, אַ שטאַרקן, אַפּפּרישנדיקן איינדרוק, בפרט ווען מ'שטעלט זיי אַנטקעגן אונזער ליטעראַטור פונם לעצטן פעריאָד.

ערטערווייז און כמעט אין אַלע ווערק קוואַלט אַ קרעפּטיק, יוגנטלעך, ברויזנדיק לעבן, עס פילט זיך ווי דעם קינסטלערס דופּק קלאַפּט פאַרשטאַרקט, עס פילט זיך אַ וואַכזאַמקייט און אומרויקייט פון גייסט, אַ מעכטיקער, פרייער שעפערישער שוווּנג און אַן אומבאַגרענעצטע הערשונג פונם מייסטער איבער זיין אָביעקט.

דער קינסטלער קאָן, און, אין תּוך גענומען, וויל ער שאַפן עסטעטישע ווערטן, נאָר די דאָגמע פאַרווערט עס.

אָט אין דעם אייגנאַרטיקן קאָנפליקט, וואָס האָט, דאַכט זיך, אין דער געשיכטע קיין ביישפּיל נישט, ליגט די טיפסטע גייסטיקע דראַמע, וועלכע דערמאָנט מיט איר פּאַטאָס כאַראַקטער געטעס ווערטער, וואָס כאַראַקטעריזירן „טאָרקוואַטאָ טאַסאָ“:

Es liegt um uns herum
Gar mancher Abgrund
Den das Schiksal grub:
Doch hier im unserem Herzen ist der tiefste.*)

*) אַרום אונז זענען פאַראַן גענוג אָפּגרונטן, געגראָבענע דורכן גורל, נאָר דער טיפסטער תּהום איז ד ע ר, וואָס אין אונזער אייגן האַרץ.

ו. מ. פריטשע

ל. נ. טאָלסטאָי

ל. נ. טאָלסטאָי איז געווען אַ פאָרשטייער און אַ פּראָדוקט פון אַ באַשטימטן קלאַס — דאָס פריצנטום, אָדער — גענויער — פון אַ באַשטימטער גרופּע פון דאָזיקן קלאַס, פון דער יחוסדי־קער „פעאָדאַלער” אַריסטאָקראַטיע, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון דער נאַטוראַל־ווירטשאַפט און פון לייבאייגנטום. זיין דענקען און שאַפן, זיינע עטישע און סאָציאַלע אידעאַלן זענען געווען, קודם כל, פאָראויס באַשטימט דורך זיין אָנגעהעריקייט צו אָט אָ דער גרופּע — צו דער שטאַם־אַריסטאָקראַטיע פונם פריצישן טיפּ. אַזוי ווי דער גאַנצער קלאַס, אַזוי האָט די סאָציאַלע גרופּע, באַזונדערס, איבערגעלעבט אין דער צווייטער העלפט 19-טן יאָרהונדערט אַ קריזיס, אַ קאַטאַסטראָפע. די נאַטו־ראַל־ווירטשאַפט האָט אָנגעהויבן אָפּשטאַרבן. עס האָט זיך גע־נומען אַנטוויקלען דער קאַפּיטאַליזם. דער שטאַם־יחוס האָט פאַרלוירן זיין פריערדיקע קולטורעלע און סאָציאַלע באַדייטונג און האָט אָנגעהויבן דורכמאַכן אַן עוואָלוציע צו דער ביוראָ־קראַטיע און בורזשואַזיע. עס האָט אָנגעהויבן פונאַנדערפאַלן די אַריסטאָקראַטישע פּסיכיק און די אויף איר געבויטע אַריס־טאָקראַטישע קולטור. און דעמזעלבן קריזיס, ווי די אַריסטאָ־קראַטיע, האָט אויך איבערגעלעבט, אונטערן דרוק פון וואַקסנ־דיקן קאַפּיטאַליזם, דאָס פּויערטום. נייע קלאַסן זענען אַרויס־געטרעטן אויף דער סצענע און האָבן אָנגעהויבן דעראָבערן דאָס לעבן — די בורזשואַזיע, דער פּראָלעטאַריאַט. עס האָט שוין אָפּגעלעבט דאָס אַלטע, נאַטוראַל־פעאָדאַלע רוסלאַנד, — דאָס „פּאַטריאַרכאַלע”, „אַזיאַטישע”, — ס'האָט געהאַלטן אין ווערן

דאָס נייע — שטאָטישע, בורזשואַזע, פּראָלעטאַרישע — דאָס אייראָפּעאישע רוסלאַנד.

דער קריזיס פון דער נאַטוראַל-ווירטשאַפט און פון פעאָדאַלן קלאַס — דאָס איז דער צווייטער און וויכטיקסטער פאַקטאָר, וואָס האָט פאַראויס באַשטימט דעם אינהאַלט פון דער לערע און שאַפונג פון ל. נ. טאָלסטאָי.

1

נאָך פ א ר דער רעפאָרם פון 1861, איז די גוטבאַזיצעריש-פּריצישע אָרדנונג, וועלכע איז אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון דער נאַטוראַל-ווירטשאַפט און פון לייבאייגנטום-רעכט, געווען פולשטענדיק פאַראורטיילט. און פונדעסטוועגן האָט זי אין די אויגן פון אירע בעסטע פאָרשטייער נישט אויפגעהערט אויסצוזען ווי עפּעס אַ סאָציאַלע אידיליע, וואָס שטייט אין „מאָראַלישער" הינזיכט העכער, איידער דער אָנקומענדיקער כאַאָס פון די געלט-באַציאונגען און פון קאַפּיטאַליסטישער קאָנקורענץ. אין 1852 פּלאַנט דער יונגער טאָלסטאָי אָנצושרייבן אַ ראָמאַן „דער רוסישער פּריץ", אין וועלכן דער העלד וואַרפט אַוועק דעם אוניווערסיטעט, כּדי צו העלפן זיינע פּויערן, וועלכע „גאָט האָט אים איבערגעגעבן אונטער זיין השגחה", און ער העלפט זיי מיט עצות און מיטלען, ער צוימט-איין דעם „קולאַק". שפּעטער, אין 1856 זאָגט זיך טאָלסטאָי אָפּ פון דעם פּלאַן און ער שרייבט „דעם פּריצס פרימאָרגן", ווו עס טרעט נאָך מער אַרויס, אין די באַטראַכטונגען און טרוימען פונם העלד, די פּאַטריאַרכאַלע, פּריציש-פּויערישע אידיליע, אַזוי ווי ס'האָט געטרוימט וועגן איר דער פּריץ-פּעאָדאַל.

„...ער האָט געזען פאַר זיך אַ גרויס געביט פאַרן גאַנצן לעבן, וועלכן ער וועט ווידמען אויף גוטס צו טאָן. ער פאַרמאָגט פּויערן. און סאַראַ גליקלעכע, דאַנקבאַרע אַרבעט איז עס... ראַטעווען זיי פון אָרימקייט, געבן זיי פאַרגעניגן, געבן זיי בילדונג, אַנטוויקלען זייער מאָראַלישקייט.

און דעם פריצס פרוי —

...אין אַ פראָסט, ווייס קלייד גייט זי איבער דער בלאָטע אין דער פויערישער שול, אין שפּיטאָל, צו אַן אומגליקלעכן פויער און אומעטום טרייסט זי, העלפט זי".

די ראָמאַנען, וואָס עס האָט פּראָיעקטירט דער יונגער טאָלסטאָי וועגן דעם פּאַטריאַרכאַלן האַר-פּריץ, דעם פּאַרזאָרגער און דערציער פון די פויערן, וועלכע „גאָט האָט אים איבערגעגעבן אונטער זיין השגחה", זענען נישט פאַרענדיקט געוואָרן, וואָרים דער רעאַלער באָדן האָט זיך אַלץ מער אַרויס-גערוקט פון אונטער דערדאָזיקער סאָציאַלער אידיליע, וועלכע איז אויסגעטראַכט געוואָרן פון אַ פּריץ-פעאָדאַל, ווי אַ מיטל אָפּ-צוווענדן די אומפאַרמיידלעכע קאַטאַסטראָפע.

נאָך דער קרימער קאַמפּאַניע האָט זיך ענערגיש אַוועקגעשטעלט די פראַגע וועגן דער באַפרייאונג פון די פויערן. טאָלסטאָי האָט באַאַרבעט אַ פּראָיעקט וועגן דער באַפרייאונג פון זיינע פויערן, און זומער 1856 האָט ער זיי צונויפגענו-מען אויף אַ פאַרזאַמלונג און פאָרגעלייגט זיין פּלאַן. און ס'איז געשען אַ זאַך, ממש „נישט צו באַגרייפן". די פויערן האָבן אויף זיין פּראָיעקט נישט מסכים געווען. ער האָט גיך אָנגע-שריבן — אויף יעדן פאַל — אַ באַריכט צום הויפּטפאַרוואַלטער פון דער קייזערלעכער קאַנצעלאַריע בלודאָוון, (דעם מעמאָריאַל האָט ער אין דער אמתן נישט אָפּגעשיקט) אין וועלכן ער דערציילט וועגן זיין פיאַסקאָ.

„צו מיין פאַרוווּנדערונג האָבן זיך די פויערן אָפּגעזאָגט און נאָך ווי מיט חוזק געפרעגט, צי וועל איך זיי נישט אָפּגעבן אויך מיין גאַנצע ערד".

דאָס, וואָס פאַרן פּריץ-פעאָדאַל איז אויסגעקומען „אומ-באַגרייפלעך", איז שפּעטער געוואָרן קלאָר אויך פאַר אים.

„אין מיינע ווערטער און פאָרשלאָגן (זאָגנדיק, אַז זיי זענען גליקלעך מיט מיר) האָבן זיי בלויז געזען אַ פאַרלאַנג זיי אָפּצונאַרן, צו באַגנבנען. זיי זענען פעסט איבערצייגט, אַז בעת דער קאָראָנאַציע וועלן אַלע לייבאייגענע באַקומען פרייהייט,

און זיי רעכענען אַז מ'וועט זיי געבן ערד און אפשר טאַקע די גאַנצע פּריצישע".

די סאָציאַלע אידיליע האָט אַרויסגעוויזן אַלע סימנים פון אַ קלאַסנקאַמף — צוליב ערד.

און אויב די פּויערן זענען געווען „פעסט איבערצייגט", אַז די גאַנצע ערד איז זייערע, איז דער פּריץ געווען פּונקט אַזוי „פעסט איבערצייגט", אַז זי איז אינגאַנצן זיינע. אין דעם דערמאָנטן מעמאָריאַל צו בלודאָוון פירט טאָלסטאָי דורך עקשנותדיק דעם געדאַנק, אַז די „היסטאָרישע גערעכטיקייט" פאַרלאַנגט, מ'זאָל אָנערקענען די ערד דווקא אַלס אייגנטום פון די פּריצים און מ'זאָל די פּויערן באַפרייען אָן ערד.

באַפרייען די פּויערן אָן ערד האָט געהייסן, שאַפן אַ פּראָלעטאַריאַט און — ווי משונהדיק דאָס זאָל נישט זיין, ווי אומפאַרשטענדלעך, — האָט טאָלסטאָי פּלוצלינג, אין 1856, אָנגעהויבן צו פאַרטיידיקן די „אידעען פון פערטן שיכט" — ווי לאַסאַל פּלעגט זיך אויסדריקן.

„אַ פּראָלעטאַריאַט! יאָ, אָבער צי איז איצטער נישט ערגער, ווען דער פּראָלעטאַריער איז פאַרבאָרגן און שטאַרבט פון הונגער אויף זיין ערד, וועלכע וועט אים נישט דערנערן".

און ווייטער קומען אַזעלכע בלי ספק אָריגינעלע, דרייסטע און לחלוטין נישט טאָלסטאָיאישע געדאַנקען:

„די געשיכטלעכע דערשיינונגען, וועלכע ס'האָט אַרויסגערופן דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט דורכגעפירט רעוואָלוציעס און נאַפּאָלעאָנס (!) האָבן נאָך נישט געזאָגט זייער לעצט וואָרט, און מיר קאָנען נישט משפטן וועגן אים, ווי וועגן אַ פאַרענדיקטער היסטאָרישער דערשיינונג".

און דערנאָך, אין קלאַמערן:

„גאָט ווייסט, צי איז ער נישט אַמאָל דער יסוד פאַר דער ווידעראויפלעבונג פון דער וועלט צו פרידן און פרייהייט".

די באַדייטונג פון דעמדאָזיקן וווּנדערבאַרן, — נביאישן — געדאַנק ווערט, ליידער, פאַרקלענערט דורכדעם, וואָס ער איז געבוירן געוואָרן דורכן אַזאַרטישן פאַרלאַנג פון אַ פּריץ איינצו-

האַלטן די גאַנצע ערד פאַר זיך, — און דעריבער, ווען דער פּראָלעטאַריאַט איז שוין אַרויסגעטרעטן אויף דער אַרענע, האָט טאָלסטאָי ווענן דעמדאָזיקן, אַמאָל דורך אים אַרויסגעזאָגטן געדאַנק, גדינטלעך פאַרגעסן.

אויב אין דעם מעמאָריאַל צו בלודאָוון טרעט אַרויס גענוג קלאָר טאָלסטאָיס קלאַסן-פּאָזיציע, איז אין „מלחמה און שלום", — אַ ראָמאַן, וואָס איז אָנגעשריבן אין די 60-ער יאָרן, מאָטיווירטער — לכל הפּחות, דורכן מויל פון די צוויי הויפּט-העלדן, יענע, וואָס זענען אים נענטער איידער אַנדערע, — אויב זיי זענען נאָר נישט קיין קינסטלערישע אָביעקטיוויזאַציעס פון צוויי זייטן פון זיין נאַטור, מאָטיווירט ער די באַפרייאונג פון די פויערן נישט מיט דער טובה פון די פויערן גופא, נאָר צוליב דער מאָראַלישער טובה פון די פּריצים. ווען פּ י ע ר בעזאוכאָוו וויל באַפרייען זיינע פויערן כדי צו באַרויקן זיין געוויסן, לאָזט זיך פירשט באָלקאָנסקי פאַנאַנדער אינם שמועס מיט אים מיט אַזאַ טיראַדע:

„— נו, אָט ווילסטו באַפרייען די פויערן. דאָס איז זייער גוט: אָבער נישט פאַר דיר, און נאָך ווייניקער פאַר די פויערן. אַז מ'שלאָגט זיי, מ'הרגעט זיי, מ'פּאַרשיקט זיי קיין סיביר ווערט זיי, רעכן איך, גאָרנישט ערגער דורכדעם. ער פירט אין סיביר דאָסזעלבע חזירשע לעבן, די וווּנדן אויפן לייב ווערן זיך פאַרהיילן און ער איז פּונקט אַזוי גליקלעך, ווי ער איז געווען פריער. ווייסטו פאַר וועמען דאָס איז נויטיק, פאַר י ע נ ע מענטשן, וואָס קומען-אום גייסטיק, וואָס האָבן חרטה און דערנאָך דערשטיקן זיי די חרטה-געפילן און ווערן פאַרגרעבט דערפון, וואָס זיי האָבן אַ מעגלעכקייט צו שטראָפן גערעכט און אומגערעכט. אָט וועמען איך באַדויער — די מענטשלעכע ווירדע, די רויקייט, די ריינקייט, און נישט זייערע פּלייצעס און שטערנס, וועלכע וויפיל זאָלסט נישט האַקן און בראָקן, ווערן זיי אַלץ פאַרבלייבן דיזעלבע פּלייצעס און שטערנס".

און פּ י ע ר — אָנשטאָט אָפּצופרעגן, רופט ער בלויז אויס, אַלס תשובה:

„— ניין, ניין און טויזנט מאָל ניין, איך וועל קיינמאָל מיט אייך נישט מסכּים זיין".

לאָמיר אָננעמען, אַז פירשט באָלקאָנסקי איז נישט אינגאַנצן טאָלסטאָי, און ווייניקער פאַר אַלץ אין דער דאָזיקער סצענע; לאָמיר אַפילו פאַרשרייבן די ווערטער וועגן שלאָגן, וועגן סיביר און וועגן חזירשן לעבן פון די פויערן אויפן חשבון פון דער בייסטיקער אויפגערעגטקייט, אין וועלכער עס האָט זיך דאַן געפונען דער אַמביציעזער פירשט, — אָבער די דאגה גופא וועגן דער מאָראַלישער טובה פונם פּריצישן קלאַס, און נישט וועגן דער מאַטעריעלער אָדער פיזישער טובה פונם קנעכטישן פויערטום, איז פולשטענדיק אין איינקלאַנג מיט דעם דאַמאָלס-דיקן טאָלסטאָי. ס'איז גענוג, אין דעם פאַל, זיך צו דערמאָנען די סצענע אין „קינדהייט, יינגלשאַפט און יוגנט" — וואָס האָט זיכער אַן אויטאָביאָגראַפישן אונטערשלאַק, — ווי ניקאָליענקא אירטעניעוו איז אָנוועזנד בעת אַ פּריץ שמייסט זיין לייב-קנעכט, קריגט ער דאַן מיטלייד נישט צום געשלאָגענעם קנעכט נאָר דווקא צום שלעגער, דעם פּריץ, וואָס מוז באַשווערן זיין נשמה מיט אַ גשוואַלטטאַט, מיט אַ זינד.

די רעפאָרם פון 1861 האָט ענדגילטיקט באַגראָבן די סאָציאַלע אידיליע, וואָס האָט זיך געחלומט דעם פּריץ-פּעאָדאַל. דער פּריצישער יחוס, צוזאַמען מיטן גאַנצן קלאַס, איז אָפּגע-שטופּט געוואָרן דורך דעם נייעם, אויפשטייגנדיקן קלאַס — די בורזשואַזיע — און איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין קרייז פון דער בורזשואַזערווירקלעכקייט. אין סך הכּל פונם דאָזיקן פּראָצעס איז געקומען — אַ בהדרגהדיקער איבערבוי פון דער אַריסטאָקראַטישער פּסיכיק און פון דער גאַנצער אַריסטאָקראַטי-שער קולטור. טאָלסטאָי האָט אויפגעדעקט און געשילדערט אָט דעם דעפאָרמאַציע-פּראָצעס פון דער פעאָדאַלער פּסיכיק און פעאָדאַלער קולטור, אָנשרייבנדיק נאָך „מלחמה און שלום" — „אַננאַ קאַרענינאַ". אין „מלחמה און שלום" געוועלטיקט נאָך סאָציאַל און קולטורעל דער קלאַס פון יחוסדיקער אַריסטאָ-קראַטיע. אַלץ זאָגט דאָרטן עדות וועגן דער שטאַרקייט און

זיכערקייט פון איר לעבנסשטייגער און פון איר פסיכאָלאָגיע, וועלכע אָווסיאַניקאָ-קוליקאָווסקי, אין זיין פּרעכטיקן ווערק וועגן טאָלסטאָיען, באַשרייבט אַזוי:

„דאָ געפינען מיר אי דאָס געפיל פון האַלטן זיך העכער פאַר אַנדערע שטערבלעכע בלויז צוליבן געהערן צום הערשנדיקן קלאַס, און אי אַ מין ביטול, וואָס קאָמפּליצירט דאָסדאָזיקע געפיל, און ווייטער אַ באַזונדערן באַגריף פון ערע און פליכט, וואָס מעסיקט עס און ברענגט עס אין גלייכגעוויכט, און אַ באַשטימטע ספּעציפישע אינערלעכע קולטור, אין וועלכער ס'האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן פיינע מאַנירן, אויסערלעכער גלאַנץ, געמיטלעכקייט, אַ געוויסע בילדונג".

אַזעלכע זענען אַלע באָלקאָנסקיס, די ראָסטאָווס, בעזאוכאָווס א. א. לגמרי אַן אַנדער בילד גיט „אַננאַ קאַרעני נאַ" (אָנגעשריבן אין די 70-ער יאָרן).

די באָלקאָנסקיס און די ראָסטאָווס ווערן דאָ פאַרטוישט דורך גראַף ווראָנסקי, דער לעצטער טרעגער פון דער אַלטער אַריסטאָקראַטישער קולטור, ביי וועמען די אַלע באַר-וואָס אָנגעוויזענע שטריכן פון דער פעאָדאַלער פסיכיק זענען שוין אָפּגעשטאָרבן און ווירקן בלויז מיטן כוח פון טראַדיציע, אינערציע, — זיי זענען געבליבן בלויז אַ פאָרם, פון וועלכער עס איז שוין אַוועק דער אַמאָליקער לעבעדיקער אינהאַלט. אויפן אָרט פון די פאָרשטייער פון דער אַריסטאָקראַטישער קולטור קומען-אָן ביוראָקראַטן, ווי קאַרענין און אַריסטאָקראַטן, וואָס פאַרוואַנדלען זיך אין בורזשועזן, ווי סטיווא אָבלאָנסקי (די אַלטע פעאָדאַלע פאָרם האָט זיך אָנגעפילט מיט אַ נייעם — ווי עס האָט גוט באַמערקט אָווסיאַניקאָ-קוליקאָווסקי — נישט אַריסטאָקראַטישן אינהאַלט). דער יורש פון ריוריקן, פירשט אָבלאָנסקי גרויסט זיך שוין נישט מער מיט זיין יחוס און איז גרייט צו אָנערקענען אַלס זיינע אבי-אבותיו — די מאַלפע. מיט אַלעמען איז ער אויף „דו", מיט אַריסטאָקראַטן, אַקטיאָרן, סוחרים, ער דרייט זיך אין אַ קרייז פון קאַפּיטאַליסטן — קאַרפּנקעס פון דער אייזנבאַן און באַנק-וועלט, — נישט קיין אומגליק,

אויב זיי זענען „זשידעס". ער לייענט שוין אַ ליבעראַלע צייטונג. זיין דעוויז איז — „לעבן, ד. ה. צופּאַסן זיך און אויף וויפיל ס'איז מעגלעך אויך לאָזן אַנדערע לעבן".

פון די באַלקאָנסקיס און ראָסטאָווס ביז צום ביוראָקראַט קאַרענין און צום זיך-צופּאַסנדיקן אָבלאָנסקי — אָט דאָס איז געווען די נויטווענדיקע עוואָלוציע פון דער שטאַם-אַריסטאָקראַטיע אין דער צווייטער העלפט 19-טן יאָרהונדערט, אין דער סביבה פון דער זעלבסטהערשנדיק-בורזשואַזער ווירקלעכקייט, וואָס האָט זיך דאַן אַנטוויקלט.

ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען, אין דערדאָזיקער נייער סביבה דאָס לעבן פון אַן אמתן פּריץ, וועלכער איז אויסגעהאָדעוועט געוואָרן אין דער אַטמאָספער פון דער נאַטוראַל-ווירטשאַפט, באַווייזט די געשטאַלט פון ליעווינען.

ליעווין איז פּונקט אַזאַ יחסן, ווי וראָנסקי און אין דער הינזיכט איז ער פּונקט ווי וראָנסקי אַ פולשטענדיקער קעגנזאַץ צו אָבלאָנסקין.

ס'געניגט איין סצענע אויף אָפּצושילדערן ביידן, ליעווינען און אָבלאָנסקין.

„אָבלאָנסקי. — פאַרוואָס האָסטו דאָס ריאַבינינען (אַ סוחר) נישט פאַרגעלייגט עפּעס אָפּעסן?

ליעווין. — כאַפּט אים דער טייוול!

אָבלאָנסקי. — אָבער, פונדעסטוועגן, ווי באַגייסטו זיך מיט אים, האָסט דאָך אים אַפילו די האַנט נישט געגעבן!

ליעווין. — אוודאי נישט. אַ לאָקיי גיב איך נישט די האַנט, און אַ לאָקיי איז הונדערט מאָל בעסער.

אָבלאָנסקי. — ביסט דאָך אַ שרעקלעכער רעאַקציאָנער! און די צונויפגיסונג פון די שטאַנדן!

ליעווין. — וועמען ס'איז אָנגענעם זיך צונויפצוגיסן, געזונטערהייט, מיך עקלט דאָס".

דערדאָזיקער פּריץ, וואָס האָט באַגרענעצט זיין האָריזאָנט מיט ווירטשאַפט און פאַמיליע, וועלכער איז נישט געוואָרן קיין ביוראָקראַט און קאָן זיך אויך נישט צופּאַסן, — ער איז, נא-

טירלעך, איינגאַנצן אַרונטערגעפאַלן דעם קריזיס, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט זיין קלאַס אין די געענדערטע באַדינגונגען, און דערדאָזיקער קריזיס פונם קלאַס שפיגלט זיך אָפּ אין אים אין דער פאָרם פון פיינלעכע געדאַנקען וועגן דעם, וואָס איז ער און צוליב וואָס לעבט ער — ער געפינט נישט קיין ענטפער און ער ווערט פאַרצווייפלט.

ליעווינס אינערלעכער קריזיס, אַלס אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם סאָציאַלן קריזיס פונם קלאַס, ענדיקט זיך, ווי באַקאַנט, דערמיט, וואָס עס שיינט פאַר אים אויף דאָס ליכט פון דער נייער לערע, וואָס זיין שעפער און גייסטיקער ברודער — טאָלסטאָי — ברענגט דער וועלט.

II

אַרויסטרעטנדיק אַלס „מורה-דרך", האָט טאָלסטאָי זיך נישט געקאָנט אָפּזאָגן פון דעם אַרט דענקען, וועלכער איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ פריץ-פעאָדאַל, און דערדאָזיקער אַרט דענקען איז געווען דער אַבסאָלוטער היפוך צום אַרט דענקען פון די נייע קלאַסן, וועלכע זענען אַרויסגעטרעטן אויף דער היסטאָרישער אַרענע. זיין דענקען, ווי דאָס דענקען פון יעדן פעאָדאַל, איז געווען אַ רעליגיעז-אויטאָריטאַטיווער. דעם גרונט-פּרינציפּ פונם אויטאָריטאַטיוו-רעליגיעזן דענקען האָט טאָלסטאָי אַליין אויסגעדריקט אין פאָלגנדיקע ווערטער:

„דאָס לעבן פון דער וועלט פירט זיך לויט עמיצנס ווילן. עמיצער טוט עפּעס מיטן לעבן פון דער גאַנצער וועלט און מיט אונזערע לעבנס. כדי צו האָבן די האָפנונג אויף צו פאַרשטיין דעם זין פון דאָזיקן ווילן, דאַרף מען פריער פאַר אַלץ מקיים זיין, וואָס ער הייסט".

אָט דער „עמיצער", דאָס איז „גאָט" — דאָס איז דער „באַלעבאָס" — ווי טאָלסטאָי פלעגט זיך אָפט אויסדריקן — דאָס איז אייגנטלעך אַ פריץ, וואָס איז דערהויבן געוואָרן פון אַ באַלעבאָס איבער זיין גוט — צו אַ באַלעבאָס איבער דער

גאַנצער וועלט. אין אַן ענגן צוזאַמענהאַנג מיט דעם אויטאָריטאַטיוו-רעליגיעזן דענקען געפינט זיך אויך טאָלסטאָיס אידעאַליזם אָדער בעסער געזאָגט, דער דואַליזם אין דער פראַגע פון גייסט און קערפער. די וועלט און דער מענטש צעפאַלן זיך ביי אים אין „גייסט" און „מאַטעריע", ווי אַן אָפשפיגלונג פונם קעגנזאַץ צווישן דעם באַלעבאָס-אָרגאַניזאַטאָר און די פויערן-אונטערטאַנען. און נאָר אין אַ פריציש-פעאָדאַלן הויף האָט זיך געקאָנט שאַפן דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַר טאָלסטאָיען איבערשאַצן דעם גייסט אויפן חשבון פון דער מאַטעריע, פון דער נשמה אויפן חשבון פונם גוף, וואָרים דער גרויסער מאַטעריעלער ווילשטאַנד האָט דאָ געגעבן אַ מעגלעכקייט זיך פולשטענדיק צו קאָנצענטרירן אויף די דאגות וועגן דעם ווילשטאַנד פונם גייסט.

אָט אָ דעמדאָזיקן כאַראַקטעריסטישן פאַרן פריץ-פעאָדאַל רעליגיעז-אויטאָריטאַטיוון און אידעאַליסטיש-דואַליסטישן אַרט דענקען האָט טאָלסטאָי — אין די 70-ער, 80-ער און 90-ער יאָרן — אַרויסגערוקט מיט אַ באַזונדער ענערגיע, ווי אַ מין קלאַסן-עמבלעם, ווי אַ מיטל צו קלאַסן-אָפגעזונדערטקייט, — בעת עס איז דערשינען די בורזשואַזיע און דעמאָקראַטיע, און שפעטער אויך דער פראָלעטאַריאַט, וועלכע האָבן מאַרשירט צו דעראָבערן דאָס לעבן און די מאַכט אונטערן צייכן פון וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז און מאַטעריאַליסטישער פילאָזאָפיע.

און פונקט ווי טאָלסטאָיס דענקען איז געווען דורכגעזאַפט מיט די טראַדיציעס פון דער נאַטוראַל-ווירטשאַפט און פעאָדאַלן שטייגער, אַזוי זענען אויך געווען זיין באַציאונג צו דער פראָבלעם פונם שלעכטס, וואָס עקזיסטירט אין דער געזעלשאַפט, זיין סאָציאַלע פילאָזאָפיע און סאָציאַלע פראַקטיק: אין אַן אַבסאָלוט-אַנדערער און קעגנזעצלעכער ווירקלעכקייט זענען אַריבערגעטראָגן געוואָרן באַציאונגען, געדאַנקען און געפילן אויסגעהאָדעוועטע דורכן פריצישן הויף. זיין אומאויפהערלעך פריידיקן, אַז דער ווילשטאַנד פון די מענטשן הענגט-אָפ פון זייער אינערלעכער פאַרפולקאָמונג, און נישט פון דעם ענדערן

די אויסערלעכע באַדינגונגען, איז געווען נישט נאָר אַ רעזול-טאַט פון זיין איבערשאַצן דאָס גייסטיקע אויפן חשבון פונם מאַטעריעלן, פון זיין רעליגיעזן אידעאַליזם, נאָר דאָס דרינגט אַרויס פון די היסטאָרישע באַדינגונגען פונם פּאַטריאַרכאַלן גוט-באַזיצער. אינעם לייבאייגנטימערישן הויף איז דער ווילשטאַנד פון די פויערן געווען, אָן ספק, אין אַ געוויסער מאָס, אָפּ-הענגיק פונם פּריצס מאָראַלישן צושטאַנד — איז ער געווען אַן אַכזר, איז די פויערן אויסגעקומען מער צו ליידן, ווי ווען ער איז געווען אַ גוטער און אַ ווייכער. אין די באַדינגונגען, בעת עס האָט עקזיסטירט דער נאַטוראַל-לייבאייגנטימערישער לעבנסשטייגער, האָט מען זיך געקאָנט ווענדן צו די פּריצים מיט אַ דרשה — זייט גוט, זייט גערעכטיק א. א. וו., וועט זיך פאַרבעסערן דער „אַלגעמיינער מצב פון די מענטשן" (פון אייערע „מענטשן").

אָט די דאָזיקע מאָראַל-סאָציאַלע פילאָזאָפיע, וועלכע איז געבוירן געוואָרן אין פּריצישן הויף, האָט טאָלסטאָי אַריבער-געטראָגן אין אַ גאַנץ אַנדערער געזעלשאַפטלעכערווירקלעכקייט, אַ נישט דער ערך פאַרברייטערטער און קאָמפּליצירטערער, וועלכע האָט זיך אים נאָך אַלץ געשילדערט אין דער פאָרם פון אַ פּאַטריאַרכאַלן הויף אין אַמאָליקע צייטן. אין יאָר 1905, ווען ס'איז געגאַנגען אַ קאַמף פאַר איינשטעלן אַ נייע סאָציאַל-פּאָליטישע אָרדנונג, פאַר ענדערן די אויסערלעכע באַדינגונגען, האָט זיך טאָלסטאָי געווענדט צו דער צאַרישער רעגירונג, צו די מיניסטאָרן מיט די ווערטער:

„אייער רעטונג ליגט נישט אין דער דומע מיט אַזעלכע אָדער אַנדערע וואַלן, נאָר אין דעם אַוועקשטעלן פאַרן פאָלק דעם אידעאַל פון גערעכטיקייט, גוטס און אמת" —

און צו די רעוואָלוציאָנערן, פאַר וועלכע ער האָט גע-האַלטן אַלעמען גלייך, „פון די ליבעראַלע קאָנסטיטוציאָנאַליסטן ביז די סאַמע קאַמפערישע רעוואָלוציאָנערן" האָט ער זיך געווענדט מיט דער וואָרנונג:

„די באַדינגונגען פאָדערן פון אייך נישט קיין רעדעס

אויף פאַרזאַמלונגען, נישט אַרומגיין אין די גאַסן מיט רעוואָל-ווערן, נישט די אָפּט נישט-אַרנטלעכע אויפהעצונג פון די פויערן, נאָר אַ שטרענגע באַציאונג צו זיך, צום אייגענעם לעבן, וואָס בלויז זיין פאַרבעסערונג קאָן פאַרבעסערן דעם אַלגעמיינעם מצב פון די מענטשן".

דערדאָזיקער עטיש-אינדיווידואַליסטישער שטאַנדפּונקט פון אַ פּריץ-פעאָדאַל האָט אין זיין לאָגיש-קאָנסעקווענטער אַנט-וויקלונג צייטנווייז געבראַכט צו אַזעלכע אויספירן, וואָס קלינ-גען פונקט אַזוי ווילד, ווי נאַאיוו.

אין זיין אויפרוף „צום אַרבעטנדיקן פאָלק" וואָרנט טאָלסטאָי:

נישטאָ עפּעס שעדלעכערס פאַר די מענטשן, ווי דער געדאַנק, אַז די סיבות פון זייער אומגליקלעכן מצב געפינען זיך נישט אין זיי גופא, נאָר אין די אויסערלעכע באַדינגונגען. זאָל נאָר אַ מענטש אָדער די גאַנצע געזעלשאַפט באַשליסן, אַז דאָס שלעכטס וואָס זיי לעבן איבער, איז אַ רעזולטאַט פון אויסערלעכע באַדינגונגען און זאָלן זיי דאַן אָנווענדן זייער אויפמערקזאַמקייט און קרעפטן אויף דער ענדערונג פון די-דאָזיקע אויסערלעכע באַדינגונגען, — וועט זיך דאָס שלעכטס נאָך מער פאַרגרעסערן. אָבער ווען אַ מענטש אָדער אַ געזעל-שאַפט וועלן אויפריכטיק זיך ווענדן צו זיך אַליין און וועלן אין זיך און אין זייער אייגן לעבן אַ זוך טאָן די סיבות פונם שלעכטס, פון וועלכן זיי ליידן, וועלן דאַן די סיבות באַלד געפונען ווערן און וועלן פון זיך אַליין בטל ווערן".

אַזוי-אַרום, האָט מען די אַרבעטער רעקאָמענדירט, זיי זאָלן זוכן די סיבות פון זייער אומגליקלעכן מצב נישט אינם קאַפּיטאַליזם, נאָר אין זייער אייגן לעבן.

III

טאָלסטאָיס פילאָזאָפישע און סאָציאַל-עטישע דענקען איז נישט בלויז געווען פאַרבונדן מיט דער פסיכאָ-אידעאָלאָגיע פון

דער פעאָדאַלער אַריסטאָקראַטיע, וואָס איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אויף דער נאַטוראַל-ווירטשאַפט, — דערדאָזיקער קלאַס האָט איבערגעלעבט אַ שטערבלעכן קריזיס, ער האָט געהאַלטן ביים אונטערגאַנג, ער האָט דעגענערירט, דאָס לעבן האָט אים אויסגעקערט, און ווי אַן אָפּשפּיגלונג און אויסדרוק פון דעמדאָזיקן קריזיס האָט זיך גענומען אויסבילדן אַ באַזונדערע לערע".

אַ פּרעצעדענט און אַ פּראָטאָטיפּ איז שוין געווען אַמאָל, אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט. דער בודיזם אין אינדיע איז אַנטשטאַנען אין דיזעלבע סאָציאַלע באַדינגונגען, ווי דער טאָלסטאָיאיזם — אין אַ תקופה, ווען אויפן פּאָן פון אויפוואַקסנדיקן האַנדלס-קלאַס האָט די נאַטוראַל-ווירטשאַפט געהאַלטן ביים אונטערגיין און דער פעאָדאַלער קלאַס ביים צעפאַלן זיך.

וואָס זענען די גרונט-שטריכן פונם בודיזם?

קודם כל איז עס די איבערווינדונג פון דער וועלט, ווי אַ נישט-רעאַלע זאַך, דאָס גלייכשטעלן די רעאַלע, זינלעכע וועלט מיט דעם אילוזאָרישן און פאַלשן שפּיל — מיטן שלייער פון מאַיאַ*). דאָס זינלעכע לעבן איז נישט בלויז אילוזאָריש, נאָר ס'איז אויך זינדיק. דער חכם, וואָס באַגרייפט די פאַלשקייט פון מאַיאַן, באַמיט זיך וואָס גיכער צו דערשטיקן אין זיך דעם ווילן צו לעבן און קודם כל די חומרדיקע ליבע. ער ווערט אַן אַסקעט. זיין לעבנס-אויפגאַבע ווערט די מאָראַלישע זעלבסטפאַרפולקאָמענונג אויפן יסוד פון מיטלייד צו די ליידנדיקע (און אין דער ערשטער ריי, מיטלייד צו די פאַרקנעכטעטע ערדאַרבעטער). אָבער דער חכם קעמפט נישט קעגן דעם שלעכטס — ער איז נישט בלויז אַן אַסקעט, ער איז אויך אַ מענטש, וואָס נעמט אַלץ אויף מיט הכנעה. ער דאַרף צוזען די שרעקלעכסטע טאָרטורן, די סאַמע ווילדסטע געוואַלטטאַטן,

---

*) מאיא — די אינדישע געטין-שיינהייט, דער סימבאָל פון די אויסגעלעבטע וועלט-פאָרמען. איר שלייער איז צונויפגעשטעלט פון די פאַרשידנסטע טיילן פון דער וועלט-שיינהייט. (סינאָנים פאַר אילוזיע און חלום וועגן לעבן).

ווי אַ פּאַסיווער, שטומער עדות. ער פאַרמאָגט נאָר איין אַלץ-אויסהיילנדיקן מיטל — אַ גרויסע, אַלץ-אַרומנעמענדיקע ליבע, — מעטטאַ — אַ גצפּיל, אין וועלכן עס מישן זיך צונויף מיטלייד און רחמנות, זעלבסטצופרידנקייט מיט אייגענער הייליקייט און אַ לייטזעליקע פאַראַכטונג צו דער וועלט, אַ באַציאונג פון אויבן אַראָפּ.

טאָלסטאָי האָט אין זיין לערע איבערגעחזרט אָט די אַלע שטריכן פונם בודיזם (כאָטש מיט אייניקע אַנדערע גרונט-הנחות — מיט דער לערע וועגן מעטעם-פּסיכאָז, למשל, וועגן גלגול פון די נשמות האָט ער אַבסאָלוט נישט מסכים געווען).

אין טאָלסטאָיאיזם איז פאַראַן דאָזעלבע פאַרלייקענען די רעאַלקייט פון דער וועלט: — ער שטעלט פעסט, אַז אַלדאָס „מאַטעריעלע איז נישט רעאַל"; ער פּראָקלאַמירט די וויסנשאַפט אַלס אַ „נאַאיווע", דערפאַר, וואָס זי האַלט די „אויסערלעכע וועלט" פאַר אַ ממשותדיקע רעאַליטעט, בעת „רעאַל זענען בלויז מיינע, זיך תמיד איבערחזרנדיקע, איינדרוקן, וואָס לאָזן זיך באַשטעטיקן מיט די איינדרוקן פון אַנדערע"; ער פּאָלעמיזירט מיט די געלערטע-מאַטעריאַליסטן, וועלכע ווייסן נישט „וואָס עס האָבן אויפגעטאָן אויפן געביט פון דער דערקענטניש-טעאָריע די אידעאַליסטן און נאָך פריער די הינדוסן". אינם טאָלסטאָיאיזם איז נישט בלויז דיזעלבע איבערווינדונג פון דער וועלט, ווי אַ רעאַליטעט, נאָר אויך דאָס דערשטיקן אין זיך די ליידנשאַפטן און קודם כל די געשלעכטלעכע ליבע, דער רוף צו יונגעלייט און מיידלעך (אינם נאָכוואָרט צו „קרייצער סאָנאַטאָ"), מ'זאָל שטרעבן צו דער אומבאַפלעקטקייט פון די געדאַנקען און פאַרלאַנגען; און צו די חתונה-געהאַטע — מ'זאָל פאַרבייטן די קערפּערלעכע ליבע אויף „ריינע באַציאונגען פון שוועסטער און ברידער". דערזעלבער פּרינציפּ פון מאָראַלישער זעלבסטפאַרפולקאָממענונג אַזש ביז צונויפגיסן זיך מיט דער גאָטהייט, צו וועלכער מ'קאָן זיך דערנעענטערן נאָר „אייניציקווייז", דאָס-זעלבע פריידיקן פון נישט אַנטקעגנשטעלן זיך דעם שלעכטס דורך אַ געוואַלטטאַט, וואָס איז דערגאַנגען ביזן רוף, אין 1905,

צום אויפשטענדיקן „אַרבעטנדיקן פאָלק", צו די פּראָלעטאַריער און פויערן:

„טראָגט אַריבער הכנעהדיק און געדולדיק די גוואַלטטאַטן, נאָר — נעמט אין זיי נישט קיין אָנטייל".

און, ענדלעך, דיזעלבע, וואָס ביים בודיזם, סגולה צו אַל-דאָס שלעכטס — די צו גאָרנישט פאַרפליכטנדיקע ליבע, וואָס איז צונויפגעמישט פון מיטלייד און רחמנות — צו אַלע מענטשן אָן אויסנאַם — אַפילו צו די שונאים, אָט דאָס ספּעציעלע גע-פיל, וואָס עס האָט צום ערשטן מאָל דערפילט, פאַרן טויט, פּירשט באָלקאָנסקי. —

„...ליבע — נישט די ליבע, וואָס ליבט פאַר עפּעס אָדער צוליב עפּעס. ליב-האָבן די נאָענטע, ליב-האָבן די שונאים — אַלץ ליב-האָבן — ליבן גאָט אין אַלע זיינע געשטאַלטיקונגען".

און וואָס עס האָט נאָכאַמאָל איבערגעלעבט, גייענדיק מיטן עטאַפּ קיין סיביר, ניעכליודאָוו אין "תחית המתים":

„ער האָט איצט געשפּירט צו איר (צו מאַסלאָוואַן) אַ גע-פיל, וועלכעס ער האָט ביז אַהער נישט געקענט. דאָס איז גע-ווען אַ פּשוט געפיל פון רחמנות און מיטלייד. ווען וואָס ער האָט איצט נישט געטראַכט, וואָס ער האָט נישט געטאָן, איז זיין אַלגעמיינע שטימונג געווען אָט דאָס געפיל פון רחמנות און מיטלייד נישט בלויז צו איר, נאָר אויך צו אַלע מענטשן".

אָטאָ די בודיסטישע שטריכן — נישט-רעאַלקייט פון דער וועלט, אַסקעטיזם, מאָראַלישע זעלבסטפאַרפולקאָמענונג, הכנעה, ליבע, — גיבן-צו טאָלסטאָיס לערע אַ מזרחדיקן, אַזיאַטישן שטעמפּל, אויף וואָס וו. איליין האָט שוין אָנגעוויזן:

„אין זיין רעאַלן היסטאָרישן אינהאַלט איז דער טאָלסטאָי-איזם די אידעאָלאָגיע פון דער מזרחדיקער אָרדנונג, פון דער אַזיאַטישער אָרדנונג"

דידאָזיקע בודיסטישע שטריכן אין טאָלסטאָיס לערע דריקן-אויס, אייגנטלעך, נישט אַזוי די „אַזיאַטישע אָרדנונג" — די נאַטוראַל-ווירטשאַפט אינם מאָמענט פון איר אונטערגאַנג, נאָר

קודם כל דעם וועלט-באַנעם פונם אַלטן פעאָדאַלן קלאַס, וואָס גייט אונטער צוזאַמען מיט דער נאַטוראַל-ווירטשאַפט אונטערן דרוק פונם קאַפּיטאַליזם.

דאָס איז בלויז איין צורה פונם טאָלסטאָיאיזם — די פריצישע — די צורה פון פאַרצווייפלונג און אונטערגאַנג.

דער טאָלסטאָיאיזם פאַרמאָגט נאָך אַ צווייטע זייט.

IV

ווען אַ קלאַס לעבט איבער א סאָציאַלע קאַטאַסטראָפע ווען ער ווערט אַרויסגעשליידערט פון לעבן, ווי אַן אומנוצלעכע זאַך, פאַרלאָזן אים געווייגלעך באַזונדערע, פאָרנטיקע טיילן זיינע, און זיי פרוון זיך צוטוליען צו אַן אַנדער קלאַס.

דער פריץ-פעאָדאַל טאָלסטאָי, אויסמיידנדיק די נייע קלאַסן און גרופּעס, וועלכע זענען אַרויף אויף דער סצענע אין דער צווייטער העלפט 19-טן יאָרהונדערט — די בורזשואַזיע, די אינטעליגענץ, דעם פּראָלעטאַריאַט, — איז צוועקגעגאַנגען צום פויער. פונם חורבן פון פעאָדאַל-פריצישן אַדל איז אַרויסגעקומען נישט בלויז אַ בודיסט, נאָר אויך אַ פריץ, וואָס וויל ווערן אַ פויער.

ער איז געגאַנגען צום פויער שוין לאַנג, פאַרקערפּערנדיק זיין נטיה צו פשטות אין זיינע סוביעקטיוו-אויטאָביאָגראַפישע בילדער, אין אָלעגינען („קאָזאַקן"), וואָס קומט צופאָרן אין די קאַווקאַזער בערג, פטור צו ווערן פון זיין פריצישער פּסיכאָלאָגיע — פנים אל פנים מיט דעם פּרימיטיוון יעראָשקא, וועלכער איז, אגב, גאָרנישט ענלעך צו קיין פויער; אין פּיער בעזאוכאָוו („מלחמה און שלום"), וועלכער בוקט זיך פאַר פּלאַטאָן קאַראַטאַיעוון, ווי פאַר דער בלומרשטער פאַרקערפּערונג פונם פאָלק, ענדלעך, אין ליעווינען וועלכן עס שטויסט אויפן וועג פון רעליגיעזער באַנייאונג דער שמועס מיטן פויער וועגן „אַ גערעכט לעבן פאַר דער נשמה".

דאָס פויערטום, צו וועלכן טאָלסטאָי איז געגאַנגען, האָט

איבערגעלעבט פונקט אַזאַ קריזיס, ווי די פעאָדאַלע אַריסטאָ-קראַטיע. אויך דאָס פויערטום איז געווען פאַרכאַפּט דורך די אייזערנע לאַפּעס פון דעם וואַקסנדיקן קאַפּיטאַליזם און האָט זיך געצאַפּלט אין זיין קלעם.

„דאָס פּאַטריאַרכאַלע דאָרף, וואָס האָט זיך ערשט נעכטן באַפרייט פון לייב-אייגנטום, איז איבערגעגעבן געוואָרן בוכ-שטעבלעך אויף רויב און גזילה דעם קאַפּיטאַליזם און דעם מלוכה-אוצר. אַלטע יסודות פון דער פויערישער ווירטשאַפט און פון פויערישן לעבן, יסודות, וועלכע האָבן זיך ווירקלעך געהאַלטן אין משך פון דורות, זענען צעבראָכן געוואָרן מיט אַן אומגעוויינלעכער שנעלקייט".

און טאָלסטאָי איז אַרויסגעטרעטן אַלס קריטיקער פונם קאַפּיטאַליזם, קודם כל, ווי פון דעם צעשטערער און אונטער-דריקער פונם דאָרף. זיין קריטיק פונם קאַפּיטאַליזם איז אַ נאַ-איווע און אויבנאויפיקע, זי האָט גאָרנישט קיין געמיינזאַמעס מיט דער קריטיק פון מאַרקסן, זי איז פונקט אַזוי אוטאָפּיס-טיש און רעאַקציאָנער, ווי רוסאָס קריטיק אין 18-טן יאָר-הונדערט און ווי ריעסקינס קריטיק אין 19-טן יאָרהונדערט— די צוויי שרייבער, וואָס זענען געווען אַזוי נאָענט און פאַר-שטענדלעך טאָלסטאָיען, — דאָס איז אַ קריטיק פונם קאַפּיטאַ-ליזם נישט אין נאָמען פון סאָציאַליזם, נישט אין נאָמען פון דער צוקונפט, נאָר אין נאָמען פון דער פאַרגאַנגענהייט, אין נאָמען פונם ווידער-אויפבוי פון דער, אויף אייביק פאַרשווונ-דענער נאַטוראַל-ווירטשאַפט.

טאָלסטאָיען האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס דער נאָרמאַלער סאָציאַלער צושטאַנד, אַ געזעלשאַפטלעכע פאָרמאַציע אָן הערשנ-דיקע קלאַסן, נישט בלויז אָן אַ בורזשואַזיע. כאָטש דער „איינהייטלעכער באָדן-שטייער", אין גייסט פון הענרי דזשאָרדזש, וועלכן טאָלסטאָי האָט צוגעגעבן אַ גוואַלטיקע באַדייטונג, האָט דעם קאַפּיטאַליזם נישט באַזייטיקט, דאָס האָט ער צוליב זיין פּריצישער קורצזיכטיקייט נישט געקאָנט פאַרשטיין), נאָר אויך אָן פּריצים, ד. ה. אָן זיין אייגענעם

קלאַס, — אין תוך גענומען איז דאָס געווען אַ רעאַקציאָנערער אידעאַל, וואָס קערט־אום דיווירטשאַפט צוריק צו דער „אָפּגעלעבטער נאַטוראַלער „אַזיאַטישער" אָרדנונג.

קעגן דעם קאַפּיטאַליזם, וואָס האָט זיך אין שטאָט און אין דאָרף שטורמיש אַנטוויקלט האָט טאָלסטאָי אַנטקעגנגעשטעלט זיין „קריסטלעכן", ריין־פּויערישן אַנאַרכאָ־קאָמוניזם.

און פּונקט ווי אין די אַסקעטיש־פּעסימיסטישע שטריכן פון זיין לערע האָט ער איבערגעחזרט דעם בודיזם, אַזוי האָט ער אויך אין דעם טייל פון זיין לערע איבערגעחזרט אַן אויסלענדישן מ־סטער.

א. וו. לונאַטשאַרסקי האָט אָנגערופן טאָלסטאָיען אונזער צווינגלי*) און אונזער הוס**). דער פּאַראַלעל איז נישט זייער קיין געלונגענער. צווינגלי איז געווען דער אידעאָלאָג פון דער שווייצאַרישער בורזשואַזיע אין 16־טן יאָרהונדערט, און הוס מיט זיינע אָנהענגער זענען נישט געווען הכנעהדיק־אונטערטעניק דעם שלעכטס. אַן אַנדערער דענקער פון מערב איז געווען דער פאָרגענגער פון טאָלסטאָיס „קריסטלעכן קאָמוניזם", און טאָלסטאָי האָט געוווסט פון אים און אים אָפּגעשאַצט זייער הויך, — דאָס איז געווען דער טשעך פּעטער כעלטשיצקי***), וואָס האָט געלעבט ביים סוף 15־טן יאָרהונדערט, ווען פּאַריז, וועלכער האָט זיך געפונען, אַזוי ווי אַ פּ־אַראָרימטער פּריץ, וועלכער האָט זיך געפונען, אַזוי ווי טאָלסטאָי, פּנים אל פּנים מיט דעם אויפשטייענדיקן קאַפּיטאַליזם. וועגן כעלטשיצקין האָט טאָלסטאָי אָנגעשריבן אַן אַרטיקל פאַר זיין „קרייז פון לעזן" און אַ הקדמה צו דער רוסישער איבערזעצונג פון כעלטשיצקיס בוך „די נעצן פונם גלויבן". וועגן טאָלסטאָיס הויכער מיינונג איבער כעלטשיצקין זאָגט

*) צווינגלי אולריך, רעפאָרמאַציע־טוער אין דער שווייץ (געשט. 1531).

**) הוס יאַן, טשעכישער רעפאָרמאַטאָר, פאַר זיין אפּיקורסות פאַרברענט געוואָרן אין קאָנסטאַנץ אין 1415.

***) כעלטשיצקי (1390—1460) — אַ טשעכישער פילאָזאָף־הומאַניסט, פאַרטיידיקער פון די הוס־אידעען.

עדות זיין פאָלגנדיק געשפּרעך, וועלכעס גאָלדענוויזער האָט פאַרפיסקירט („לעבן טאָלסטאָיען" I באַנד):

„ל. נ. האָט אויסגעדריקט זיין שטוינונג, וואָס די היסטאָריקער רעדן וועגן הוסן, וועגן ליוטערן, און אַזאַ ווי כעלטשיצקין דערמאָנען זיי אַפילו נישט. באמת איז עס אַ וואונדערבאַרער רעליגיעזער דענקער".

פאַ־שטייט זיך, די היסטאָ־יקער־מאַרקסיסטן האָבן אויסגעצייכנט געקענט און קענען דעמדאָזיקן טשעכישן פריידי־קער פון 15-טן יאָרהונדערט, וועלכער האָט געלערנט — איך ציטיר קאַאוטסקיס בוך „די פאָרגענגער פונם סאָציאַליזם" — אַזוי:

„...אַן אמת-גלויביקער דאַרף זיך נישט באַטייליקן אין דער אָנפירונג מיט דער מלוכה, ווייל דאָס איז אַ געצנדינערי־נערישע אינסטיטוציע, — דער איינציקער מיטל חרוב צו מאַכן די מלוכה איז זי צו איגנאָרירן. דער אמת-גלויביקער דאַרף נישט עקספּלאָאַטירן דעם נאָענטן, צדאַרף זיך נישט פאַרנעמען מיט האַנדל, די שטאָדט און אירע האַנדלס-ערטער — דאָס איז דאָס שלעכטס".

פון פּעטר כעלטשיצקי און זיין תלמיד ברודער גרע־גאָרי האָט זיך אָנגעהויבן די סעקטע באָהעמישע ברידער.

„יעדן מיטגליד פון דער ברודערישער געמיינדע איז גע־ווען שטרענג פאַרבאָטן צו דינען אין מיליטער, זיך צו באַטיי־ליקן אין דער מלוכה-אָנפירונג; כאָטש פּריוואַט-אייגנטום און פאַמיליען-לעבן זענען נישט געווען פאַרווערט, פונדעסטוועגן האָט זיך רעקאָמענדירט זיך אָפּצוהאַלטן פון די ביידע זאַכן, קיין געלערטע, קיין וויסנשאַפט זענען נישט געווען אָנערקענט. לעבן, האָרעווען און שטום ליידן — דאָס איז אַלץ, וואָס עס האָט צו טאָן אויף דער וועלט אַן אמתער קריסט".

טאָלסטאָיס „קריסטלעכער קאָמוניזם" מיט זיין אַן-מלוכהש־קייט, הכנעה, קאַמף קעגן מיליטער-דינסט, רעגירונג פון דער שטאָטישער קולטור און וויסנשאַפט חזרט איבער ווילנדיק-נישט־ווילנדיק די לערע פון די באָהעמישע סעקטאַנטן, די ווייטע

פאָרגענגער פון די רוסישע דוכאָבאָרן, מיט וועלכע טאָלסטאָי איז אַזוי לאַנג און ענג געווען פאַרבונדן. טאָלסטאָי איז ביזן סוף פון זיין לעבן געווען עקשנותדיק איבערצייגט, אַז אין רוסישן פויערטום האַלט זיך אויף די קריסטלעכע אידעע (גלייכהייט, הכנעה, געמיינשאַפטלעכקייט). אין זיינע אָפיציעלע אַרויסטרעטונגען פלעגט ער אויף אַלע מעגלעכסטע אופנים איבערחזרן דעמדאָזיקן באַליבטן געדאַנק זיינעם, — און די פאַקטן האָבן אויף טריט און שריט עס אָפגעלייקנט, — איז ער אין זיינע היימישע שמועסן אָפט געווען געצוווּנגען מודה צו זיין, אַז מיטן פויערטום האַלט עס נישט אַזוי פויגלדיק. אָט איז אַ ריי אַזעלכע פאַקטן, וואָס זענען גענומען פון גאָלדענווייזערס זכרונות.

1) טאָלסטאָי האָט געזען, ווי עס לעשט זיך אויס ביים פויערטום וועלכע נישט איז קריסטלעכקייט.

„ביים פאָלק ווערט אַלץ מער צעשטערט דער רעליגיעזער ליגן פונם פּראַוואָסלאַוונעם אַבערגלויבן, און אויף זיין אָרט בלייבט גאָרנישט. און דאָס איז שרעקלעך!”

2) ווייטער האָט ער געזען, אַז די טעאָריע פון נישט אַנטקעגנשטעלן זיך דעם שלעכטס איז גאָרנישט פּאָפּולער צווישן פויערטום.

„ביי טשערטקאָוון קומען-פאָר פאַרזאַמלונגען מיט די פויערן. איינער אַ בחור האָט אַ זאָג געטאָן לעוו ניקאָלאַיעוויטשן, אַז אויב נישט אַנטקעגנשטעלן זיך מיט געוואַלט, וועט מען דיר אויפן קאָפּ אַרויפקריכן”!

און סוף כל סוף האָט דאָך טאָלסטאָי געזען באַשיינפּערלעך, ווי דאָס פויערטום רעוואָלוציאָניזירט זיך (1905). לויט די ווערטער פון אַ באַקאַנטן עלטערן פויער — האָט ער איבערגעגעבן אין אַ שמועס מיט די היימישע:

„אַ רעוואָלוציאָנערע שטימונג לעבט אין פאָלק. די אַלטע לייט — די זענען נאָך שוואַרצמאַחניקעס, און די יוגנט — אַלע רעוואָלוציאָנערן. טאָמער וועט עפּעס טרעפן, וועלן מי

אויך נישט אויסהאַלטן: זיי וועלן אַלץ אויף שטיקער צערייסן".

אָפּגעגאַרט האָבן אים אַפילו זיינע ליבלינגען, די דוכאָבאָרן. ווי זיי זענען נאָר, אַרויסגעטריבן דורך דער צאַרישער רעגירונג, אָנגעקומען קיין קאַנאַדע, אין אַ „פריי לאַנד", האָבן זיך ביי זיי שטאַרק אָפּגערופן די אינסטינקטן פון אייגנטום און ער — דער לערער — האָט זיי געמוזט מעורר זיין און זאָגן מוסר.

דערדאָזיקער בריוו איז קנאַפּ-וואָס באַקאַנט — אים האָט פאַרעפנטלעכט, אין 1920, דער טאָלסטאָיוויעץ טרעגובאָוו.

אָט איז אַן אויסצוג:

„דער מכשול פון אייגנטום איז דער סאַמע שווערסטער מכשול, וועמענס שענדלעכקייט ס'איז כיטרע פאַרבאָרגן פונם מענטשן, דעריבער זענען אַזוי פיל קריסטן געשטרויכלט געוואָרן אָן דעמדאָזיקן שטיין. און דעריבער, טייערע ברידער און שוועסטער, זע איך קלאָר, אַז פאַר אייך איז פון אַלע זייטן בעסער ווייטער פאַרצוזעצן אַ קריסטלעך לעבן".

און ווייטער ווערן אויסגערעכנט אַלע מעלות פונם געמיינשאַפט-לעבן, אַנטקעגן דעם פּריוואַט-אייגנטימערישן.

אויף אַזאַ אופן זעען מיר, אַז אינם „קריסטלעכן קאָמוניזם", ריכטיקער, — אין טאָלסטאָיס אַנאַרכאָ-קאָמוניזם איז געווען מער פון די שטימונגען פון אַ געפּאַלענעם פּריץ, וואָס וויל זיך אויסגלייכן אין פּשטות מיטן פּויער, איידער פון די פּויערישע שטימונגען אַליין, און אויב אין דערדאָזיקער לערע איז געווען עפּעס פון פּויערטום, איז עס נישט פון פּויערטום אין אַלגעמיין, נאָר פון יענעם פּויערטום, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין די פּעסטע לאַפּעס פונם קאַפּיטאַליזם, אַנטקעגן וועלכן דער פּויער איז געשטאַנען אַ פאַרלוירענער, אַ נישט באַגרייפנדיקער, אַ דערדריקטער, אַ פאַרצווייפלטער.

און ווידער אַמאָל נישט קיין אַנדערער, נאָר וו. איליאיטש האָט אויף דעם אָנגעוויזן:

„טאָלסטאָיס קריטיק שפּיגלט-אָפּ דעם איבערברוך אין

די אָנשויאונגען פון מיליאָנען פויערן, וואָס זענען אָקאָרשט אַרויס אויף דער פריי פונם לייבאייגנטום און האָבן דערזען, אַז אָט די פרייהייט באַדייט נייע גרויזאַמקייטן פון חורבן, פון הונגער-טויט, פון אַ היימלאָז לעבן צווישן די „כיטראָוואַר" שטאָט-לייט. טאָלסטאָי שפּיגלט-אָפּ זייער שטימונג אַזוי ריכטיק, אַז ער טראָגט אַריין אין זיין לערע זייער נאַאיווקייט, זייער פאַרפרעמדטקייט פון פּאָליטיק, זייער מיסטיציזם, דעם פאַרלאַנג אַוועקצוגיין פון דער וועלט, דאָס נישט אַנטקעגנשטעלן זיך קעגן שלעכטס, די אומבאַוווסטזיניקע קללות אויפן אַדרעס פון קאַפּיטאַליזם און דער מאַכט פון געלט.

דער פּראָטעסט פון די פויערן און זייער פאַרצווייפלונג — אָט וואָס עס הערט זיך אין טאָלסטאָיס לערע".

צו דידאַקטישע קלאַסישע ווערטער קאָן מען נאָר צוגעבן, אַז אָט די אַלע שטריכן פון פויערטום, וואָס צאַפּלט זיך אין דער קלעם פונם אורשפּרינגלעכן קאַפּיטאַליזם — נאַאיווקייט, אָפּגעפרעמדטקייט פון פּאָליטיק, דאָס אַוועקגיין פון דער וועלט, נישט אַנטקעגנשטעלן זיך דעם שלעכטס — אָט אָ די שטריכן זענען אין דערזעלבער מאָס געווען כאַראַקטעריסטיש פאַרן דעקלאַסירטן פּריץ-פעאָדאַל, פאַר טאָלסטאָיען, וואָס האָט געפּרוווט איבערלעבן זיין קלאַס, וועלכן ס'איז פאַרגעשטאַנען אַ סאָציאַלע טראַנספאָרמאַציע און אַ סאָציאַלער טויט.

ס'איז פאַרגעקומען די נאַטירלעכע צוזאַמענטרעפונג פונם געפאַלענעם פּריץ מיטן פאַרצווייפלטן פויער. אַלס רעזולטאַט האָט זיך געשאַפן דאָס, וואָס ס'איז באַקאַנט אונטערן נאָמען טאָלסטאָיס לערע.

„דער אידעאָלאָג פונם אַלטן רוסלאַנד" — פונם אַלטן, פּאַטריאַרכאַלן, שטאַרבנדיקן און אָפּגעשטאָרבענעם רוסלאַנד.

V

ווי דאָס דענקען, אַזוי איז אויך טאָלסטאָיס שאַפונג געוואָרן פאַראויסבאַשטימט קודם כל דורך זיין קלאַסן-צוגעהער-

קייט, און צווייטנס, דורך יענעם קריזיס, וועלכן ס'האָט דורכגעלעבט אין דער צווייטער העלפט 19-טן יאָרהונדערט זיין סאָציאַלע גרופּע.

שווער אָנצווייזן אויף נאָך איינעם, אַזאַ סוביעקטיוון, ווי, ער, שרייבער — פאַרשטייענדיק דאָ דאָס וואָרט סוביעקטיוו אין פּשוטן באַלעבאַטישן זין, אין זין פון קינסטלערישער אָביעקטיוויזאַציע פון אַבסאָלוט פּערזענלעכע, סוביעקטיווע איבערלעבונגען (וועלכע האָבן בלויז אומדירעקט אַן אָביעקטיווע באַדייטונג).

אין זיין פּרעכטיקן ווערק וועגן טאָלסטאָיען האָט שוין אָווסיאַניקאָ-קוליקאָווסקי לאַנג אַנטפּלעקט דעמדאָזיקן שטריך פון טאָלסטאָיאישן שאַפן:

„טאָלסטאָיס קינסטלערישער זשעני איז דייטלעך באַצייכנט מיט אַ שטעמפּל פון סוביעקטיוון שאַפן אין דעם זין, וואָס פאַר זיינע בעסטע ווערק געפינט ער דעם מאַטעריאַל און אויסגאַנגס-פונקט אין זיין אייגענער, אינערלעכער דערפאַרונג, און זעלבסטבאָבאַכטונג".

פונדאַנען נעמען זיך אַזעלכע סוביעקטיווע בילדער, וואָס שילדערן אים אַליין, ווי אירטעניעוו, אָלעניעוו, ליעווין.

און ווען דער כאַראַקטעריסטישער פאַר אים סוביעקטיוויזם איז געקומען אין אַ צוזאַמענשטויס מיט די אָביעקטיווע פאַקטן, האָט ער מקריב געווען די אָביעקטיוויטעט צוליבן סוביעקטיוויזם.

איין ביישפּיל.

טאָלסטאָי האָט אין 1905 געדרוקט אָנשרייבן די געשיכטע פונם באַקאַנטן, אָרער, ריכטיקער, פונם אומבאַקאַנטן פעדאָר קוזמיטש, — וואָס מען מיינט, אַז דאָס איז גאָר געווען אַלעקסאַנדער דער 1-טער, וועלכער איז גאָר נישט געשטאָרבן אין טאַגאַנראָג, נאָר האָט פאַרלאָזן דעם פּאַלאַץ און פאַרענדיקט זיין לעבן ווי אַ בעל-תשובה אין סיביר (טיילן זענען געווען אָפּגעדרוקט אין „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ", צוליב וואָס מ'האָט קאָראָלענקאָן, בשעתו, צוגעצויגן צו געריכטלעכער פאַראַנט-

וואָרטלעכקייט, נאָר מ'האָט אים באַפרייט). אַלעקסאַנדער דער ערשטער, וואָס פאַרלאָזט די וועלט און ווערט אַ בעל-תשובה, דאָס איז, נאַטירלעך, טאָלסטאָי אַליין, וועלכער רעכנט פאַרלאָזן יאַסנאַיאַ-פאָליאַנאַ און אַריין אין אַ קלויסטער. אַלס איינעם פון די מאָטיוון — פון די הויפּט-מאָטיוון — פון אַלעקסאַנדערס דעם ערשטנס אַוועקגיין, נעמט טאָלסטאָי די נישט גוטע באַציאונג צו דער פרוי, וועלכע ווערט געשילדערט מיט די סאַמע נעגאַטיווסטע עפּיטעטן (אַ קאַפּריזנע, אַ שלעכטע, אַ פאַלשע). מ'האָט טאָלסטאָיען געמאַכט אויפמערקזאַם, אַז אַזאַ כאַראַקטעריסטיק פון אַלעקסאַנדערס דעם ערשטנס פרוי איז נישט קיין ריכטיקע, וואָרים יעליזאַוועטאַ אַליעקסעיעוונאַ איז געווען, אדרבא, אַן איידעלע, אַ גוטע, און אַן ערלעכע. טאָלסטאָי האָט צוגעזאָגט צו פאַרריכטן, איבערצומאַכן די שטעלע, כאָטש ער האָט נישט געמאַכט קיין סוד דערפון, — ווי עס גיט איבער טשערטקאָוו —

„... אַז ס'וואָלט אים געווען שווער זיך צו שיידן מיט זיינע לכתחלהדיקע פאָרשטעלונגען וועגן קייסער און וועגן די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן פאָרפאָלק".

ס'איז נישט שווער צו זען, אַז טאָלסטאָי האָט געשילדערט די אָביעקטיוועווירקלעכקייט סוביעקטיוו, ער האָט קאָמפּאָנירט די באַציאונגען פון קייסער צו דער פרוי לויט זיינע אייגענע באַציאונגען צו ז י י ן פרוי, זיך נישט אָפּשטעלנדיק אפילו פאַרן פאַרקריפּלען דעם כאַראַקטער פון אַ היסטאָרישער פערזענלעכקייט.

דאָס איז נאַטירלעך אַ סוביעקטיווער און נישט קיין אָביעקטיווער שאַפונגס-מעטאָד.

טאָלסטאָי איז אַ סוביעקטיווער קינסטלער נישט בלויז אין ד ע ם פשוטן זין פון וואָרט. ער איז אַ קלאַסן-סוביעקטיווער קינסטלער, וואָס עס האָט ווידעראַמאָל ביז גאָר קלאָר געמאַכט דער נישט-מאַרקסיסט אָווסיאַניקאָ-קוליקאָווסקי.

איבערצייגנדיק און שאַרף האָט ער אייגנטלעך געקענט שילדערן בלויז זיין וועלט, זיין סאָציאַלן קרייז — די יחוסדיקע

אַריסטאָקראַטיע פון דער פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט, כּלערליי באָלקאָנסקיס, ראָסטאָווס, וורואָנסקיס, אָבלאָנסקיס א. ד. ג.

אין קלאַמערן דאַרף מען צוגעבן, אַז צום שאַפן די פיגורן האָבן אים געדינט אַלס מאָדעלן פּערזאָנען פון זיין באַקאַנטסטן קרייז. טאַטיאַנאַ קוזמינסקאַיאַ באַשרייבט אין אירע זכרונות, ווי מ'לייענט „מלחמה און שלום“ ביי די פערפּיליעווס אין הויז. די צוהערער פלעגן לייכט דער־קענען זיך אַליין אין די פּערסאָנאַזשן: נאַטאַשאַ ראָס־טאָוואַ — דאָס איז טאַטיאַנאַ קוזמינסקאַיאַ, מאַריאַ דמיט־ריעוונא — איז פערפּיליעווס ווייב א. אַז. וו. א. אַז. וו. אַפילו טאַטיאַנאַ קוזמינסקאַיאַס ליאַלקע, וועלכע זי האָט קינדווייז חתונה געמאַכט מיט איר ברודער, איז צו איר פאַרגעניגן אַריינגעפאַלן צו נאַטאַשאַ ראָסטאָוואַ. ווען ס'איז דערשינען טאָלסטאָיס ראָמאַן „אַננאַ קאַרעניגאַ“, האָט זיך — לויט דערזעלבער קוזמינסקאַיאַס ווערטער — אין מאָסקווע פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז סטיווא אָבלאָנסקי — דאָס איז דער מאָסקווער גובערנאַטאָר און טאָלסטאָיס פריינט פערפּיליעוו. די אַלע מיינונגען פלעגט טאָלסטאָי נישט אָפּלייקענען, ער פלעגט צושמייכלען. שילדערנ־דיק מיט איבערצייגונגס־קראַפט בלויז זיין סאָציאַלן קרייז, האָט טאָלסטאָי גלייכצייטיק בפירוש אידעאַליזירט זיין לעבנסשטייגער; ער פלעגט פאַרטושירן אַלע גראָב־נעגאַטיווע זייטן, ד. ה. ער האָט טראַנספאָרמירט באַשטימטע דערשיינונגען נישט אַלזייטיק, נישט אָביעקטיוו, נאָר „טענדענדציעז“. אין היימישע שמועסן פלעגט ער דווקא אַמאָל יאָ אָנווייזן אויף די נעגאַטיווע זייטן פון דער קנעכטשאַפט — אַזוי האָט ער איינמאָל גערעדט וועגן דעם, אַז די פּריצים האָבן דאַמאָלס געלעבט שמוציק, ס'איז געווען אַ סך וואַנצן, אַז ס'פלעגט קומען צופאָרן אַ גאַסט נעכ־טיקן, פלעגט מען פריער אַריינלייגן אין בעט דעם לאָקיי, און אַז די וואַנצן האָבן זיך שוין צו דער זעט אָנגעזויגן, פלעגט מען אַראָפּנעמען דעם לאָקיי און געגומען אויסבעטן פאַרן גאַסט. אין טאָלסטאָיס שילדערן דעם אַריסטאָקראַטישן לעבנסשטייגער אין „מלחמה און שלום“ זענען אַזעלכע וואַנצן (וועלכע פיגו־

רירן דאָ, ווי אַ סימבאָל) נישט בנמצא. אַלץ איז אין בעסטער אָרדנונג. אַפילו קיין לייבאייגנטום איז נישט פאַראַן, (אויסער דער דערציילונג „פּאָליקושקע"). און וויבאַלד די פּריציש-בויערישע וועלט ווערט אַזוי געשילדערט, צי קאָן דען זיין אַ רייד וועגן אַן אָביעקטיווער שילדערונג פון דער באַטרעפנדער דערשיינונג.

און פונקט ווי די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן די פּריצים און פויערן ווערן געשילדערט אַלס אידיליע, ווערן אויך געשילדערט אידיליש, אין „מלחמה און שלום", די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן קייסער און די שיכטן פון דער באַפעלקערונג — זיי גרייטן-צו אין 1812 אַלעקסאַנדערן אַ באַגייסטערן קבלת-פּנים, בעת אין דער אמתן (זע פּאָקראָווסקי, 3-טער באַנד) האָט ראָסטאָפּטשין געמוזט אָננעמען געוויסע מיטלען צו פאַרזיכערן דעמדאָזיקן באַרימטן, באַגייסטערטן קבלת-פּנים: דער אַדל איז גאָרנישט געווען באַגייסטערט מיט די רעגירונגס-פאָרשלאָגן וועגן באַוואָפנונג און דאָס סוחרטום איז נישט געווען צופרידן מיט דער נויטיקייט צו געבן געלט — און די מיטלען, וועלכע ראָסטאָפּטשין האָט אָנגענומען, זענען באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט אַוועקגעשטעלט לעבן דער געביידע פונם אַדל-קלוב צוויי פורן, אין וועלכע מ'פלעגט געוויינלעך אַוועקפירן די, וואָס מ'פאַרשיקט קיין סיביר.

טאָלסטאָיס שאַפונג איז קלאַסן-סוביעקטיוו נישט בלויז אין דעם זין, וואָס ער האָט געשילדערט איבערצייגנדיק נאָר זיין קלאַס און דערביי אידעאַליזירט זיין לעבנסשטייגער און זיינע מידות, נאָר, הויפּטזאַכלעך, צוליב דעם, וואָס מענטשן פון אַנדערע און קעגנזעצלעכע צום פּריצנטום קלאַסן האָט ער געשילדערט שוין בפירוש נישט „אַלזייטיק", נישט „אָביעקטיוו", נאָר איינזייטיק, ד. ה. טענדענציעז.

און ווידעראַמאָל נישט קיין אַנדערער נאָר דער נישט-מאַרקסיסט אָווסיאַניקאָ-קוליקאָווסקי האָט דעמדאָזיקן שטריך אין טאָלסטאָיס שאַפן כמעט אויסשעפּלעך באַהאַנדלט.

„ביים איבערדיכטן (אַזעלכע פּערסאַנאַזשן) זעט זיך שוין נישט דער גרויסוועלטיקער קינסטלער, עס זעט זיך בלויז אַ

מייסטער-צייכנער, ביי וועלכן ס'איז אַן אַנדערס מאָל נישט
שווער, ביי דערדאָזיקער מייסטערשאַפט, אויפצוכאַפּן גאָר נישט
קיין ריכטיקע טענער, צו באַמערקן נישט קיין ריכטיקע פאַר-
אַלגעמיינערונגען".

אין „קינדהייט", „יינגלשאַפט", „יוגנט" זענען אין לעצטן
טייל אַרויסגעבירט עטלעכע מענטשן פון פּעבל, מאַכנמענטש:

„זיי גיסן זיך אַלע צונויף אין אַ פאָרכלאָזער קופּע, פאַר-
לירנדיק זייערע אינדיווידועלע סימנים — פון זיי בלייבט נאָר
איבער אַן אַלגעמיינער איינדרוק, אַ מין ריח, אַז זיי זענען
נישט comme il faut".

צי דאָס הייסט אָביעקטיוו, אַלזייטיק שילדערן אַ באַ-
שטימטע דערשיינונג (דעם מאַסנמענטש)?

אין „מלחמה און שלום" זענען אַנטקעגנגעשטעלט איינער
קעגן אַנדערן פּירשט באָלקאָנסקי און ספּעראַנסקי. אָווס-אַניקאָ-
קוליקאָווסקי באַהויפּטעט ריכטיק, אַז טאָלסטאָי קאָן ספּעראַנס-
קין אָרגאַניש נישט פאַרטראָגן, נאָר ער דערקלערט די שלעכטע
באַציאונג צו ספּעראַנסקין און די גוטע — צו פּירשט באָלקאָנס-
קין מיט זייער פּסיכאָלאָגישער קעגנזעצלעכקייט. ספּעראַנסקי
איז אַ ראַציאָנאַליסט, וואָס גלויבט אין כוח פון שכל, בעת
פּירשט באָלקאָנסקי איז געהאָרכזאַם צו די איראַציאָנעלע גע-
באָטן פון דער פּסיכיק, ד. ה. פון זיין ראַסע. אין דער אמתן
איז עס נישט בלויז אַ פּסיכאָלאָגישע קעגנזעצלעכקייט, נאָר אין
תוך גענומען אַ סאָציאַל-קלאַסנדיקע. באָלקאָנסקי איז אַ שטאַם-
אַריסטאָקראַט און ספּעראַנסקי, דער אידעאָלאָג פון דער דאַ-
מאָלסדיקער רוסישער בורזשואַזיע — איז אַ מאַסנמענטש, אַ
גלחס אַ זון, אַ סעמינאַריסט. און באָלקאָנסקין שילדערט טאָלס-
טאָי מיט אַ סך מער פאַראינטערעסירטקייט, פּאַרטיפּנקייט און
אַלזייטיקייט, ווי דעם אָרגאַניש אים קעגנזעצלעכן בורזשוי, לי-
בעראַל און קאָנסטיטוציאָנאַליסט ספּעראַנסקי.

און פּונקט מיט אַזאַ פאָראורטייל, איינזייטיק און טענדענ-
ציעז, ווי די פאָרשטייער פון דער בורזשואַזיע און דעמאָקראַ-

טיע, האָט טאָלסטאָי אויך געשילדערט די אַרבעטער, באַזונדערס אַרבעטער-רעוואָלוציאָנערן.

אין 20-טן יאָרהונדערט, ווען דער פּראָלעטאַריאַט איז אַרויסגעטרעטן אַלס רעוואָלוציאָנערער כּוח, וואָס איז גרייט אי־בערצוקערן רוסלאַנד און ס'האָט זיך געשאַפן דאָס בילד פון אַ פּראָלעטאַריער-רעוואָלוציאָנער, איז טאָלסטאָיען אויסגעקומען זיך מיט אים צו רעכענען אויך אַלס קינסטלער. צוויי מאָל האָט ער געשילדערט דעמדאָזיקן טיפּ. דאָס איז, ערשטנס, מאַרקעל קאָנדראַטיעוו אין „תחית המתים“, דער אָרגאַ־ניזאַטאָר פונם שטרייק, וועלכער גייט מיטן עטאַפּ קיין סיביר, און היט־אָפּ זאָרגעוודיק דעם ערשטן באַנד פון מאַרקס „קאַ־פּיטאַל“, — און קאָנדראַטיעוו איז נישט קיין לעבעדיקער מענטש נאָר אַ סכעמע. דער צווייטער איז דער וואַנדערער אין דער פּיעסע „אַלץ קומט פון איר“ — אַ מאַשיניסט, וואָס האָט זיך באַקאַנט מיט „געבילדעטע מענטשן“, אַ באַלעזענער, געווען אין דער פּאַרטיי (אין „פּראַקציע“), אַן אָנטיילנעמער אין עקספּראָ־פּריאַציע, שפּעטער אויסגעשלאָסן געוואָרן און איצט וואָגלט ער אַרום, און כאַפּט אַמאָל אַריין אַ גנבהלע. טאָלסטאָי האָט געשילדערט דעם טיפּ אַרבעטער-רעוואָלוציאָנערן ווי אַ קאַריקאַ־טור, הייסנדיק אים דורך אגב צעקאַליעטשן אָן רחמנות אויס־לענדישע ווערטער „פּערדאַגאָגיע“, „אַגראַמאַר“-פּראַגע א. ד. גל. אַלס יסוד פון אָט דער שילדערונג, אַלס פּראָטאָטיפּ האָט טאָלסטאָי גענומען אַ צעדרייטן, חסר-דעהדיקן אַרבעטער, וועל־כער פלעגט ליב-האָבן צו האַלטן העצערישע רעדעס קעגן דער רעגירונג — ער פלעגט קומען קיין כאַמאָווניקי, ער פלעגט אויך קומען קיין יאַסנאַיאַ-פּאָליאַנאַ, ווו מ'האָט זיינע אַ רעדע איין מאָל פאָנאָגראַפירט (קאָטשעטיגאָוו). לויט גאָלדענווייזערס ווערטער פלעגט טאָלסטאָי אים הערן „זיך קייקלענדיק פאַר גע־לעכטער“.

טאָלסטאָי האָט אויך געקענט אַנדערע אַרבעטער. איינמאָל האָט ער זיך אויפן שאָסיי געטראָפן מיט אַ דורכגייער, וועל־

בער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ גאַנץ אַנטוויקלטער אַר-בעטער.

און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיין וועלט-אַנשויאונג —

„...פאַלט לגמרי צונויף מיטן ניטשעאַניזם און מיט גאָר-קיס קולט פון דער פערזענלעכקייט".

טאָלסטאָי האָט אויך געקענט צוויי טולער אַרבעטער, פון וועלכע איינער איז געווען אַ „פאַרביסענער סאָציאַליסט", וואָס —

„...האָט געגלויבט אין עפּעס אַן אומפאַרמיידלעכן געזעץ, לויט וועלכן עס אַנטוויקלט זיך דאָס מענטשלעכע (ד. ה. גע-זעלשאַפטלעכע) לעבן און האָט גלייכצייטיק גערעדט וועגן דעם, אַז מ'דאַרף קעמפן".

טאָלסטאָי האָט עס געהאַלטן פאַר אַ ווידערשפּרוך. דער-זעלבער אַרבעטער האָט פּאָלעמיזירט מיט טאָלסטאָיס לערע וועגן ליבע צו אַלעמען:

„פאַרוואָס זאָל איך עפּעס די מענטשן ליב-האָבן? איך האָב זיי גאָרנישט ליב. זיי זענען אַלע אַזוי שלעכט, אַז איך האָב זיי אייגנטלעך פיינט".

איינמאָל האָבן די טולער דרוקער-אַרבעטער געבראַכט טאָלסטאָיען אַ פּראָקלאַמאַציע. היות ווי זיי האָבן אים נישט בעטראָפן אינדערהיים, האָבן זיי איבערגעלאָזט די פּראָקלאַמאַציע און זענען אַוועקגעגאַנגען.

„לעוו ניקאָלאַיעוויטש — דערציילט גאָלדענווייזער — האָט זי איבערגעלייענט, האָט זיך אויפגערעגט און געזאָגט: „איך האָב אייגנטלעך נישט וועגן וואָס מיט זיי צו רעדן. מיר רעדן אויף פאַרשידענע שפּראַכן".

אַלזאָ, טאָלסטאָי האָט יאָ געקענט ווירקלעכע אַרבעטער-רעוואָלוציאָנערן און פונדעסטוועגן, אַז ער האָט געדאַרפט שאַפן זיין „דורכוואַנדערער" אין דער דאָרפישער פּיעסע, זענען אַלע שטריכן פונם ווירקלעכן באַוווסטזיניקן פּראָלעטאַריער נישט אַריין אין דעמדאָזיקן בילד, זיי האָבן אָפּגעטרעטן זייער פּלאַץ פאַר דער קאַריקאַטור. צי דען הייסט דאָס „אַלזייטיק", ד. ה.

אָביעקטיוו, אַרויסבריינגען אַ געוויסע דערשיינונג (דעם אַרבעטער)?

דאָס גאַנצע שאַפן טאָלסטאָיס לייקנט-אָפּ די הנחה, אַז טאָלסטאָי ווי אַ „גענילער מייסטער", ווי אַן „אָביעקטיוויסט-היסטאָריקער" האָט געשילדערט דעם מענטשן אַלזייטיק, אומאָפּהענגיק צו וועלכן שיכט, קלאַס און פּאַרטיי יענער זאָל נישט האָבן געהערט. זיין שאַפן איז קלאַסן-סוביעקטיוו, טענדענציעז, געווענדעט קעגן דער בורזשואַזיע, דעמאָקראַטיע און פּראָלעטאַריאַט.

VI

ווען טאָלסטאָי האָט איבערגעריסן מיט זיין קלאַס און איז אַוועק צום פּויער, האָט אָט דער פּראָצעס פון אַראָפּלאָזן זיך — ווי אַ רעזולטאַט פונם קריזיס פון קלאַס — זיך אויך געמוזט אָפּשפּיגלען אין זיין שאַפן. פּאַראַלעל מיט דער אידעאָלאָגישער פּאַראיינפאַכונג איז אויך געגאַנגען די קינסטלערישע פּאַראיינפאַכונג.

אויב אידעאָלאָגיש איז טאָלסטאָיען מער אָדער ווייניקער געלונגען אָט דאָס אַראָפּלאָזן זיך צום פּאָלק, איז אַלס קינסטלער, האָט ער דורכגעלעבט אַ קאַטאַסטראָפע, וועלכע האָט אים באַוויגן זיך אָפּצוזאָגן פון דער קונסט, ווי פון „פאַלשקייט און זינד".

טאָלסטאָי האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט מיטן אַריסטאָקראַטישן זשאַנר פון אַ פאַמיליען-כראָניק („קינדהייט, יינגלשאַפט, יוגנט"), אין די 60-ער יאָרן איז ער אַריבערגעגאַנגען צום היסטאָרישן ראָמאַן („מלחמה און שלום"), וועלכער האָט פאָרגעשטעלט דיזעלבע פאַמיליען-כראָניקן (פון די ראָסטאָווס, באָלקאָנסקיס) אויפן פאָן פון היסטאָרישע געשעענישן; שפּעטער, אין די 70-קער יאָרן, אין דער אַטמאָספער פון דער אָנוואַקסנדיקער בורזשואַזער קולטור האָט ער פאַרביטן די פאַמיליען-כראָניק און דעם היסטאָרישן ראָמאַן אויף אַ פּסיכאָלאָגישן ראָמאַן, אָבער נאָך אַלץ טראַקטירט אויף אַ גרויסוועלטיק-אַריסטאָקראַטישן אופן („אַננאַ קאַרענינאַ"), און, ערשט דורכ-

לעבנדיק דעם „קריזיס”, „אַראָפּלאָזנדיק” זיך, האָט ער פאַר זיך אַוועקגעשטעלט אַ נייע אויפגאַבע — ווערן דער באַשרייבער פון פויערטום, שאַפן דעם פויערישן ראָמאַן, די פויערישע פאַמיליען-כראָניק.

נאָך פ אַ ר „אננאַ קאַרענינאַ” האָט שוין טאָלסטאָי געטראַכט וועגן אַ פויערישער דערציילונג „קאָרניעי זאַכאַרקין” — אַ געשיכטע פון אַ פויערישן בחורל, וועלכע האָט זיך איבערגעפלאָכטן מיט אַ געשיכטע פון אַ פריצישן זונדל. ס'איז אויך געווען אַ צווייטער געדאַנק — צו באַווייזן דעם לעגענדאַרישן פויער-העלד, איליאַ מוראָמיעץ, אַלס אַ סטודענט, וואָס ענדיקט דעם אוניווערסיטעט. שפּעטער נעמט ער זיך צו אַ היסטאָרישן ראָמאַן וועגן פּיאָטר דעם ערשטן — אין די איבערגעבליבענע פראַגמענטן זענען פאַראַן אַ סך סצענעס, ווו עס נעמען אָנטייל פויערן, סאָלדאַטן, באַנדיטן. די אַלע פּלענער זענען אַרויסגעשטויסן געוואָרן דורכן פראָיעקט וועגן די ד ע ק אַ ב ר י ס ט ן — אַ סיוזשעט, וועלכער האָט נישט געלאָזן רוען טאָלסטאָיען נאָך אין יאָר 1856 (אָנשטאָט אים האָט ער געשאַפן „מלחמה און שלום”), דערנאָך אין 1863 האָט ער אָנגעשריבן אַ פראַגמענט וועגן אַ דעקאַבריסט, — אַ זקן, וואָס איז צוריקגעקומען פון פאַרשיקונג, און ענדלעך ביים סוף פון די 70-ער יאָרן נעמט ער זיך ווידער צו דעם סיוזשעט — אַ באַגעגעניש פון אַ פאַרשיקטן דעקאַבריסט מיט פויערן-איבערוואַנדערער, וועלכע זענען אַוועק פאַר דער פריצישער „באַליידיקונג” — אויפן אַ מ ו ר. אין די פאַרבליבנע פראַגמענטן זענען באַזונדער גענוי באַאַרבעט די סצענעס, ווו עס טרעטן אַרויס רייכערע פויערן, וועמענס ווירטשאַפט און פאַרמעגן ס'ווערט דאָרט בפרטות געשילדערט; מיט אַ באַזונדער געפיל ווערט דאָ געשילדערט דער פויערישער שתדלן (אונטער פאַרשידענע נעמען), וועלכער פירט דעם פראָצעס פון די פויערן קעגן פריץ און איז מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן דער פויערישער וועלט, אַ טיפּ פון אַ פויער, אַ פראָטעסטאַנט.

טאָלסטאָי האָט בײַ זיך אײַנגעפּירט אַ גאָטיק־ביכל, װוּ ער פלעגט פאַרשרײַבן פּױערישע רעדנסאַרטן, זידלערײַען, װערטלעך, און כּדי „אױסצובעסערן זײַן שפּראַך" — האָט ער געפירט לאַנגע שמועסן מיט די װאַנדערער און עולי־רגלניקעס. דידאַקטיקע אַלע פּרוּװן קינסטלעריש זיך צו „פּאַראײַנפאַכן" האָבן צו גאָרנישט דערפירט. די אױפגאַבע צו שאַפן אַ פּױערישן ראָמאַן האָט זיך אַרױסגעװיזן, צוליב דער קלאַסן־פּאַראױסבאַשטימטקײט פון זײַנע קינסטלערישע מעגלעכקײטן, נישט פאַר זײַנע כּוחות — טאָלסטאָי האָט נישט געקענט באַהערשן דעמדאָזיקן נײַעם, פרעמדן מאַטעריאַל. אין 1877 פאַרשרײַבט טאָלסטאָיס פרוי אין טאָגבוך זײַנע פאָלגנדיקע װערטער:

„דער פּױערישער לעבנסשטײַגער איז מיר באַזונדערס שװער און אינטערעסאַנט, נאָר װי איך שילדער אױסנײַנער אײגענעם — דאָ בין איך, װי אינדערהײם".

דער פּױערישער ראָמאַן מיטן טיטול „דעקאַבריסטן" איז פאַרבליבן אַ פראַגמענט פון אַ נישט־דערענדיקטער געבײַדע. דער טיף פונם פּױער־פּראָטעסטאַנט איז אַזױ־אַרום געבליבן בלױז אַ רמז, קינסטלעריש נישט פאַרמירטער.

און װען דעם פּריץ, — דעם אָפּטריניק, װאָס האָט זיך באַמיט פאַרװאַנדלט צו װערן אין אַ פּױער, איז נישט געלונגען צו שאַפן אָנשטאָט דעם פּריצישן ראָמאַן — אַ פּױערישן, װען ער האָט דערפילט און פאַרשטאַנען, אַז ער באַזיצט נישט די מיטלען אױף צו לײזן יענע קינסטלערישע אױפגאַבע, װעלכע דאַרף אַנטשפּרעכן זײַן אידעאָלאָגישן „אַראָפּלאָזן־זיך", װען פון דער צװײטער זײַט האָט זיך אַרום גענומען װאָס אַמאָל אַלץ זיכערײַכער צו אַנטװיקלען אַ בורזשואַזע ליטעראַטור, װעלכע ער האָט, װי די גאַנצע נײַע בורזשואַזע קולטור, נישט אָנערקענט,— האָט טאָלסטאָי, זיך אָפּגעקערט פון דער קונסט בכלל און האָט זי פאַרקלאַמירט אַלס פאַלשקײט און זינד.

אָבער לחלוטין אָפּזאָגן זיך פון דער קונסט האָט ער נישט געקאָנט און, אײַנגײַענדיק אױף קאָמפּראָמיסן, האָט ער זי גע־

שטעלט צו דער דינסט פון זיין אַסקעטישער „קריסטלעכער" — אין תוך אַריין, „אַזיאַטישער" לערע.

און דאַן האָט דאָס פויערטום, אויף וועלכן טאָלסטאָי האָט זיך אַזוי עקשנותדיק אָריענטירט, באַקומען ביי אים גאָר אַן אַנדערע, ווי אין דעם בדעה-געהאַטן פויערישן ראָמאַן, באַ-לייכטונג. אין דער פּיעסע „די מאַכט פון פינסטערניש" זענען די פויערטעס געשילדערט ווי די פאַרקערפּערונג פון שלעכטס, ווי נפשות פון גיהנום — אין איינקלאַנג מיט דער אַסקעטישער שטעלונג פון טאָלסטאָי דעם בודיסט צו דער פרוי. אַלס דער אידעאַלער מענטש ווערט פּראָקלאַמירט דער שטאַמלענדיקער עם-הארצישער פויער אַ קים, אַלס די פאַרקערפּערונג פון דעם שלוהדיקן גייסט פון דער פּאַטריאַכאַלער נאַטוראַל-ווירטשאַפט, צו וועלכן עס האָט גערופן זיך אומקערן, — נישט בלויז פון די שרעקן פונם קאַפּיטאַליזם, נאָר אויך פון דעם זיך אָנהייבנ-דיקן פּראָלעטאַרישן סאָציאַליזם, — דער לעצטער רוסישער פּריץ — „דער אידעאָלאָג פונם אַלטן רוסלאַנד" לעוו טאָלסטאָי.

איד. יוגנט קולט. צענטער
—: GALARZA :—
E. RIOS
CENTRO JUV. CULT. ISRAELITA

ל. נ. טאָלסטאָי

נישט דעם דענקע־ פילאָזאָף, נישט דעם סאָציאַלן רע־פאָרמאַטאָר גרייט זיך די פּראָלעטאַרישע געזעלשאַפלעכקייט צו ערן, נאָר דעם קינסטלער טאָלסטאָיען, טאָלסטאָיען דעם קלאַ־סיקער.

אָבער טאַקע גראָד דעם קינסטלער אין זיך האָט דער שאַפער פון „קריג און פרידן" געשטרעבט אין זיך צו טויטן. זיין אייגענע קונסט, און נאָכדעם די קונסט בכלל, ווי ווייט זי באַשעפטיקט זיך נישט מיט רעליגיעזע פּראָבלעמען, האָט ער דערקלערט פאַר א „ליגן".

טאָלסטאָי איז ביי אונז נישט געווען דער ערשטער צו מאַכן דעם „השיבנו נאַזאַד" (דעם „גראַן ריפּיאוטאָ", ווי דאַנטע האָט זיך אויסגעדריקט).

ער אַליין האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז אין דעם פּרט איז ער נישט אָריגינעל.

אין זיינע בריוו פון סוף אַכציקער יאָרן (צו סטאַכאָוון און בירױקאָוון) איז זיך טאָלסטאָי מודה, אַז ער „פלייסט זיך מיט אַלע כוחות אַרויסצוזאָגן ווי עפעס אַ נייס דאָס, וואָס גאָ־גאָל האָט שוין געזאָגט", אַז בעצם, „אַנטדעקט ער אַמעריקע, וואָס גאָגאָל האָט שוין אַנטדעקט".

דערפון שטאַמט דער נאַטירלעכער, אָבער נישט פאַרווירק־לעכטער, געדאַנק אַרויסצוגעבן די אויסדערוויילטע פלעצער פון דער „קאָרעספּאָנדענץ", וווּ — בעסער קאָן מען דאָך שוין נישט אַרויסזאָגן — גאָגאָל האָט געלערנט, וואָס אַ שרייבער דאַרף זיין.*)

---

*) בירױקאָוו. טאָלסטאָיס ביאָגראַפיע. דריטער באַנד.

דאָס, וואָס טאָלסטאָי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער קונסט אינם נאָמען פון אַ מאָראַל־רעליגיעזן פּריידיקט, ווערט געווייגלעך דערקלערט, — ווי ער אַליין האָט עס מפורש געוואָלט — דערמיט, וואָס ביים סוף אַכציקער יאָרן איז אין אים פּאָרגעקומען אַ „רעליגיעזע איבערקערעניש"; אַז אינם ליכט פון אָט־דער איבערקערעניש האָט זיין אייגענע קונסט און די גאַנצע קונסט פון זיין צייט, אַלס נישט־רעליגיעזע קונסט, זיך אים געמוזט אויסווייזן ווי אַ ליגן, ווי אַן איבעריקע זאַך, ווי אַ געפערלעכער סם. אָט־אַזאַ מין דערקלערונג גליטשט זיך געוויינלעך בלויז אויפן אויבערפלאַך פון דערשיינונגען.

דאָס באַוווסטזיין ווערט באַשטימט דורך דער עקזיסטענץ.

אויב גלייך נאָכן אויטאָר פון די „טויטע נשמות" קומט אַרויס מיט זיין גרויסן „השיבנו נאַזאַד" דער פּראָפעסאָר פון „קריג און פרידן" שטייט דאָך פאַר אונז, אָן ספק, אַ דערשיינונג פונם סאָציאַלן מין.

דאָס זעלבסט־פאַרמשפּטן און זעלבסט־פאַרבדרעגען פון אָט־דיביידע גרויסע קינסטלער איז בלויז אַ באַזונדערער אויסדריק אַזאַ פון קריזיסן אין באַרימטע געזעלשאַפטלעכע גרופּעס, וואָס ווערן צעמאָלן דורך די מילשטיינער פונם היסטאָרישן פּראָצעס.

די טראַגעדיע פונם קינסטלער טאָלסטאָי, איז אַ טראַגעדיע פונם קלאַסן־קינסטלער.

I

דער געדאַנק, אַז קונסט איז פאַלש, איבעריק און שעדלעך האָט צום ערשטן מאָל אויפגעבליצט ביי טאָלסטאָיען נאָך אַ סך פריער איידער אין אים איז פאָרגעקומען די „רעליגיעזע איבערקערעניש". אויף ווי־ווייט ער האָט געשפּירט אָט־די שטימונג, איז דאָס זיכער געווען אַ רעזולטאַט פון אַ קאָמפּליצירטן גייסטיקן פּראָצעס. פון איין זייט איז אָט־דער געדאַנק אויף אים אָנגעוויכט געוואָרן דורכן טויט פון זיין ברודער, וואָס

האָט פאַר אים פּלוצלינג אויפגעדעקט דעם שוידערלעכן „אמת״ פונם לעבן — לעבן, וואָס ווערט פאַרצערט דורכן טויט. אינם יאָר 1860 שרייבט ער צו פעטן, אַז ביים ליכט פון אָט-דעם נייעם באַוווּסטזיין האָט ער פאַרלוירן די פעיקייט ליב צו האָבן די קונסט — „דעם שיינעם ליגן״. אָבער נישט בלויז פון אָט-דעם באַוווּסטזיין איז ביי אים אויסגעוואַקסן זיין דאַמאָלסדיקע פאַרלייקענונג פון דער קונסט. אין יענעם יאָר טאַקע שרייבט טאָלסטאָי צו טשיטשערינען: „די זעלבסט-פאַרבלענדעניש פון די אַזוי-גערופענע קינסטלער... איז אַ שוידערלעכע געמיינהייט און ליגן״.

און ער דערקלערט:

„דאָס גאַנצע לעבן גאָרנישט טאָן און עקספּלאָאַטירן די אַרבעט און די בעסטע פרעמדע אינטערעסן, כדי נאָכדעם זיי ווידער אַרויסברענגען (שלעכט, נישטיק, אפשר), איז אַ פאַר-קריפּלונג און פשוט אַ פאַרברעכן״.

זעט מען דאָך, אַז דער מאָטיוו פון פאַרלייקענען די קונסט איז שוין גאָר אַן אַנדערער.

דאָס גיט שוין אַ רעכט אויף קומען צום שלוס, אַז היינטער די סוביעקטיווע איבערלעבונגען פונם קינסטלער, וועלכע זענען אים אַליין געווען באַוווּסט, זענען נאָך געלעגן אומבאַוווּסטע אָביעקטיווע סיבות.

ס'איז געווען ערב באַפרייאונג פון די פּויערן.

דער פּריצישער קלאַס אין זיין אַלטער פאָרמאַציע איז שוין געווען פאַרמשפּט צום אונטערגיין.

אין די זעכציקער יאָרן איז ער אָבער נאָך געווען גענוג פעיק צום קאַמף פאַר זעלבסטאויפהיטונג און טאַקע אין אָט-די יאָרן צעבליט זיך טאָלסטאָי אַלס קינסטלער און דערביי אַלס קינסטלער פון זיין קלאַס, און אַפילו מיט קריגערישער היציקייט... ער שאַפט נישט בלויז דאָס גראַנדיעזע קינסטלערישע בילד „קריג און פרידן״, דאָס זאַפטיקע, העלע און סאַמע ברייטסטע בילד פונם שטייגער-לעבן און מאַנירן פון זיין קלאַס — זיין העלדן-פּאָעמע — זיין „איליאַדע״ און „אָדיסייע״, אונטערן

קוק-ווינקל פון אַן אומצופרידענעם פּרעדיקאַנט, נאָר ער טרעט אויך אַרויס אויפן שלאַכט-פראָנט קעגן די „נייע מענטשן״, קעגן די פּלעבעיער, ליבעראַלן און ראַדיקאַלן, די קעגנער פונם אַדל — אין דער קאָמעדיע „די פאַרפעסטעטע פאַמיליע״, וואָס ער האָט זיך געקליבן אויפפירן אין דעם „קליינעם טעאַטער״. כּדי „אָנ-צושרעקן די שונאים״.

און פונדעסטוועגן איז דאָך דאָס זייער כאַראַקטעריסטיש: כּדי זיך אַרויסצוווייזן ווי אַ קינסטלער, איז טאָלסטאָי געצווען געצוווּנגען (אין „קריג און פרידן״) זיך אָוועקצולאָזן אין דער פאַרגאַנגענהייט פון זיין קלאַס (זאָל אַפילו זיין אין דער באַ-לויכטענער ביז אַ געוויסן גראַד אונטערן קוק-ווינקל פון דער קעגנוואַרט).

עס זענען אַוועק צען יאָר.

ל. נ. טאָלסטאָי טרעט ווידער אַרויס מיט אַ גרויסן ראָמאַן „אַננאַ קאַרענינאַ״.

איצטיקס מאָל האָט ער שוין געפונען פאַר נויטיק זיך צו לאָזן באַגייסטערן פון דער קעגנוואַרט. און ער האָט אונז שוין געגעבן נישט דאָס העלדן-ליד פון זיין קלאַס, נאָר זיין גסיסה. אמת, ס׳פילט זיך נאָך אַלץ אינם ראָמאַן די קריגערישקייט אין דער קלאַסן-אויסשטאַטונג: די בורזשואַזיע, וואָס דריקט דעם פריצישן הויף (די באַנקירן, אייזנבאַן-מאַגנאַטן), ווערט פאַרביי-גייענדיק אָנגעמערקט און אַרויסגעפּירט, ווערט באַהאַנדלט מיט דער גרעסטער פאַראַכטונג. די רעוואָלוציאָנערע פּאָליטישע אינטעליגענץ (קריצקי) ווערט אַרויסגעשטעלט פונקט אַזוי קליינ-לעך און פונקט מיט אַזוי פיל בייזוויליקייט. די פאַרגאַנגענהייט פונם לייבאייגנטום ווערט אָפּן אידעאַליזירט (אין די רעדעס פון איינעם אַ פּריץ, וועלכע ליעווין נעמט אויף סימפּאַטיש). אַלע געשטאַלטן פון דער פריצישער וועלט — נישט געקוקט אויף אָט דער קריגערישער אויסשטאַטונג פונם ראָמאַן — גע-פינען זיך אין אַ צושטאַנד פון סאָציאַלער דעגראַדאַציע, פון אונטערגאַנג — צי דאָס איז וורָאָנסקי, וועלכער דערזעצט, נישט אָן גרונטן, אינם אויסלענדישן פּרינץ זיין אייגענע פּוסטקייט

און נישטיקע צוקונפט; צי אַבאַלענסקי, וואָס בעט הכנעהדיק פאַר זיך אויס ביי די קאַפּיטאַליסטן אַ וואַרעם ערטעלע; צי דאָס איז ליעווינס ברודער ניקאָלאַי, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ צום סאַמע דעק, און, לסוף, טאַקע דער צווילינג-ברודער טאָלסטאָיס — קאָנסטאַנטין ליעווין, וואָס איז נישט פעיק פּראַקטיש צו לעזן דאָס פּראָבלעם פון פירן אַ באַלעבאַטישקייט אויף אַ נייעם אופן (מיט געדונגענע אַרבעטער) און דערפאַר טאַקע גייט ער אַוועק פונם לעבן אין דינסט צו עפעס אַ גאָטהייט.

דער אייגענער קלאַס, וואָס האָט געהאַלטן אין זינקען, דעפּאָרמירט ווערן, אָפּשטאַרבן, האָט מער נישט געקאָנט שפּייזן די שעפערישקייט פון זיין אייגענעם גרויסן קינסטלער.

און טאַקע באמת! אויב אין „קריג און פרידן" און אין „אַננאַ קאַרענינאַ" האָט טאָלסטאָי נאָך נישט געקענט צעוויקלען די ברייטע סאָציאַלע בילדער פון די כאַראַקטערן און דעם שטייגער-לעבן פון זיין אייגענעם קלאַס, האָט ער שוין שפּע־טער — אי דאָס נישט צוליב אַלטקייט, נישט צוליבן זינקען פון זיין טאַלאַנט — געקענט בלויז ווערן דער קינסטלער, שעפּן מאַטעריאַל פאַר זיין שעפערישקייט, כמעט בלויז פון זיין פּער־זענלעכער דערפאַרונג.

נאָך די סאָציאַלע בילדער באַווייזט זיך דער פּערזענלע־כער ודוי, וואָס געפינט זיך שוין פּאָטענציעל אין זיינע גרויסע סאָציאַלע ראָמאַנען.

צוויי געשעענישן פון זיין פּערזענלעכן לעבן האָבן אים „באַזונדערס" געמאַטערט, — ווי ער אַליין האָט דערציילט צו זיין ביאָגראַפיע-שרייבער: די „פאַרבינדונג מיט אַ פויערטע" און דאָס „פאַרברעך", וואָס ער איז באַגאַנגען מיט זיין מומעס אַ דינסטמיידל, וועלכע ער האָט פאַרפירט. דאָס מיידל האָט מען אַרויסגעטריבן און זי איז אומגעקומען *).

איין געשעעניש האָט געגעבן דעם גרונט פאַרן ראָמאַן

*) בירוקאָוו, דריטער באַנד.

„תחית המתים“, דאָס צווייטע — פאַר דער דערציִ׳ל.נג „דער טייוול“.

די צוויי גרעסטע קינסטלערישע ווערק פון טאָלסטאָיס לעצטע יאָרן זענען אַרויסגעוואַקסן פון פערזענלעכע איבער־לעבונגען און דערינערונגען.

צוזאַמען מיטן אונטערגיין פון זיין קלאַס האָט זיך אָפּ־געטאָן פונם קינסטלערס באַוווסטזיין דאָס גאַנצע „סאָציאַלע“. דער שעפערישער געדאַנק זיינער האָט זיך אַ ווענד געטאָן צו „אַלגעמיין־מענטשלעכע“ מאָטיוון, נאָר אָט־די „אַלגעמיין־מענטש־לעכע“ מאָטיוון, אמת, באַלויכטן פונם שטאַנדפּונקט פון אַ גע־וויסער מאָראַל, — די מאָראַל פון אַסקעטיזם און נירוואַנאַ, — זענען באמת געווען מאָטיוון און פּראָבלעמען פון דער ביאָ־לאָגיע. אין דער מאָס, וואָס דער קלאַסן־געזעלשאַפטלעכער באַגאַזש האָט זיך אויסגעוועפּט אין דער פּסיכיק פונם שריפט־שטעלער צוזאַמען מיטן אונטערגיין פונם קלאַס, האָט זיך גלייך אַנטפּלעקט דער ביאָלאָגישער סובסטראַט מיט זיינע באַאומ־רויקנדיקע מאָמענטן — דאָס סעקסועלע און דער טויט. „קריג און פרידן“ און „אַננאַ קאַרענינאַ“ האָבן זיך פאַרענדיקט מיט דער „קרייצער סאָנאַטאָ“ און מיטן „טויט פון איוואַן איליאיטש“. די קונסט פון טאָלסטאָיען האָט געהאַלטן אין אָפּשטאַרבן, ווייל זיין קלאַס, וואָס האָט גענומען פאַלן, דעפּאָרמירט ווערן, אונ־טערגיין, אָרים ווערן אין אינערלעכן אינהאַלט, האָט שוין מער נישט געקאָנט שפּייזן מיט באַלעבנדיקע פּולבלוטיקע זאַפטן די שעפערישקייט פון זיין גרעסטן קינסטלער.

II

און .. נ. טאָלסטאָיען האָט זיך געדאַכט, אַז די קונסט בכלל שטאַרבט־אָפּ.

די פּאָעזיע האָט געבליט, געווען באַדייטנדיק און הויך בלויז כל־זמן זי האָט זיך געשפּייזט מיט פּריצישן באָדן, מיט ערד־אַרבעט, — בכלל מיט דער פאַר־קאַפּיטאַליסטישער קולטור

אָבער ווען ס'האָט זיך איינגעשטעלט די שטאָטישע, בורזשואַזע, „פסעוודאָ-ציוויליזאַציע", האָט די קונסט אָנגעהויבן צו פאַלן און פאַלן אי אין מערב-אייראָפּע, אי ביי אונז.

אין דער אַמעריקאַנישער ליטעראַטור, — האָט טאָלסטאָי געשריבן אינם יאָר 1898 *) נאָך דער „גרויסער פּלעיאַדע" — עמערסאָן, טאָראָ, וויטיער (אַלע זענען זיי פאַרבונדן מיטן פריצישן, פאַר-קאַפּיטאַליסטישן פעריאָד פון אַמעריקע), —

„באַווייזן זיך ראָמאַנען און דערציילונגען, וואָס ס'איז אוממעגלעך צו לייענען, ווייל זיי האָבן פשוט נישט קיין שום אינהאַלט.

„אין ענגלאַנד נאָך דיקענסען (טאָלסטאָיס ליבלינג, כאָטש אַ שטאָטישער שריפטשטעלער, אָבער פסיכאָ-אידעאָלאָגיש פאַר-בונדן מיט דעם פאַר-קאַפּיטאַליסטישן האַנט-ווערקערישן ענג-לאַנד) הויבט אָן צו הערשן די גלייכגילטיקע פאַבריקאַציע פון די קיפּלינגס און אַנדערע".

„און פונקט אַזוי גייט דער רום ביי אונז איבער „נאָך פּושקינען, לערמאָנטאָוון, טיוטשעוון" צו אַ ריי צווייפלהאַפטע פּאָעטן (צו מאַיקאָוון, פּאָלאָנסקין, פעטן, וואָס זענען נאָך דווקא פאַרבונדן מיט דער פריצישער וועלט), און צו נעקראַסאָוון, „וואָס האָט אַבסאָלוט נישט קיין פּאָעטישן טאַלאַנט" **).

„און לסוף קומט-אָן די עפּאָכע פון סימבאָליזם, ווען אַלץ ווערט אויסגעמישט אין איין קאַשע און עס באַווייזן זיך פערזן-שרייבער, וועלכע ווייסן אַפילו נישט וואָס פּאָעזיע איז אַזוינס".

און אַזוי האָט טאָלסטאָי אין זיינע שמועסן מיט די היימישע מענטשן נישט איינמאָל אויסגעדריקט דעמזעלביקן

*) פאָרוואָרט צו דער רוסישער איבערזעצונג פון פּאָלענצ'עס ראָמאַן „דער פּויער".

**) וועמעס פערז איז „גראָב און באַנאַל". גוסיעוו. „צוויי יאָר מיט טאָלסטאָיען".

געדאַנק וועגן דעם זינקען און וועגן דעם טויט פון דער קונסט (אין דעם בורזשואַז-שטאַטישן פעריאָד).

„איך געדענק שוין פון לאַנג נישט, אַז איך זאָל האָבן איבערגעלעבט אַ שטאַרקן קינסטלערישן איינדרוק פון אַ ליטע-ראַריש ווערק. איך קלער נישט, אַז דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס איך בין אַלט. מיר דאַכט זיך, אַז די היינטיקע ליטע-ראַטור, ווי אַמאָל די רוימישע, דערנענטערט זיך צום סוף. ס'איז נישטאָ קיינער נישט אין מערב-אייראָפּע, נישט ביי אונז" *).

אויב אין זיין בוך וועגן קונסט האָט טאָלסטאָי דער-קלערט די גאַנצע קונסט פון מערב-אייראָפּע, פונם רענעסאַנס ביזן סימבאָליזם — מיט געוויסע אויסנאַמען — פאַר פּשוט „געפּעלשטער" קונסט, טרעט שוין אַרויס אין זיינע שמועסן וועגן דער רוסישער ליטעראַטור פון זיין צייט (אינם קרייז פון היימישע מענטשן) אַ פולשטענדיקער ווידערווילן זי צו פאַרשטיין. ליובנדיק אַ ביסל טשעכאָוון, אַמאָל קופּרינען, אַמאָל אויך סעראַ-פימאָוויטשן, האָט טאָלסטאָי נישט אויפגעהערט צו איבערחזרן:

„די היינטיקע רוסישע שריפטשטעלער האָבן אינגאַנצן פאַרלוירן דעם חוש דערפון, וואָס מען דאַרף שרייבן און וואָס מען דאַרף נישט, זיי האָבן נישט וואָס צו זאָגן".

„די היינטיקע רוסישע ליטעראַטור בכלל, און מ. גאָרקי בפרט, האָט זיך אָפּגעווענדט פון יענע הויכע עטישע פּראָב-לעמען, מיט וועלכע זי פלעגט זיך פריער באַשעפטיקן".

„די גאַנצע נייע קונסט איז, פונקט ווי באַלמאָנטס פּערזן, עפּעס אַ מין איבערגעזאַלצענע קאַריקאַטור אויף נאַרישקייט" **).

אין אָט-דעם אַלגעמיינעם זינקען פון דער ליטעראַטור (פונם בורזשואַזן פעריאָד), וואָס האַלט זיך טאָלסטאָיען אין איין חלומען, האָט ער אַנטדעקט אַ „מערקווירדיקן" שריפטשטעלער. אָבער פונקט ווי אין אַלגעמיינעם פאַרלייקענען פון דער שטאָ-

*) גאָלדענהייזער. „נאָענט צו טאָלסטאָיען".

**) גאָלדענזייגער אינם דערמאָנטן ווערק.

טישער, בורזשואַזער קונסט, אַזוי ציינגט זיך אויך קלאָר אַרויס אין זיינע פּאָזיטיווע אָפּשאַצונגען דאָס קלאַסן-געפיל פונם לעצטן טרעגער פון דער פריצישער ליטעראַטור.

ווען דער דייטשער שריפטשטעלער פאָלענץ איז געשטאָרבן האָט טאָלסטאָי געשריבן (אין אַ פריוואַטן בריוו):

„דאָס איז געווען אַ גרויסער שריפטשטעלער, וואָס האָט אין זיך פאַרייניקט אין אַ גלייכער מאָס אַלע דריי אייגנשאַפטן, וואָס אַ שריפטשטעלער דאַרף האָבן: שטענדיק אַ וויכטיקן אינהאַלט, אַ שיינע טעכניק און אַ גרויסן ערנסט, ד. ה. ליבשאַפט צו אַלץ, וואָס ער באַשרייבט. ס'איז אַ גרויסער שאָד, וואָס דער עולם האָט נישט אָפּגעשאַצט לויט זיין ווערט אָט-דעם מערקווירדיקן שריפטשטעלער. אָבער אויב ער איז נישט אָפּגעשאַצט געוואָרן פון זיינע צייט-חברים, וועלן אים אָפּשאַצן די שפּעטערדיקע דורות"*).

כדי דורכצופירן אַ זייער באַלערנדיקן פּאַראַלעל, וועלן מיר דערמאָנען, אַז דעם גרעסטן דייטשן דיכטער (אמת, פון דער בורזשואַזיע, אָבער פון דער אויפגייענדיקער), געטע'ן, האָט טאָלסטאָי אָנגערופן „נישטיקער מענטש", און זיין „פאַוסט" האָט ער אַריינגעשטעלט צווישן די „אַבסאָלוט שלעכטע ווערק".**)

אָבער ווער איז פאָלענץ? אַן אָפּשטאַם פון אַן אַלטער אָדעליקער פאַמיליע, וואָס איז פאַרוואָרפן געוואָרן ערגעץ אין אַ גרויסער שטאָט, ווו ער ווערט שיעור נישט דערשטיקט, קערט זיך אום צוריק אין זיין זאַקסישן מאַיאָנטעק, ווו ער האָט געקאָנט פריי שאַפן, פונקט ווי טאָלסטאָי אין זיין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ (בשעת אין מאָסקווע איז טאָלסטאָיס שפּעפערישע פעיקייט געוואָרן אויסגעטרוקנט. זע זיין בריוו צום מאָלער גע. ביריוקאָוו, דריטער באַנד). אַ גרויסע ווירקונג אויף פאָלענצן

*) די געשיכטע-שרייבער פון דער דייטשער ליטעראַטור זענען שוין טיף איינגעהאַלטענער. למשל, קומער שרייבט: „אַ זאָרגער, נאָר נישט קיין קלאַסאַלער שריפטשטעלער".

**) ביריוקאָוו, פערטער באַנד.

האָט געהאַט מ. פאָן עגידי, אַן אַריסטאָקראַטישער אָפיציר, וואָס האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם מונדיר און אַרויסגעטראָטן אַלס פּריי־דיקער פונם קריסטלעכן „סאָציאַליזם". דריי ראָמאַנען האָט פּאָלענץ אָנגעשריבן, לויט טאָלסטאָיס ריכטיקער דעפיניציע: אַ „פויערישן" — „אַ פויער" וצו אָט־דעם ראָמאַן האָט טאָלסטאָי אָנגעשריבן אַ פאָרוואָרט), ווו אַ פויער קומט־אום אינם קלעם פונם שטאָטישן קאַפּיטאַל; אַ „פּריצישן" („גראַבענהאַגער"), ווו אַ פּריץ, נאָך אַ צעשטרייטן וועלטלעכן לעבן קערט זיך אום צוריק אין זיין מאַיאָנטעק צו דערפילן זיין חוב אַלס דערציער פון די אַרומיקע פויערן; און דער דריטער — אַ „רעליגיעזער" („פּפאַרער פאָן ברייטענדאָרף"), ווו אַ גלח אויס טיפן געפיל צום קריסטלעכן גלויבן טרעט אַרויס פון דער קירך.

„אָט־דער ראָמאַן, — האָט טאָלסטאָי געשריבן, — איז פּראַכטפול אי לויט זיין פאָרם, אי לויט זיין אינהאַלט".

דאָס אַלץ איז פולשטענדיק אין טאָלסטאָיס גייסט. פּאָ־לענץ איז אַ „מערקווירדיקער" שריפטשטעלער, ווייל אין אים איז פאַראַן אַ קלאַסן־קרובהשאַפט צום יאַסנאַ־פּאָליאַנער פּריץ. נאָר אויב פּאָלענצעס פּריץ האָט „טיף געגלויבט ווי אין דער ביבל", אַז „פאַרן אַדל שטייט נאָך פאָר אַ גרויסע צוקונפט", ווייל ער איז „אַזוי שטאַרק אַריינגעוואָקסן אינם באָדן, וואָס איז באַאַרבעט געוואָרן גאַנצע יאָרהונדערטן, און מען קאָן אים פשוט נישט אַרויסוואַרפן פונם לעבן"*), — איז שוין אָט־די פאַנטאַסטישע האָפענונג נישט געווען ביים שאַפער פון קאָנס־טאַנטין ליעווין, ביי טאָלסטאָיען, ביי אָט־דעם „בודאַ פון דעם רוסישן אַדל", ווי איינער פון זיינע ביאָגראַפן האָט אים טרעפ־לעך אָנגערופן**).

*) אַ ציטאַט פון פּאָלענצעס ראָמאַן לויט קומערן („די דייטשע ליטעראַטור פונם 19־טן און 20־טן יאָרהונדערטן")

**) מאַלאָסטאָוו און סערגעענקאָ. „לעוו טאָלסטאָי", סאָיקינס פאַרלאַג.

III

די קונסט פונם פריצישן אַדל האָט געהאַלטן אומעטום אין אָפּשטאַרבן. די קונסט פון דער שטאָטישער בורזשואַזיע, וואָס איז אויפגעקומען אויף איר אָרט, איז געווען דורכאויס „סוראָגאַט".

די רעטונג פון דער קונסט איז געלעגן אין דער קונסט פונם פאָלק.

טאָלסטאָי האָט זיך לכתּחילה פאָרגעשטעלט אָט-די קונסט, ווי אַ באַשרייבונג, לויט די אידעאַלן פונם פויערטום, פון דעם שטייגער-לעבן פון די פויערן. אין די זיבעציקער יאָרן פאַרטראַכט ער אַ ראָמאַן (וועגן די דעקאַבריסטן), וווּ ער וויל אָפּגעבן דאָס צענטראַלע אָרט אַ פויערישער פאַמיליע, וואָס האָט זיך אַרויסגעקליבן קיין סיביר. „דעם פויערישן ראָמאַן" האָט ער טאַקע נישט אָנגעשריבן, ווייל דאָס „שטייגער-לעבן" פון אָט-דעם קלאַס איז פאַר טאָלסטאָיען געווען „שווער" (טאָג-בוך פון סאָפיאַ אַנדרייעוונאַ).

לייענענדיק אין די ניינציקער יאָרן פּאָלענצעס ראָמאַן „אַ פּויער", האָט טאָלסטאָי אַריינגעשריבן אין זיין טאָג-בוך:

„דאָס פּראַכטפולע קאַפּיטל אין פּאָלענצעס ראָמאַן, וואָס רעגט מיך זייער אָן, אָבער איצט איז שוין איבעריק צו שרייבן" *).

און אויך דאָס מאָל איז דער פויערישער ראָמאַן נישט געשאַפן געוואָרן, — אָנשטאָט אים איז געבוירן געוואָרן די פויערן-דראַמע „די מאַכט פון פינסטערניש". ווען אָט-די פּיעסע איז פאַרענדיקט געוואָרן, האָט טאָלסטאָי באַשלאָסן צו באַקענען די דאָרפישע אוידיטאָריע מיט איר. געלייענט האָט סטאַכאָוויטש, וואָס גיט אַזוי איבער אָט-די סצענע אין זיינע „דערינערונגען":

---

*) בירוקאָוו, פערטער באַנד. לויט גאָלדענווייזערן, האָט טאָלסטאָי אַפילו אויסגעשריען: „פאַרוואָס האָב איך, נאַר, נישט אָנגעשריבן אָט-דעם ראָמאַן. איך קען דאָך אָט-דאָס לעבן".

„די פויערן האָבן שווייגנדיק געהאָרכט. בלויז דער בו־פעטשיק האָט רוישיק אויסגעדריקט זיין באַגייסטערונג (!) מיט אַ הויך געלעכטער (!). די פאַרלעזונג האָט זיך געענדיקט. ל. נ. האָט זיך געווענדט צו אַ באַיאָרנטן פויער, וואָס איז געווען זיין באַליבטער תּלמיד אין דער יאַסנאַ־פּאָליאַנער שול, און אים געפרעגט, ווי עס געפעלט אים דאָס פאָרגע־לייענטע ווערק.

דער פויער האָט געענטפערט:

„ווי זאָל איך דיר זאָגן, לעוו ניקאָלאַיעוויטש, מיקיטאַ האָט אָנפאַנגס גאַנץ רירעוודיק אפּיר געטאָן די זאַך... אָבער נאָכדעם האָט ער שוין קאַליע געמאַכט".

אַפילו צום האַרצן פון טאָלסטאָיס „ליבסטן תּלמיד" איז די דראַמע זיינע — מיט איר „טאָלסטאָיאישער אינטערפּרע־טאַציע" פונם פויערישן לעבן — נישט דערגאַנגען.

און טאָלסטאָי האָט שוין מער „קיינעם נישט געפרעגט" *).

אָבער אפשר איז די קונסט פונם פאָלק נישט קיין קונסט וועגן דעם פאָלק, נאָר אַזאַ, וואָס ווערט געשאַפן פונם פאָלק — פון די האָרעפּאַשניקעס?

אין זיין בוך וועגן קונסט, ווו טאָלסטאָי שאַצט־אָפּ די גאַנצע עוואָלוציע פון דער ליטעראַטור, פון איין זייט, פונם שטאַנדפּונקט פון דער קריסטלעכער רעליגיע, אָבער אין עצם, גיכער פון אַלץ, פונם שטאַנדפּונקט פון דעם פּרימיטיוון פויער, פון דער פּרימיטיווער גרעזלשאַפטלעכער איינאָרדנונג, האָט ער, ווי באַוווסט, פּראָקלאַמירט, אַלס זיין סאַמע לעצטע חכמה, אַז „עכטע קונסט" איז נישט „האַמלעט אין ראָסיס אויפפירונג", נישט „בעטהאָווענס הונדערט־ערשטע סאָנאַטע", — דאָס זענען אַלץ „נישט געלונגענע פּרוּוון פון דער קונסט", — נאָר דווקא די יעגערישע פאַנטאָמימע פון די וואָגולן, וועגן וועלכער ער האָט געלייענט, און דאָס ליד פון די דאָרפישע פויערטעס אונ־טערן אַקאָמפּאַנימענט פון די קאָסעס, וואָס מען שאַרפט, פויער־

*) בירוקאָוו, דריטער באַנד.

טעס, וואָס זענען געקומען צו „גרויסן" זיין כאָכטער, וואָס האָט חתונה געהאַט, — דווקא דאָס האַלט ער פאַר „עכטער" קונסט.

פאַרוואָס איז אָט־דאָס־אָ עפּעס „עכטע" קונסט?

דערפאַר וואָס אי די פאַנטאָמינע פון די וואָגולן, אי דאָס ליד פון די פויערטעס לאָדן אָן אַ סך בעסער דעם צוהערער מיט די פּאַסיקע געפילן, ווי די שאַפונגען פון דער „העכערער" קונסט.

אָבער, ראשית, איז דאָס ווי ווען, און צווייטנס, פון אָט־דעם שטאַנדפּונקט — פאַרוואָס זענען עפּעס נעקראַסאָווס לידער אָדער טשערנישעווסקיס ראָמאַן „וואָס טוט מען" נישט קיין עכטע קונסט, זיי האָבן דאָך טאַקע גאַנצע דורות לייענער און צוהערער אָנגעלאָדן נישט בלויז מיט געוויסע געפילן, נאָר אויך מיט אַ גרייטקייט אָט־די געפילן איבערצושאַפן אין פּאַסיקע האַנדלונגען?

טאָלסטאָי איז גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז די קונסט פון דער בורזשואַזער עפּאָכע קאָן נישט ווערן קיין „קונסט פונם פאָלק". אָבער פונקט אַזוי קלאָר איז דאָך, אַז די „פאָלקס"־קונסט פון דער סאָציאַליסטישער עפּאָכע, וועלכע וואַקסט אַרויס פון אַ הויך־אַנטוויקלטער באַזע פון עקאָנאָמיק און געזעלשאַפטלעכקייט, קאָן נישט האָבן קיין שום געמיינזאַמעס מיט דער טאָלסטאָיאישער „עכטער" קונסט, וועלכע ווערט געבוירן פון אַ פרימיטיווער ווירטשאַפטלעכער און פונקט אַזאַ פרימיטיווער סאָציאַלער אָרדנונג.

IV

די וועלט פון קינסטלערישע וויזיעס, וואָס ל. נ. טאָלסטאָי האָט אונז איבערגעלאָגט בירושה, ווי די הויפּט־טעמע אין לעצטן סך־הכל זענען די פסיכאָלאָגישע פּראָצעסן (דערויף האָט נאָך ביים סוף פון די פופציקער יאָרן טרעפלעך אָנגעוויזן נ. ג. טשערנישעווסקי אין אַ רעצענזיע פונם „סאָוו. דעמעניק"),

בילדער פון עטישע זוכונגען און גייסטיקע איבערקערענישן, אָט-די וועלט האָט נישט, טאַקע צוליב דעם אַליין, קיין שום מאָלערישקייט. ס'איז אין איר פאַראַן זייער ווינציק קאָלירן. נישט אומזיסט איז טאָלסטאָי געווען אַזוי גלייכגילטיק צו דער קאָלירן-זייט פון דער מאָלעריי.

אָבער איין קאָליר האַלט זיך ביי אים אין איין באַוויזן — טאָלסטאָיס באַליבטער קאָליר — דער לילאַ-קאָליר (פון אַלע בלומען האָט ער אַממערסטן געהאַלטן פונעם העליאָטראָפּ *) איינער אַ קענער פון טאָלסטאָיס טעקסטן האָט מיט אַ מאָסע ביישפּילן פון טאָלסטאָיס שאַפונגען אין פאַרשידענע עפּאָכעס איבערצייגנדיק באַוויזן, אַז אָט-דער קאָליר איז עפּעס ווי צוגעקלעבט צו טאָלסטאָיען און הערשט ביי אים שטענדיק איבער אַלע אַנדערע קאָלירן, אַפילו דאָרטן, וווּ ער איז אַבסאָלוט נישט פּאַסיק — די וואָלקנס אויפן הימל האָבן ביי אים אַ לילאַ-קאָליר, די בלומען אויף דער ערד, די פּרויען-קליידער און (דאָס גיבן מיר שוין אַליין צו) די סטענגעס אויף די דאַמען-הייט האָבן ביי אים דעם לילאַ-קאָליר.

דער שרייבער, וואָס האָט געמאַכט אָט-די באַאָבאַכטונגען, נעמט זיך נישט צו דערקלערן די סיבה, צוליב וועלכער אָט-דער קאָליר האָט אים אַזוי באַהערשט. דאָ קאָן מאַכן אַלערליי השערות.

אויף ד בילדער פון די אַלטע אייראָפּעאישע מאָלער איז דער לילאַ-קאָליר אָפּט דער קאָליר פון די קאָסטיומען פון די אַריסטאָקראַטישע אַסקעטן, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דער וועלט, כאָטש זיי האָבן נאָך איר געבענקט, מיט אַ באַהאַלטענער אָדער דערשטיקטער בענקשאַפט, געבענקט נאָך איר זינדיקער פרייד.

אין אָט-דער לילאַ-קאָלירטער וועלט פון טאָלסטאָיאישע וויזיעס פלאַמט פלוצלינג אויף — זעלטן און העל — אַן אַנדער קאָליר: דאָס רויטע ליינען-קליידל פון דער פויערטע סטעפּאַ-

---

*) גאָלדענווייזער. „נאָענט צו טאָלסטאָיען".

ניזע. װער זי איז, װײסן מיר נישט. דער קינסטלער האָט נישט אַנטפּלעקט פאַר אונז איר נשמה. זי װערט בלױז געגעבן, װי אַ רױטער פלעק, װאָס שרעקט דעם פריץ אירטעניעװן.

זי איז אינגאַנצן פון אונזער ערד. אין איר איז אונזער גאַנצע װעלט, װאָס װערט אױפגענומען דורך אונזערע חושים.

זי איז דער גרױסער „שטן" און „זינד".

און טאָלסטאָי, װאָס האָט זיך אידענטיפיצירט מיט זײַן העלד, װאָס מאַטערט זיך נעבעך אומזיסט אױפצוהױבן זײַן װירטשאַפט אױף דערזעלבער הױך, װאָס זי איז געשטאַנען אינעם "זײדנס" צײַטן, אײַלט זיך — װי דער „בודאַ פונעם רוסישן אַדל" — גיכער אײַנצולעשן אַט־דעם פײַנטלעכן און פרעמדן זינדיקן קאָליר — דעם סימבאָל פון ערדישן חומר און ערדישן לעבן. *)

---

*) אין דעם ערשטן װאַריאַנט פונעם „טײַװל" הרגעט אירטעניעװ סטעפּאַנידען; אין דער ענדגילטיקער רעדאַקציע — הרגעט ער זיך אַלײן.

ל. מאַרטינאָוו

לעוו טאָלסטאָי, אַלס דענקמאָל פון דער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט

דער דיכטער פון דער אויסזיכטלאָזער איבערגאַנגס-עפּאָכע

ס'זענען פאַראַן מענטשן, וואָס האַלטן זיך פאַר מאַרקסיסטן, וועלכע באַהויפּטן, אַז עס האָבן עקזיסטירט צוויי געשטאַלטן פון לעוו טאָלסטאָי: טאָלסטאָי דער מאָראַליסט האָט געפּריידיקט רעאַקציאָנערע אידעען, וועלכע דאַרפן אָפּגעוואָרפן ווערן; דאַקעגן, טאָלסטאָי דער קינסטלער האָט באַשאַפן „אייביקע ווערטן", וועלכע זענען נאָך עד היום פאַר אונז אָנגענעמבאַר. אַזאַ שטעלונג איז לחלוטין נישט ריכטיק, און פון מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט פּשוט אומזיניק. אמת, אין טאָלסטאָיס ווערק זענען פאַראַן אַ סך ווידערשפּרוכן. אַ גענוגנדיקן צעטל פון דיזאָזיקע ווידערשפּרוכן קאָן מען געפינען אין לענינס אַרטיקל „לעוו טאָלסטאָי, אַלס שפּיגל פון דער רוסישער רעוואָלוציע". אָבער די אַלע ווידערשפּרוכן פאַלן נישט צונויף מיט דער סתירה צווישן טאָלסטאָיס קינסטלערישע ווערק און זיין אַזוי-גערופענער „לערע". צווישן זיי עקזיסטירט זייער אַן ענגע און אָרגאַנישע פאַרבינדונג. אין טאָלסטאָיס קלאַסישע קינסטלערישע ווערק זענען שוין געווען די יסודות פאַר די סתירות, וועלכע האָבן אין די 80-ער יאָרן, ביי אַ קאָמפּליצירטערן געזעלשאַפטלעכן מצב, געשטויסן טאָלסטאָיען אויפן וועג

פון תשובה, פון נישט אַנטקעגנשטעלן זיך דעם שלעכטס, פון אַסקעטיזם א. ד. ג. און טאַקע אָט אָ די סתירות, וועלכע האָבן זיך געוויזן אין די קינסטלערישע ווערק פון טאָלסטאָיען, האָבן אים געמאַכט פאַרן בולטן אויסדריקער פון אַ גאַנצער היסטאָרישער תקופה אינם לעבן פון רוסישן פאָלק.

לעוו טאָלסטאָיס קלאַסישע קינסטלערישע ווערק געהערן צום פעריאָד פון דער סעבאַסטאָפּאָלער מלחמה, ד. ה. ערב דער באַפרייאונג פון די פויערן, ביז צום סוף 70-ער יאָרן, ווען די נאַראָדאָוואָלצעס, די קעמפער פון דער בורזשואַזער רעוואָלוציע, זענען אַריינגעטרעטן אין אַ דועל-קאַמף מיט דער צאַרישער זעלבסטהערשאַפט. אָט אין דערדאָזיקער צייט האָט לעוו טאָלסטאָי אָנגעשריבן זיינע באַרימטע „סעוואַסטאָפּאָלער סקיצן" (יאָרן 1855–1856), זיין עפּאָפּעע „מלחמה און שלום (1865–1869), זיין בעסטן ראָמאַן „אַננאַ קאַרענינאַ" (1875–1877) און נאָך אַ סך אַנדערע קלענערע אָבער גלענצנדע קינסטלערישע ווערק. צו דעמדאָזיקן פעריאָד (די 60-ער יאָרן) געהערן אויך זיינע פּעדאַגאָגישע אַרטיקלען, וועלכע האָבן בשעתּו אָנגעמאַכט אַ גרויסן טומל.

וואָס זענען געווען די כאַראַקטער-שטריכן פון דערדאָזיקער עפּאָכע?

דאָס איז געווען אַן איבערגאַנגס-עפּאָכע — אַ רעפאָרמערישע און נאָך-רעפאָרמדיקע, אָבער אַ פ אַ ר - רעוואָלוציאָנערע.

דאָס איז געווען אַ עפּאָכע, ווען די אָרדנונג פון לייב-אייגנטום איז שוין געווען אַדורכגעפוילט דורך און דורך, ווי דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן בעת דער סעבאַסטאָפּאָלער מלחמה; ווען די פריצישע קולטור איז שוין אַוועק אין דער פאַרגאַנגענהייט, און די בורזשואַזע קולטור, וואָס האָט פאַרנומען איר אָרט, האָט זיך נאָך אויסגעדריקט בלויז אין די עקלדיקע פאָרמען פון פרייער רויבערישער, קאַפּיטאַליסטישער אָנזאַמלונג.

דאָס איז געווען אַן עפּאָכע, ווען ס'איז אין רוסלאַנד רייף געוואָרן די באַדערפֿעניש אין אַ בורזשואַזער אַגראַר-רעוואָלוציע,

נאָר עס זענען נאָך נישט געווען די קלאַסן-כּוחות אויף דורכ־צופירן דידאָזיקע רעוואָלוציע.

דאָס איז געווען אַן עפּאָכע, ווען די צענטראַלע פיגור אין רוסלאַנד, אויף וועמען עס זענען „געווען געווענדעט די בליקן פון אַלע פרייהייטס-שטרעבנדיקע מענטשן, איז געווען דער פויער, און דער פויער האָט רעטענישפול געשוויגן. זיי־ענדיק אונטער דעם טאָפּלטן יאָך פון די איבערבלייבעכצן פונם לייבאייגנטום און פון דער אַלץ שטאַרקער ווערנדיקער „געלט-מאַכט״, וועלכע האָבן חרוב געמאַכט דאָס דאָרף, האָט ער גע־טראָגן דעמדאָזיקן טאָפּלטן יאָך פּאַסיוו, ווארים עס האָט נאָך דאַמאָלס נישט אויפגעוואַכט דער קומענדיקער העגעמאָן פון דער רוסישער בורזשואַז-דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע — דער פּראָלעטאַריאַט.

דאָ איז געווען אַן עפּאָכע, ווען די „טרעגער פון פּראָג־רעס״ אין רוסלאַנד זענען געווען, פון איין זייט, ליבעראַלן, וועלכע האָבן, מיט דער ברכה פון דער צאַרישער רעגירונג, געמאַכט אַ גרויסן טומל פון דער נעבעכדיקער פאַרגיטיקונג פאַרן לייבאייגנטום, און פון דער צווייטער זייט — די פאָלקס-רע־וואָלוציאָנערן, וועלכע זענען געגאַנגען מיט סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע אין דאָרף, אָבער זיי האָבן דאָרט כּמעט קיין שום אָפּקלאַנג נישט געפונען.

דאָס איז געווען, מיט איין וואָרט, אַן עפּאָכע פון אַ צייט־ווייליקן היסטאָרישן טעמפּן ווינקל און פון אַ היס־טאָרישער אויסזיכטלאָזיקייט, ווען דאָס אַלטע, פעאָ־דאַלע איז אָפּגעשטאָרבן, און דאָס נייע איז נאָך געווען אין נעפּל.

ל. טאָלסטאָי אַליין האָט זייער קלאָר כאַראַקטעריזירט די אייגנשאַפטן פון דערדאָזיקער איבערגאַנגס-עפּאָכע דורך ק. לעווין אינעם ראָמאַן „אַננאַ קאַרענינאַ״:

„...די געשפּרעכן וועגן געזעצגעבונג, ווענן דינגען אַרבע־טער א. ד. ג., וועלכע, ווי לעווין האָט געוווסט, מ'איז געווינט צו האַלטן פאַר זייער נידעריקע... האָבן זיך אים, לעווינען,

איצטער אויסגעוויזן אַלס די איינציק וויכטיקע... דאָס איז אפשר געווען נישט וויכטיק בשעתן לייבאייגנטום, אָדער ס'איז נישט וויכטיק אין ענגלאַנד. איןביידע פאַלן זענען די באַציאונגען קלאָר-באַשטימטע; אָבער ביי אונז, איצטער, ווען אַלץ האָט זיך איבערגעדרייט און ס'נעמט זיך ערשט איינאָרדענען, איז די פראַגע וועגן דעם, ווי אַזוי וועלן דידאָזיקע באַדינגונגען זיך אויסבילדן, די איינציק וויכטיקע פראַגע אין רוסלאַנד" — האָט געמיינט לעווין".

אַזוי-אַרום איז דאָס לייבאייגנטום, וואָס האָט זיך אינגאַנצן „איבערגעדרייט", געווען אַלעמען גוט באַקאַנט. נאָר דאָס, וואָס האָט אָנשטאָט דעם געדאַרפט אָנקומען, וואָס עס האָט זיך „ערשט אויסגעבילדעט" — איז געווען אומבאַקאַנט און אומ-פאַרשטענדלעך פאַר דער ברייטער מאַסע פון דער באַפעלקע-רונג, און איר פראָגרעסיווער אינטעליגענטער טייל האָט דער-עיקר מורא געהאַט, אַז רוסלאַנד זאָל נישט טרעפן דערזעלבער גורל, וואָס האָט געטראָפן ענגלאַנד, — די פּראָלעטאַריזאַציע פון די ברייטע פאָלקס-מאַסן.

אָט אָ די ווידערשפּרוכן פון דער פאַר-רעוואָלוציאָנערער איבערגאַנגס-עפּאָכע האָבן באַקומען אַ באַזונדער קלאָרע אָפּ-שפּיגלונג אין די ווערק פון טאָלסטאָיען. ער האָט אָפּגעוואָרפן די פאַרפוילטע קולטור פון לייבאייגנטום מיט איר פריצישער אידעאָלאָגיע, מיט איר אָפיציעלער קירך, מיט איר ביוראָקראַ-טישער מלוכה, און ער האָט געקוקט מיט עקל אויף דער, אין שמוץ געבוירענער, עגאָאיסטישער, געלט-גייציקער בורזשואַזיע. און נישט דערזעענדיק אינם דאַמאָלדיקן נעפּל דעם וועג פון רוסלאַנדס היסטאָרישן פּראָגרעס און האַלטנדיק, ממילא, די אידעע גופא פון פּראָגרעס פאַר אַן „אָבערגלויבן", האָט ער, אַזוי ווי ז ש אַ ן ז ש אַ ק ר ו ס אָ, אָפּגעלייקנט די ציוויליזאַציע" בכלל און איז געוואָרן דער זינגער פון סטיכישקייט, פונם אומגעצוימטן לעבן פון פּויערטום, פון דער קאַראַטאַיעווישקייט.

בכדי גוט צו פאַרשטיין לעוו טאָלסטאָיען מיט אַלע זיינע סתירות, דאַרף מען באַטראַכטן יענע עוואָלוציע, וועלכע ער

האָט דורכגעמאַכט אין משך פון זיין לאַנגן לעבן. אין לעבן פון לעוו טאָלסטאָי קאָן מען זען דריי פעריאָדן: דער ערשטער פעריאָד — איז דער פעריאָד פון טאָלסטאָיס קינדהייט, יינגלשאַפט און יוגנט, ווען עס האָט זיך, אונטערן איינפלוס פון ירושהדיקייט און פון דער פאַמיליען-סביבה, ויס-געבילדעט זיין כאַראַקטער. דערדאָזיקער פעריאָד האָט זיך אָפּ-געשפּיגלט אין זיינע זכרונות, אין זיין דערציילונג „קינדהייט און יינגלשאַפט" און אין דער דערציילונג „דער פרימאָרגן פון אַ פריץ". אין דעמדאָזיקן פעריאָד איז נאָך טאָלסטאָיס אינטע-רעסן-קרייז נישט אַרויס מחוץ די גרענעצן פון זיין פאַמיליע. דער צווייטער פעריאָד — איז פון מיטן 50-ער יאָרן ביזן סוף 70-ער יאָרן, ווען עס האָט זיך, אונטער דער ווירקונג פון דער סעבאַסטאָפּאָלער מלחמה, וועלכע האָט געעפנט אַלע ווונדן פונם לייבאייגנטום, אָנגעהויבן אין רוסלאַנד אַ שטאַרקע ברויזונג, און ס'איז געקומען אַ צייט, וואָס די ליבעראַלן האָבן זי פּראָקלאַמירט אַלס „די ערע פון גרויסע רעפאָרמען". אין דעמדאָזיקן פעריאָד האָט זיך ביי טאָלסטאָיען, דעם דירעקטן אָנטיילנעמער אין דער סעבאַסטאָפּאָלער מלחמה, געשאַפן זיין געזעלשאַפטלעכע אידעאָלאָגיע, וועלכע האָט געפונען איר אָפּשפּיגלונג אין זיינע קלאַסישע קינסטלערישע ווערק. דער דריטער און לעצטער פעריאָד פון זיין לעבן הייבט זיך אָן מיט דעם דערשיינען פון זיין „ווידוי" (יאָרן 1879—1882). אין דעמדאָזיקן פעריאָד קומט-אָן ביי טאָלסטאָיען, אונטערן איינדרוק פון די פאַרשאַרפטע ווידערשפּרוכן אינם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן לעבן פון רוסלאַנד, די אַזוי-גערופענע „אַנטפּלעקונג", ווען פון איין זייט טרייסלט ער פון זיך לחלוטין אַראָפּ דעם שטויב פון דער פריצישער און קאַפּיטאַליסטישער „ציוויליזאַציע", און פון דער צווייטער זייט גייט ער אַלץ מער אַוועק פון לעבן און גיט זיך איבער דעם ראַציאָנאַליסטישן קריסטלעכן אַסקעטיזם. צו דעם פעריאָד געהערן זיינע מאָראַ-ליזאַטאָרישע אַרטיקלען — „ווידוי", „וועגן דער פאַלקסציילונג אין מאָסקווע", „וואָס איז מיין גלויבן?", „וואָס זשע האָבן מיר

צו טאָן?", „גאָרנישט טאָן" א. אַז. וו. און זיינע מאָראַליזאַטאָ־רישע דערציילונגען פאַרן פאָלק — „מיט וואָס מענטשן לעבן", „לאָזטו אָפּ אַ פייער — וועסטו שוין נישט פאַרלעשן", „צי דאַרף דער מענטש אַ סך ערד?" א. אַז. וו. און ענדלעך, צו דעמ־דאָזיקן דריטן פעריאָד געהערן אויך אַ ריי קינסטלערישע ווערק, וועלכע טראָגן טיילווייז אַ שאַרף פּראָפּאַגאַנדיסטישן כאַראַקטער, ווי „ניקאָלאַי פאַלקין", „די פרוכטן פון השכלה", און טיילווייז באַווייזן זיי טאָלסטאָיס אַוועקגאַנג פון דער אַזוי־גערופענער „געזעלשאַפט" אָדער פון דער וועלט בכלל, ווי „קרייצער סאָ־נאַטאָ", „תחית המתים", „פאָטער סערגי", „דער לעבעדיקער מת" א. אַז. וו.

ווי אַזוי האָט זיך אויסגעבילדעט טאָלסטאָיס כאַראַקטער

וואָס פאַרא באַדינגונגען פון דערציאונג און וואָסערע נאַטירלעכע אייגנשאַפטן האָבן באַשטימט טאָלסטאָיס אינדיווידו־אַליטעט, וועלכע האָט אים געמאַכט פאַרן אויסדריקער פון די סתירות פון דער פאַר־רעוואָלוציאָנערער איבערגאַנגס־עפּאָכע?

טאָלסטאָי איז געווען אַ פריץ, אַ צווייג פון אַלטן אַריס־טאָקראַטישן שטאַם. אפילו טורגעניעוו האָט שאַקירט דעם יונגען טאָלסטאָיען, ווי אַ פלעבייער. נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט אין זיין יוגנט מיט חשק זיך צוגעהערט צו די ליבעראַלע רעדעס פון טורגעניעוון און זיינע חסידים, נישט געקוקט דע־רויף, וואָס ער איז, לויט טורגעניעווס ווערטער, „אים — טור־געניעוון — נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט, ווי אַ פאַרליבטע פרוי", האָט אים דאָס חברן זיך מיט דעמדאָזיקן פלעבייער תמיד אויפגערעגט: „אָט דאָס גייט ער איצטער מיט אַ כיוון, — זאָגט גראַף ל. טאָלסטאָי, — אַהין און צוריק פאַרביי מיר און דרייט מיט זיינע דעמאָקראַטישע לענדן". טאָלסטאָי אַליין דערציילט, אַז אין יאָר 1851 האָט ער עפּעס אַמאָל, גייענדיק איבער דער גאַס, אין קאַזאַן, מיט זיין ברודער, באַמערקט אַ פאַרבייפאָרנ־דיקן הער אָן הענטשקעס, האָט ער אַ זאָג געטאָן צום ברודער:

„ווייזט-אויס, אַז דער הער איז עפּעס אַלומפּ״ — פּאַרוואָס ? — האָט דער ברודער געפרעגט. „ער טראָגט דאָך נישט קיין הענטשקעס״, — האָט געענטפערט לעוו טאָלסטאָי.

לעוו טאָלסטאָי איז געווען אַ פּריץ; אָבער ער האָט אָנגעהערט נישט צום ביוראָקראַטישן, באַאַמטנדיקן פּריצנטום, נאָר צום גוטבאַזיצערישן. אים איז געווען נאָענט נאָר דאָס דאָרף מיט זיינע צוויי קעגנזאַצן: פּריץ און פּויער. די שטאָט איז אים געווען פרעמד. און די איינוווינער פון דער שטאָט, דידאָזיקע מענטשן פונם רוסישן „דריטן שטאַנד״, זענען אים געווען אומאַנגענעם. אין 1861 האָט טאָלסטאָי געשריבן צו פעטן: „... און די נאַטור, מיט וועלכער איך האָב חתונה-געהאַט דורך אַ קויף-קאָנטראַקט אָדער פון וועלכער איך בין געבוירן געוואָרן דורך ירושה — איז נאָך בעסער. אָן דעמדאָזיקן באַוווּסטזיין, אַז זי איז פאַראַן, אַז ווען מ׳גליטשט זיך אויס, איז דאָ פאַר וואָס זיך אָנצוכאַפּן, וואָלט שווער געווען צו לעבן״. אין זיין „ווידוי״ דערציילט טאָלסטאָי, אַז ווען ער איז אַלט געווען 16 יאָר פלעגט ער אַמליבסטן טיילן די מענטשן אויף „קאָם איל פאָ״ (אין בעסטן אָרדנונג, אויסגעצייכנט. ד. א.) און נישט „קאָם איל פאָ״. „דער צווייטער מין, — זאָגט ער, — טיילט זיך נאָך אויף מענטשן, וואָס זענען נישט „קאָם איל פאָ״ און אויף פּראָסטן פאָלק. די צווייטע (ד. ה. די מענטשן פון די מיטעלע קלאַסן — א. מ.) האָב איך פיינט געהאַט, איך האָב געשפּירט צו זיי עפּעס אַ מין באַליידיקט געפיל פון דער פערזענלעכקייט״. טאָלסטאָיס שוויגער, בערס, וואָס האָט אים גוט געקענט, פלעגט אויך עדות-זאָגן וועגן זיין נישט-ליב-האָבן די מיטעלע קלאַסן, די „המונישע״. „ער איז געווען אַ פאַרביסענער אַריסטאָקראַט, און כאָטש ער האָט שטענדיק ליב-געהאַט דאָס פּשוטע פאָלק, האָט ער מער געליבט די אַריסטאָקראַטיע. דער מיטל-קלאַס צווישן די צוויי שיכטן איז פאַר אים געווען אומסימפּאַטיש״.

טאָלסטאָי איז, ווי מיר זעען, לויט זיין גייסטיקן

מהות געווען אַן אַריסטאָקראַט, אַ פּריץ, אַ גוט-באַזיצער, וואָס איז צוגעבונדן צו דער ערד. אָבער לויט אַלע זיינע נאַטיר-לעכע אייגנשאַפטן און אַפילו לויט זיין אויסזען, האָט ער נישט פאַרמאָגט די ספּעציפישע שטריכן פון דער „ריינער פּריצישער ראַסע". דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן שוין אין זיין קינדהייט. דערדאַזיקער באַגאַבטער, עמפּינדלעכער, ליידנשאַפט-לעכער און לעבנס-דורשטיקער יינגל איז געווען אומגעשיקט, אומגעלומפּערט און האָט נישט פאַרמאָגט קיין רויקע זעלבסטזיכער-קייט, און דאָס האָט אים פאַרשאַפט נישט ווייניק עגמת-נפש. איבערגעבנדיק אין דער דערציילונג „קינדהייט און יינגלשאַפט" זיין קינדערישע פּסיכאָלאָגיע אין דער פּערזאָן פון ניקאָליענקאָ אירטעניעוו, שרייבט ל. טאָלסטאָי: „איך האָב אָפט געהאַט מי-נוטן פון פאַרצווייפלונג. איך האָב געמיינט, אַז עס קאָן נישט זיין גליקלעך אַ מענטש מיט אַזאַ ברייטער נאָז, מיט אַזעלכע גראָבע ליפּן און מיט קליינינקע שאַרע אויגן, ווי איך האָב". אין זיין דערציילונג „יוגנט" שרייבט ל. טאָלסטאָי וועגן זיך: „איך האָב תמיד אין זיך געדענקט, תמיד אָפּגעגעבן זיך חשבון, שטענדיק געשפּירט דאָס, וואָס עס טראַכטן וועגן מיר און וואָס עס פילן צו מיר אַנדערע, און דאָס האָט מיר קאַליע געמאַכט די לעבנס-פרייד. דערפאַר, מסתמא, האָב איך באַזונדערס ליב-געהאַט ביי אַנדערע דאָס קעגנזעצלעכע, די אוממיטלבאַר-קייט פון עגאָאיזם". אין זיינע זכרונות פון די קינדער-יאָרן דערציילט ל. טאָלסטאָי וועגן זיינע צוויי ברידער — ני-קאָלאַי און סעריאָזשאַ. סעריאָזשאַ איז געווען אַ „שיינער, ראַ-סיקער און שטאָלצער". „פון סעריאָזשאַן בין איך געווען אַנט-ציקט... איך האָב געוואָלט זיין ער. איך האָב מיך אַנטציקט מיט זיין שיינער אויסערלעכקייט... און באַזונדערס, ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט קלינגען, מיט דער אוממיטלבאַרקייט פון זיין לעבן". ל. טאָלסטאָי האָט אין זיינע יינגלשע יאָרן קיינמאָל-נישט געפילט די רויקע זעלבסט-זיכערקייט, וואָס זיין „ראַסי-קער" ברודער סעריאָזשאַ, וועלכער האָט זיך אים אויסגעדאַכט אַלס גאָר צו אַנדערער", און וועלכער איז, להיפוך צו אים, געווען

און שטענדיק פאַרבליבן „ער אַליין", „ער האָט זיך נישט געוואָלט מאַכן פאַר עפּעס אַנדערש". „מיין הויפּט-געפיל איז געווען עקל צו זיך אַליין און פאַרצווייפלונג, נאָר די פאַרצווייפלונג איז אַזוי שטאַרק געווען צונויפגעפלאָכטן מיט האָפנונג אויף גליק, אַז זי האָט אין זיך נישט געהאַט קיין שום טרויעריקס. איך פלעג אַפילו הנאה האָבן פונם עקל צו דער פאַרגאַנגענהייט... רייניקער און לויטערער איז פון איר אַרויסגעקומען דער ליכטיקער פּונקט פון דער קעגנוואַרט, און עס האָבן זיך פאַנאַנדערגעגאָסן די בלענדנדיקע פאַרבן פון דער צוקונפט". דידאָזיקע פויערישקייט פון טאָלסטאָיען, דידאָזיקע אומפעיקייט איבערצוּנעמען די מאַנירן און דעם שטעל פון אַ רויקן, זעלבסט-זיכערן און שטאָלצן, מיט איין וואָרט, פון אַ ראַסיקן פּריץ — האָט אים דערפירט צו פאַרצווייפלונג, און דאָס האָט גורם געווען, ער זאָל זוכן אַ באַרויקונג פאַר זיין אויפגעצאַפּלטער נשמה אין דער באַרירונג מיט מענטשן פון אַן אַנדערער וועלט, פאַר וועלכע ער האָט זיך נישט געדאַרפט זשעניִרן, וועלכע האָבן נישט געקאָנט מיט עפּעס אָנרירן זיין אייגנליבע — אין אַ באַרירונג מיט די מענטשן פון הויף, מיט די תמימותדיק-גלויבנדיקע עולי-רגלניקעס, וועלכע פלעגן באַזוכן דאָס פּריצישע הויז פון די טאָלסטאָיס. אָבער נישט זייענדיק מסוגל, לויט זיינע נאַטירלעכע אייגנשאַפטן, זיך אינגאַנצן צונויפגיסן מיט דער אים נאָענטער פּריצישער סביבה, האָט ער נאָך ווייניקער געקאָנט זיך צונויפגיסן, צוליב די באַדינגונגען פון זיין דערציאונג, מיטן פּשוטן פאָלק. דער העלד פון דער דערציילונג „קאָזאַקן", אָלענין, דורך וועלכן טאָלסטאָי שילדערט זיך אַליין, פאַרליבט זיך אינם קאָזאַקן-מיידל מאַריאַנאַ, און מקנא זייענדיק אויפן אַרט-לעבן פון די ווילדע באַרגלייט, אויף דעם אַרט-לעבן, וואָס קאָן געפעלן מאַריאַנען, אָנערקענט ער פונדעסטוועגן מיט פאַרדרוס, אַז מיטן דאָזיקן לעבן וועט ער זיך קיינמאָל נישט קאָנען צונויפגיסן.

„אָט ווען איך וואָלט געקאָנט, — זאָגט אָלענין, — ווערן ווי דער קאָזאַק לוקאַשקאַ, גנבענען טשערעקעס, אָנשיכורן זיך

מיט טשיכיר (נישט אויסגעאַרבעטער טרויבנוויין. ד.א.), זינגען לידער, דערהרגענען מענטשן און שכורעהייט אַריינקריכן דורכן פענסטער צו איר אויף אַ נאַכט, נישט טראַכטנדיק וועגן דעם, ווער איך בין און וואָס איך בין, דאַן וואָלטן מיר געקאָנט פאַרשטיין איינע די אַנדערע, דאַן וואָלט איך געקאָנט זיין גליקלעך. איך האָב געפּרוווט זיך אַריינוואַרפן אין דעמדאָזיקן לעבן און איך האָב נאָך שטאַרקער געפילט מיין צעבראָכנקייט. איך האָב נישט געקאָנט פאַרגעסן די קאָמפּליצירטע, נישט-האַרמאָנישע, מיאוסע פאַרגאַנגענהייט”.

אַלס פועל יוצא האָט זיך טאָלסטאָי שטענדיק געפילט איינזאַם און אין קיין געזעלשאַפטלעכער סביבה האָט ער זיך נישט געפילט נאַטירלעך. דאָס האָט שוין באַמערקט טורגעניעוו ביי זיין ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט טאָלסטאָיען, וועגן וועלכער ער האָט אָנגעשריבן אין יאָר 1855 צו פאַנאַיעוון: „ער האָט נישט קיין איין וואָרט, קיין איין באַוועגונג, וואָס זאָלן זיין נאַטירלעך”.

און טאַקע דערפאַר, ווייל טאָלסטאָי האָט קיינמאָל נישט געלעבט אוממיטלבאַר און איז שטענדיק געווען „באַוווסטזיניק”, איז ער געווען פילבאַר אויף יעדן פאַלש, האָט ער זיך צו אַלץ באַצויגן פאָרשנדיק און אומצוטרוילעך, ער האָט דאָס לעבן גענומען אויף אַ פאַרהער, אַרויסבאַקומענדיק אָפנהאַרציקע באַווייזן. טאָלסטאָי האָט ליידנשאַפטלעך ליב-געהאַט דאָס לעבן און האָט גיריק געטרונקען פון זיין בעכער. דערמיט, אגב אורחא, דערקלערט זיך אויך דער אונטערשיד צווישן זיין קינסטלערישן פענזל און דעם ווייכן פענזל פון טורגעניעוון. אָבער נישט געקוקט דערויף, וואָס טאָלסטאָי האָט, צום אונטערשיד פון טורגעניעוון, קיינמאָל נישט געליטן פון „מרה-שחורה”, האָט ער פונדעסטוועגן ביים ערשטן צורירן זיך צום לעבנסבעכער, באַלד טועם געווען דעם ביטערן אָפּזעץ, וואָס אויף זיין דעק. אויפכאַפּנדיק גלוסטיק די איינדרוקן פונם אַרומיקן לעבן, האָט ער כסדר געזוכט זיין באַהאַלטענעם מיין, מיטן שאַרפן מעסער פון אַנאַליז האָט ער געריסן פון לעבן

שלייער נאָך שלייער, ער האָט פון לעבן אָפגעהילט דאָס „קינסטלעכע”, דאָס באַדינגלעכע, ביז ער האָט געגרייכט צו די גרענעצן פונם באַוווּסטזיניקן, צו די אייגנטלעכע גרענעצן פון לעבן; דעריבער האָט זיך טאָלסטאָי דער דיכטער אַזוי געגריבלט אין די סודות פונם לעבן, דעריבער האָט ער מיט אַזאַ ליבע און אומפאַרגלייכלעכן טאַלאַנט געשילדערט די טיפע, אונטער-באַוווּסטזיניקע דערשיינונגען פון דער אינדיווידועלער, געשלעכט-לעכער און געמיינשאַפטלעכער פסיכיק פונם מענטש. דעריבער האָט טאָלסטאָי אַזוי מייסטערהאַפט אויפגעדעקט דעם סוד פון ליבע (נאַטאַשאַ פון „מלחמה און שלום”), דעם סוד פון דיכ-טערישן שאַפן (פעדקא אין „ווער ביי וועמען דאַרף זיך לערנען שרייבן?”), דעם סוד פון טויט (אין די „דריי טויטן”, אין די „סעבאַסטאָפּאָלער סקיצן”, אין „מלחמה און שלום”, אין „טויט פון איוואַן א [illegible]” און אין אַנדערע ווערק). דעריבער האָט ער אַזוי מייסטערהאַפט געשילדערט סטיכישע אויפברויזן פון דער מאַסע (די סצענע מיט ווערעשטשאַגינען אין „מלחמה און שלום”). ס'איז אינטערעסאַנט, אַז לעוו טאָלסטאָי, וואָס האָט דורשטיק געשלונגען פונם בעכער פון לעבן, פלעגט אָפט שפּירן אַ שטאַרקן פחד פאַרן טויט. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס טאָלסטאָי איז נישט געווען בכוח זיך פולשטענדיק צונויפגיסן מיט וועלכן עס איז קלאַס און זעען אינם לעבן פון אָט-דעם קלאַס די פאָרזעצונג פון זיין אייגן לעבן. אין צוזאַמענהאַנג מיטן טויט פון זיין געליבטן ברודער ניקאָליענקא, וועלכער איז אים געווען גייסטיק נאָענט, האָט לעוו טאָלסטאָי געשריבן צו פעטן, אַז „דאָס איינגעשלונגען ווערן אינם נישט-זיין” האָט דער ברודער דורכגעלעבט זייער שווער, ווייל „ער האָט נישט געהאַט ביי וואָס זיך אָנצוכאַפּן”. לעוו טאָלסטאָי אַליין, נישט צונויפגיסנדיק זיך מיט קיין שום קלאַס, האָט אויך געשפּירט אַ פחד פאַרן טויט, ווייל ער האָט „נישט געהאַט ביי וואָס זיך אָנצוכאַפּן”.

מיר האָבן געזען, וואָס פאַר אַ שטאַרקן חותם עס האָט איבערגעלאָזן אויף דער פּערזענלעכקייט פונם יונגען ל. טאָלסטאָי.

דער אומשטאַנד, וואָס זיינע נאַטירלעכע אייגנשאַפטן און אַפילו זיין אויסערלעך אויסזען האָבן שלעכט האַרמאָנירט מיט זיין אַריסטאָקראַטישער אָפּשטאַמונג, דערציאונג און גייסטיקן מהות. דאָס האָט אים באַוויזן, כדי צו דערגרייכן אַ גייסטיקן גלייכגעוויכט, ער זאָל זוכן אַן ענגערע באַרירונג מיט דער נאַטור און מיט די פּשוטע פאָלקסמענטשן, וואָס זענען נאָענט צו דער נאַטור. דאָס האָט באַוויזן דעם יינגל טאָלסטאָי, ער זאָל לייענען מיט התמדה די ווערק פון זשאַן-זשאַק רוסאָ, וועמענס פּאָרטרעט ער האָט, אַלט-זייענדיק 16 יאָר, געטראָגן אין אַ מעדאַליאָן אויף דער ברוסט, אָנשטאָט אַ צלם.

אַזאַ איז אַרויס דער יונגער לעוו טאָלסטאָי פון זיין היימישער סביבה, און דאָס האָט גורם געווען, אַז ווען די סעבאַסטאָפּאָלער מלחמה האָט אַוועקגעשטעלט אויף דער טאָג-אָרדנונג דאָס פּראָבלעם פון רוסלאַנדס איבערבוי, זאָל דוקא דערדאָזיקער אָנהייבנדיקער באַגאַבטער דיכטער קענען אָפּשפּיגלען אין זיינע ווערק די סתירות און די פּערספּעקטיוולאָזיקייט פון דער אָנקומענדיקער איבערגאַנגס-עפּאָכע.

די געזעלשאַפטלעכע אידעאָלאָגיע פון ל. טאָלסטאָי אין די בלי-יאָרן פון זיין שאַפונג

די סעבאַסטאָפּאָלער מלחמה איז געווען, אין אַ געוויסן זין, אַן עקזאַמען פאַר דער רוסישער לייבאייגנטימערישער מלוכה-אָרדנונג און פאַר דער העכערער אַריסטאָקראַטיע אין אָפיציר-מונדירן: די מלחמה האָט זיי אַוועקגעשטעלט אויף אַ קאָנפראָנטאַציע, פּנים אל פּנים, מיט דער גראָער פּויערישער סאָלדאַטישער מאַסע אין אַ צייט פון פאָלקס-אומגליק. לעוו טאָלסטאָי, וועלכער האָט זיך באַטייליקט אין דערדאָזיקער מלחמה, האָט באַלד דערזען די גאַנצע צעפוילטקייט פון דער לייבאייגנטום-אָרדנונג און כוונם הערשנדיקן קלאַס, דעם העכערן אַדל, און ער האָט עס מיט אונטערגעשטראָכענער אמתדיקייט אויפגעדעקט אין זיינע „סעבאַסטאָפּאָלער סקיצן”. דידאָזיקע

„סקיצן" מאַכן באַלד טאָלסטאָיען פאַר דעם אויסדריקער פון די סתירות פון דער רוסישער פ אַ ר-רעװאָלוציאָנערער עפּאָכע, װעלכע מ׳יר האָבן פריער כאַראַקטעריזירט. דידאָזיקע „סקיצן" האָבן איבערגעלאָזט אַ קאָלאָסאַלן איינדרוק. פאַנאיעװ האָט געשריבן צו טאָלסטאָיען אין צוזאַמענהאַנג מיטן סקיץ „אַ נאַכט":

„אַלע האַלטן דידאָזיקע דערציילונג פאַר אַ שטאַרקערע פון דער ערשטער, צוליב דעם דינעם און טיפן אַנאַליז פון די אינערלעכע באַװעגונגען און שפּירונגען ביי די מענטשן, ביי װעלכע דער טויט הענגט אויף דער נאָז, צוליב דער ריכטיקייט, מיט װעלכער עס זענען אויפגעכאַפּט די טיפּן פון די אַרמייאישע אָפיצירן, זייערע צוזאַמענשטויסן מיט די אַריסטאָקראַטן און זייערע קעגנזייטיקע באַציאונגען, מיט איין װאָרט, אַלץ איז פרעכטיק... אָבער אַלץ איז אַזוי דורכגעזאַפּט מיט פאַרביטערונג, אַלץ איז אַזוי שאַרף און גיפטיק, אַז אין אַ איצטיקן מאָמענט, װען פאַר די מענטשן, װאָס געפינען זיך װייט פונעם אָרט פון די געשעענישן, איז דאָס אָרט נישט אַ בית-המקדש, — קאָן דידאָזיקע דערציילונג מאַכן אַפילו אַ בפירוש-אומאָנגענעמען רושם".

די „סעבאַסטאָפּאָלער סקיצן" זענען געװען דער ערשטער שריט צו דער געזעלשאַפטלעכער זעלבסטבאַשטימונג פון לעװ טאָלסטאָי. דעם צװייטן טריט האָט ער געמאַכט אין זיין בעסטן קינסטלערישן װערק, אין זיין עפּאָפּעע „מלחמה און שלום", װעלכע איז געװידמעט דער מלחמה פון 1812, און װעלכע האָט אַרויסגעװיזן לעװ טאָלסטאָיס געזעלשאַפטלעכע אידעאָלאָגיע אינעם פעריאָד פון גרעסטן פאַנאַנדער-בלי פון זיין קינסטלערישער טעטיקייט. אין „מלחמה און שלום" שרייבט טאָלסטאָי פונאַנדער נאָך אין אַ סך גרעסערער מאָס, װי אין די „סעבאַסטאָפּאָלער סקיצן" אַלע אָנגענומענע באַגריפן און פאָראורטיילן, אויטאָריטעטן און אָפּגעטער פון די מענטשן פון זיין קרייז, די אַזוי גערופענע ציװיליזירטע „געזעלשאַפט": „לעכערלעך און נאַריש זענען די דינע דיפּלאָמאַטן, הילפלאָז זענען די באַרימטע אַרמיי-פירער מיט זייערע מיליטערישע ראַטן,

פאַלש איז דער אויסערלעכער מלוכהשער פאַטריאָטיזם פון דער העכערער געזעלשאַפט, לעכערלעך און מינדערווערטיק איז דער אָביעקט פון דער אַלגעמיינער באַגייסטערונג, באַוווּנדערונג און באַהאַלטענער קנאה — דער „העלד" נאַפּאָלעאָן".

פאַרן גרעסטן נסיון, פאַרן טויט, שטעלט טאָלסטאָי אַוועק די פאַטענטירטע העלדן, די מיליטערישע ספּעציאַליסטן, די, וועלכע שטייגן אַמלייכסטן אויפן לייטער פון דער מיליטערישער היעראַרכיע, אין איין ריי מיט דער גראָער מאַסע אַרמייאישע אָפיצירן און פּראָסטע סאָלדאַטן, און ער דעקט-אויף די נישטיקייט, באַרימערישקייט און גייסטיקע מינדערווערטיקייט פון די ערשטע, און שטעלט זיי אַנטקעגן די שיינקייט, נישט געקינצלטקייט און שטומע העלדישקייט פון די צווייטע. עס טרעפן זיך ביי אים אויך העלדן פון דער העכערער געזעלשאַפט. עס זענען אויף זייער אָרט אָן ספק געווען מוטיק אויך דער אַריסטאָקראַט באָלקאָנסקי און דאָלאָכאָוו. אָבער עס באַפרידיקן אים נישט די מאָראַלישע מאָטיוון פון זייערע מיליטערישע נצחונות. דעם אַבסאָלוטן אידעאַל פון העראָאיזם זוכט ער און געפינט אין דער פאָלס-מאַסע, און דער העראָאיזם איז גאָר פון אַן אַנדערן מין. ביים אויטאָרס ליבלינג, ביי טושינען „איז געווען עפּעס אייגנאַרטיקס, גאָרנישט מיליטערישעס, ס'האָט אויסגעזען קאָמישלעך אָבער זייער סימפּאַטיש". דער דאָזיקער דורכשניטלעכער, נישט-אָנגעזעענער אַרמייאישער אָפיציר, וועלכער האָט נישט געוווּסט, וואָס הייסט עס מורא האָבן פאַרן טויט, האָט, געפינענדיק זיך אין שטאַב ביי זיין נאַטשאַלניק גראַף באַגראַטיאָן, זיך געפילט ווי אַ שולדיקער, ער האָט זיך געדרויטלט, געשטאַמלט, און געקוקט זיין נאַטשאַלניק אין די אויגן אַריין, ווי עס קוקט אַ גימנאַזיסט, וואָס האָט זיך אַראָפּגעשלאָגן פון טראָפּ, אין די אויגן פון זיין עקזאַמינאַטאָר". ס'איז נישט שווער צו באַמערקן ענלעכקייט צווישן טושינען, וועלכער רעדט זיך פאַנאַנדער היימיש און ליבלעך מיט די האַרמאַטן פון זיין באַטערייע און אַ צווייטער ליבלינג-פיגור טאָל-טאָיס — קאַראַטאַיעוון, וועלכער איז געווען „די פאַרקערפּע-

רונג פון אַלדאָס רוסישע, גוטע, קיילעכדיקע", „ביי וועמען די ווערטער און די מעשים פלעגן אַרויסקומען אַזוי גלייכמעסיק, גויטיק און אוממיטלבאַר, ווי עס קומט אַרויס דער ריח פון דער בלום". דער באַגריף וועגן דער העלדישקייט פון די כלאָ־באָווס, טימאָכינס, טושינס און דער איבריקער גרויסער מאַסע רוסישע סאָלדאַטן, וועלכע דער דיכטער האָט געשילדערט, שיידט זיך שאַרף אונטער פון די אַנטשפּרעכנדיקע באַגריפן ביים אַמביציעזן און גאַוותדיקן אַריסטאָקראַט אַנדריי באָלקאָנסקי און אויך ביים בריהדיקן רייטער, דעם קאָזאַק לוקאַשקאַ. אינעם פאָלקס־באַגריף וועגן העלדישקייט, וועלכן טאָלסטאָי אַנט־פּלעקט, שפּיגלען זיך אָפּ די מאַטעריעלע באַדינגונגען פונם פויער־לעבן: דער פויער איז צוזאַמענגעוואַקסן מיט דער ערד און איז בלויז אויסערלעך פאַרבונדן מיט דער מלוכה און מיט אירע אינטערעסן; האָט נישט קיין שום נויטיקייט צו קולטי־ווירן מיליטערישע איפּטוען, מלחמה איז פאַר אים נישט קיין פאַך, נאָר אַן אויסערלעכע נויטווענדיקייט. און פאַרן דאָזיקן מין העלדישקייט בוקט זיך דער איבערגעזעטיקטער מיט ציוויליזאַציע דיכטער. דורכן מויל פון זיין „אויפגעקלערטן" העלד, פּירשט אַנדריי באָלקאָנסקי, ביי וועלכן די גרויזאַמקייטן פון דער מלחמה פאַרטויבן צום סוף דעם געדאַנק וועגן „רום פון רוסישן געווער", זאָגט דער אויטאָר: „נישט נעמען קיין געפאַנגענע — אָט דאָס וואָלט געענדערט די גאַנצע מלחמה און ס'וואָלט זי געמאַכט ווייניקער אכזרי־תדיק. אַנדערש, שפּילן מיר אין מלחמה, — אָט וואָס ס'איז מיאוס, מיר שפּילן אין גרויסמוטיקייט... מלחמה איז נישט קיין ליבע־שפּיל, מלחמה איז די סאַמע עקלהאַפטסטע זאַך אין לעבן, און דאָס דאַרף מען פאַרשטיין, און זיך נישט שפּילן אין מלחמה. שטרענג און ערנסט דאַרף מען פאַרשטיין דידאָזיקע שרעקלעכע נויטווענדי־קייט... אַנישט איז מלחמה — דאָס געליבטע שפּיל פון גוטע און לייכטזיניקע מענטשן... דער מיליטערישער שטאַנד איז דער סאַמע חשובער".

„געבענטשט זאָל זיין דאָס פאָלק, — זאָגט טאָלסטאָי, —

וואָס טוט נישט ווי די פראַנצויזן אין יאָר 1813, וועלכער האָבן, אַפּסאָלוטירנדיק מיט אַלע פּיטשעווקעס און איבערקערנדיק די שווערד, גראַציעז און געהאָרכזאַם זי איבערגעגעבן דעם גרויס-מוטיקן באַזיגער; געבענטשט זאָל זיין ד אָ ס פאָלק, וואָס פרעגט נישט אין אַזאַ מאָמענט, ווי וואָלטן אַנדערע זיך אויפגעפירט אין אַן ענלעכן פאַל, נאָר עס הייבט פּשוט און לייכט אויף דעם ערשטן שטעקן, וואָס קומט אים אין האַנט אַריין, און עס שלאָגט מיט אים אַזוי לאַנג, ביז דאָס געפיל פון באַליידיקונג און נקמה פאַרבייט זיך ביי אים אויף אַ געפיל פון פאַראַכטונג און רחמנות".

אין פראַגן פון מיליטערישער עטיק וואַרפט טאָלסטאָי אָפּ דעם פריצישן שטאַנדפּונקט און שטעלט זיך אויפן פויערישן. אָבער ער גייט נאָך ווייטער. ער לייקנט-אָפּ נישט בלויז די הערשנדיקע מיליטערישע עטיק, נאָר די מיליטערישע קונסט בכלל. שטיצנדיק זיך אויף פאַקטן פון דער מלחמה פון 1812, וועלכע פאַרנעמט אַ באַזונדער אָרט אין דער געשיכטע פון מלחמות, וועלכע איז מער ווי אַלע אַנדערע מאָדערנע מלחמות געווען באַאיינפלוסט דורך דער סטיכיע פון נאַטור און פאָלק, און נישט ריכטיק פאַראַלגעמיינערנדיק דידאַזיקע פאַקטן, דערגייט טאָלסטאָי לאָגיש צו דער אַבסאָלוטער פאַרלייקענונג פון מיליטערישער קונסט. „וואָס פאַראַ ראָל שפּילן די „גרויסע מענטשן", „העלדן", קאָמאַנדירן א. ד. ג.? קיין שום ראָל נישט, — ענטפערט טאָלסטאָי. „אין היסטאָרישע געשעענישן זענען די „גרויסע מענטשן" — עטיקעטן, וואָס באַצייכענען נאָר די געשעענישן, און פּונקט ווי עטיקעטן האָבן זיי די מינדסטע שייכות צו די געשעענישן גופא". גרויסע מענטשן, וועלכע האַלטן, אַז זיי באַוועגן די געשיכטע, זענען לעכערלעך און נעבעכדיק. און אַזוי שילדערט טאָקע טאָלסטאָי נאַפּאָלעאָנען. אדרבא, ד י וואָס אָנערקענען די אוממעגלעכקייט אָנצופירן מיט דער געשיכטע, ד י זענען די אמתע פּקחים. אַזאַ פּקח איז געווען דער זקן קוטוזאָוו, וועלכער פלעגט שלאָפן בעת די מיליטערישע ראַטן, וועלכער פלעגט אויפמערקזאַם זיך צוהערן

צו דער שטימונג און צום ווילן פון דער אַרמיי און אַליין אַרויסווייזן אַ גוואַלטיקע פּאַסיווקייט, וועלכער פלעגט זאָגן: „כדי צו געווינען אַ שלאַכט, מוז מען נישט שטורמעווען און אַטאַקירן, מ'דאַרף האָבן געדולד און צייט... ביי אַ נישט קלאָרער לאַגע, האַלט דיך אָפּ".

בוקנדיק זיך פאַר דער פּסיכאָלאָגיע פונם סטיכישן, פּרימיטיוון לעבן פון די פאָלקס-מאַסן, דערגייט ל. טאָלסטאָי צו עקסטרעמען פּ אַ ט אַ ל י ז ם. אין דעמדאָזיקן פאַטאַליזם גלייכן זיך טיילווייז אויס געוויסע ווידערשפּרוכן ביי טאָלסטאָיען: סיי דאַן, ווען ער האָט געזאָגט — „געבענטשט זאָל זיין דאָס פאָלק, וואָס נעמט אין אַ מינוט פון נסיון דעם שטעקן אין האַנט" און סיי שפּעטער, ווען ער האָט אָנגעהויבן פּריידיקן דאָס נישט אַנטקעגנשטעלן זיך דעם שלעכטס מיט גוואַלט-מיטלען, האָט ער אין תוך פאָרגעלייגט איינס-און-דאָסזעלבע: זיך אָפּזאָגן פון אָנערקענען און אויסטייטשן די געזעצן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן און פון אַנטשפּרעכנדיקער באַוווסטזיניקער אַריינמישונג אינם דאָזיקן לעבן, נאָר פּאַסיוו זיך אונטערגעבן דעם בלינדן און געהיימניספולן גאַנג פון לעבן.

מיר זעען, בכן, ווי טאָלסטאָי האָט אַלץ מער איבער-געריסן מיט די אָנשויאונגען פונם הערשנדיקן קלאַס, צו וועלכן ער האָט געהערט, און ער האָט איבערגענומען די אָנשויאונגען פונם דאַמאָלסדיקן פּויערטום. צי האָט דאָס באַדייט, אַז ער איז געוואָרן דער אויסדריקער פון די ק ל אַ ס ן-אינטערעסן פונם פּויערטום? האָט ער כאָטש געהאַט די דערקענטניש פונם קלאַסן-אַנטאַגאָניזם צווישן די פּויערן און פּריצים? לחלוטין נישט. אין טאָלסטאָיס ראָמאַן „תחית המתים" זאָגט קאַטיושאַ מאַסלאָוואַ צו ניעכליודאָוון, וועלכער האָט זי באַליידיקט: „דורך מיר ווילסטו זיך ראַטעווען". פּונקט ווי ניעכליודאָוו, האָט אויך דער מחבר פונם ראָמאַן, טאָלסטאָי, באַטראַכט דאָס „פאָלק", דאָס פּויערטום, בלויז ווי אַ מיטל, דורך וועלכן ער זאָל זיך ראַטעווען און ניצול ווערן פון דער „פאַרפוילטער ציוויליזאַציע". פאַר אים זענען דאָס פּויערטום און דאָס פּריצנטום נישט געווען

קיין צוויי פיינטלעכע קלאַסן, וועלכע האָבן קעגנזעצלעכע קלאַסן-אינטערעסן — אַ קלאַס פון אונטערדריקער און אַ קלאַס פון אונטערדריקטע. לויט טאָלסטאָיס שטאַנדפונקט, איז דער אונטערשיד צווישן זיי באַשטאַנען בלויז דערין, וואָס דאָס פריצנטום איז געווען אָנגעשטעקט מיטן סם פון דער „פאַר-פוילטער ציוויליזאַציע", און דאָס פויערטום האָט געלעבט אַ געזונט אַרבעטס-לעבן, אַ לעבן נאָענט צו דער נאַטור. ווען מ'האָט טאָלסטאָיען פאָרגעוואָרפן, אַז אין זיין ראָמאַן „מלחמה און שלום" האָבן זיך נישט גענוגנדיק אָפגעשפיגלט די שטריכן פונם לייבאייגנטום, האָט ער געענטפערט:

„איך ווייס, אין וואָס עס באַשטייט דערדאָזיקער כאַראַקטער פון דער צייט, וועלכן מ'געפינט נישט אין מיין ראָמאַן — דאָס זענען די גרויזאַמקייטן פונם לייבאייגנטום, דאָס פאַרמשכונען די פרויען, דאָס שמייסן דערוואַקסענע זין, די סאָלדאַטשינע א. אַז. וו. דעמדאָזיקן צייט-כאַראַקטער, ווי ער איז אין אונזער פאָרשטעלונג, האַלט איך נישט פאַר דעם ריכטיקן און איך האָב אים נישט געוואָלט אַרויסברענגען. דורכשטודירנדיק בריוו, טאָגביכער, לעגענדעס, האָב איך נישט געפונען די אַלע אכזריותדיקע גרויזאַמקייטן אין אַ גרעסערער מאָס, ווי איך געפין זיי איצטער אָדער ווען עס איז. אין אַלע צייטן האָבן מענטשן פונקט אַזוי מקנא געווען, געזוכט דעם אמת, די ווילטעטיקייט, זיך אָפגעגעבן צו ליידנשאַפטן, און ס'איז פונקט אַזוי געווען קאָמפליצירט דאָס אינטעלעקטועל-גייסטיקע לעבן, אַמאָל נאָך אַפילו סובטעלער, ווי עס איז איצט ביים העכערן שיכט... דאָס איז דער כאַראַקטער פון יענער צייט (ווי אויך פון י. טוועדער עפּאָכע), וועלכער דרינגט אַרויס פון דער גרויסער פאַרפרעמדטקייט צווישן העכערן קרייז און די אַנדערע שיכטן, פון דער הערשנדיקער פילאָזאָפיע, פון די באַזונדערקייטן אין דער דערציאונג, פון געוווינהייטן, פונם באַנוצן די פראַנצויזישע שפּראַך א. אַז. וו. און אָט אָ דעם כאַראַקטער האָב איך מיך באַמיט איבערגעבן, אויף וויפיל איך האָב געקענט".

אין זיינע רייפע יאָרן איז טאָלסטאָיס באַציאונג צום פּוי־ערטום שוין נישט געווען אַזאַ, ווי אין די יונגע יאָרן. דער יונגער טאָלסטאָי האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב צו פאַרזאָרגן „זיינע״ פּויערן. דאַקעגן, אין די רייפע יאָרן האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט זיי נישט וואָס צו לערנען, אדרבא, ער דאַרף זיך ביי זיי לערנען. אָבער סיי אין דעם ערשטן, סיי אין דעם אַנדערן פאַל האָט ער זיך נישט געשטעלט אויפן שטאַנדפּונקט פון די קלאַסן־אינטערעסן פון פּויערטום. אין איינעם פון זיינע ערשטע ווערק „אַ פרימאָרגן פון אַ פּריץ״, געשריבן אין יאָר 1852 אויף קאַווקאַז, גיט טאָלסטאָי איבער, רעטראָספּעקטיוו, אין דער פּערזאָן פון ניעכליודאָוון, זיינע איבערלעבונגען אין דער צייט פון זיינע ערשטע פּרוּוון פון אַ זעלבסטשטענדיק פּריציש לעבן. „איז דען נישט מיין הייליקע פליכט, — זאָגט ניעכליודאָוו, — צו זאָרגן וועגן גליק פון די 700 מענטשן, פאַר וועלכע איך וועל דאַרפן זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר גאָט. איז דען נישט קיין זינד איבערלאָזן זיי אויפן ווילקיר פון די גראָבע אויפזעערס און פאַרוואַלטערס צוליב פאַרגעניגן און כבוד ?״ און ניעכליודאָוו האָט אָנגעהויבן שטאַרק „זאָרגן״. אָבער אין דידאַקטישע הומאַניטאַרע זאָרגן שטויסט זיך דער יונגער פּריץ אָן אויף יעדן טריט אויף אַן עקשנותדיקן ווידערשטאַנד פון די פּויערן. דער פּויער טשוריסיאָנאָק, נישט קוקנדיק אויף אַלע שיינע רייד פון ניעכליודאָוון, וויל נישט אויסטוישן זיין צעפוילטע און האַלב־חרובע כאַטע אויף דעם געראַרדישן מוס־טער־הויז, וואָס דער פּריץ האָט אויפגעבויט. דאָס געראַרדישע הויז איז פאַר אים אַ „תפיסה״, און זיין אייגענע כאַטע איז אים ליב, ווייל זי שטייט „אויף אַן אָרט אַ פריילעכן, אַ גע־וווינטן... ווו אונזער גאַנצער פּויערישער עולם געפינט זיך פון תמיד אָן״. די פּויערטע בעט מיט טרערן דעם פּריץ, ער זאָל זיי נישט טאָן די טובה און זאָל זיי נישט איבערפירן אין נייעם הויז. אַ צווייטער אָדעפּט פון זיינע דאגות — יוּ־פאנקאַ — מאַכט שטיק, נאַרט־אָפּ דעם גוטן פּריץ, לאַכט אים אויס. דער כיטרער פאַרוואַלטער, ווען ניעכליודאָוו בעט זיין

מיטאַרבעט, באַציט זיך צו זיינע פלענער, פון-אויבן-אַראָפּ, מיט אַ פאַרבאָרגן שמייכעלע. צי פאַרשטייט ניעכליודאָוו און דער אוי-טאָר גופא די סיבה פון דעם טיפן אומצוטרוי פון די פויערן צו די הומאַניטאַרע און פילאַנטראָפּישע פּריצישע פלענער? צי פאַרשטייען זיי, אַז דערדאָזיקער טיפער אומצוטרוי איז אַ פּראָ-דוקט פון דעם דורותדיקן יאָך, אין וועלכן די פּריצים האָבן געהאַלטן די פויערן-קנעכט? צי פאַרשטייען זיי, אַז דער פויער האָט געדאַרפט קודם כל נישט קיין גערעדיש הויז, נאָר פּטור ווערן פון פּריץ? ניין, נישט ניעכליודאָוו, נישט טאָלסטאָי פאַר-שטייען עס נישט, און ניעכליודאָוו מאַכט פון זיינע דורכפאַלן בלויז פאָלגנדיקן אויספיר: „אָט דאָס איז עס, די אָרימקייט און די עם-הארצות! אויב עס זאָלן בלייבן אַזעלכע פויערן, וועלן מיינע טרוימען קיינמאָל נישט פאַרוויר-קלעכט ווערן, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, שפּירנדיק פאַר-דרוס און פאַרביטערונג אויף די פויערן פאַר דער צעשטע-רונג פון זיינע פלענער". ביי ניעכליודאָוון, ווי מיר זעען, איז נישט דער שבת פאַרן מענטשן, נאָר דער מענטש פאַרן שבת: דאָס גליק פון די פויערן איז נויטיק פאַר זיין אידעאַלן טרוים.

וואָס מער טאָלסטאָי האָט זיך דורכגעדרונגען מיט אומ-צוטרוי צו די נוצן פון דער ציוויליזאַציע, האָט ער זיך אַלץ מער באַפרייט פון דערדאָזיקער פּריצישער אַפּוטרופּסישער באַציאונג צום פויער. דידאָזיקע באַציאונג איז ביי אים פאַרביטן געוואָרן אויף אַ קעגנזעצלעכער — אַ בוקן זיך פאַרן פויער און פאַר זיין אַרט לעבן, אַזוי ווי זיי זענען, מיט אַלע זייערע פינסטערע און ליכטיקע זייטן. אָבער אויך אין דערדאָזיקער בייער באַציאונג צום פויער, שוין פון רייפן טאָלסטאָי, איז נישט געווען קיין שפור פון פאַרשטיין זיינע קלאַסן-אינטערעסן. דאָס האָט באַדייט בלויז פאַרקלענערטע פאָדערונגען צום פויער, ד. ה., אין תוך געגומען דיזעלבע פּריצישע פון-אויבן-אַראָפּ-באַציאונג, וואָס פריער. אין זיין „ווידוי" דערציילט טאָלסטאָי: „איך האָב מיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו די גלויביקע

פון צווישן די אָרימע, פּראָסטע, נישט-געלערנטע מענטשן, צו די וואַגדערער, מאָנאַכן, סעקטאַנטן, פּויערן. די רעליגיע פון דידאָזיקע מענטשן איז אויך געווען קריסטלעך, ווי די רעליגיע פון די כּלומרשט-גלויביקע פון אונזער קרייז. צו די קריסטלעכע אמתן איז אויך געווען צוגעמישט אַ סך אַבערגלויבן, אָבער דער אונטערשיד איז באַשטאַנען דערין, וואָס דער אַבערגלויבן פון די מענטשן פון אונזער קרייז איז פאַר זיי לחלוטין נישט געווען נויטיק, ער האָט זיך נישט געבונדן מיט זייער לעבן, ס'איז נאָר געווען עפּעס אַ מין עפּיקורעאישע פאַרווײַלונג; דאַקעגן, דער אַבערגלויבן ביי די גלויביקע פונם אַרבעטנדיקן פאָלק איז אַזוי שטאַרק געווען צונויפגעבונדן מיט זייער לעבן, אַז מ'האָט זיך זייער לעבן נישט געקאָנט פאָרשטעלן אָן די אַבערגלויבנס. זיי זענען געווען אַן אומבאַדינגטער תּנאי פון דעמדאָזיקן לעבן".

דאָס הייסט, אַז פאַר טאָלסטאָיען און „די מענטשן פון זיין קרייז" איז פאַראַן איין מאָסשטאַב, פאַר די פּויערן — אַ צווייטער. וואָס מ'קאָן פאָדערן פון פריץ, קאָן מען נישט פאָדערן פון פּויער; וואָס ס'וואָלט בנוגע דעם ערשטן געווען פּשוט אַ נאַרישקייט, באַקומט, בנוגע דעם צווייטן, אַ מיסטישן זין, ווערט אַן „אומבאַדינגטער תּנאי" פון זיין לעבן. שטיצנדיק זיך אויף דערדאָזיקער באַציאונג צום פּויער, פּירט דער ראַציאָנאַליסט טאָלסטאָי, וואָס האָט אַליין קיינמאָל נישט געגלויבט אין קיין שום נסים, סיסטעמאַטיש אַריין אין זיינע מעשהלעך פאַרן פאָלק שדים, און נישט אַזוי, ווי עס האָט דאָסזעלבע געטאָן למשל, גאָגאָל, נישט צוליב קינסטלערישער שילדערונג פון דער נאַאיווער פאָלקס-פּסיכאָלאָגיע, — טאָלסטאָי טוט עס מיט אַ טענדענציעזער, מאָראַליסטישער אויסרעכנונג, כּדי דאָס מעשהלע זאָל זיך מוזן, קינסטלעך, ענדיקן אַזוי ווי דער מחבר וויל, כּדי אַריינצוגעבן דעם פאָלקס-לעזער אַן אַבערגלויבישן דרך-ארץ פאַר די טאָלסטאָיאישע לעבנס-געבאָטן.

טאָלסטאָיס בוקן זיך פאַר דער סטיכישקייט, פאַרן פינסטערן סטיכישן לעבן פון די פּויערישע מאַסן און זיין פאַרליי-

קענונג פון דער ציוויליזאַציע, נישט בלויז פון דער פעאָדאַלער אָדער בורזשואַזער, נאָר פון ציוויליזאַציע בכלל, — דאָס איז די אָפּשפּיגלונג פונם בלינדן געסל און פון דער פערספּעקטיוו-לאָזיקייט פון זיין עפּאָכע און דאָס איז געווען ביי אים פאַר-בונדן מיט דער אָפּלייקענונג פון די היסטאָרישע אַנטוויקלונגס-געזעצן. אין זיין אַרטיקל „פּראָגרעס און די באַשטימונג פון בילדונג" שרייבט טאָלסטאָי:

„מאַרקאָוו גלויבט אין פּראָגרעס, און איך האָב נישט דעמדאָזיקן גלויבן... דער געזונטער שכל זאָגט מיר, אַז ווען אַ גרעסערער טייל פון דער מענטשהייט, דער גאַנצער אַזוי-גע-רופענער מזרח, באַשטעטיקט נישט די געזעצן פון פּראָגרעס (איצט האָט ער שוין באַשטעטיקט! — א. מ.), נאָר אדרבא, ער לייקנט זיי אָפּ, הייסט עס, אַז אַזאַ געזעץ עקזיסטירט נישט פאַר דער מענטשהייט... איך, פּונקט ווי אַלע מענטשן, וואָס זענען פריי פונם פּ ר אָ ג ר ע ס - אַ ב ע ר ג ל ו י ב ן, זע בלויז, אַז די מיאוּנגען פון דער פאַרגאַנגענהייט דינען אָפּט אַלס יסוד פאַר נייע מיאוּנגען פון דער קעגנוואַרט, און אָפּט דינען זיי אַלס אַ שטער פאַר די נייע; איך זע, אַז דער וווילשטאַנד פון מענטשן ווערט אַמאָל גרעסער אין אַ געוויסן אָרט, ביי אַ גע-וויסן שיכט, אין אַ געוויסן זין, אַמאָל ווערט ער קלענער... איך זע נישט קיין שום נויטווענדיקייט אויסצוזוכן אַלגעמיינע געזעצן אין דער געשיכטע, שוין נישט רעדנדיק וועגן דער אוממעגלעכקייט עס צו דערגרייכן. דער אַלגעמיינער אייביקער געזעץ איז אָנגעשריבן אין דער נשמה פון יעדן מענטש".

דאָס איז די פילאָזאָפיע פון קוויעטיזם, פון פאַרגליווע-רונג, דאָס איז ד אָ ס, וואָס אַמאָל וואָלט מען עס געקאָנט אָנ-רופן „אַזיאַטישקייט".

די „אַנטפּלעקונג" פון ל. נ. טאָלסטאָי און זיין אַוועקגאַנג פונם לעבן.

די ציַיטווייליקע היסטאָרישע אויסוועגלאָזיקייט, דער פאַקט פון קלאַסן-אַנטאַגאָניזמען, וועלכע זענען אָבער נאָך נישט רייף אויף זיך צו פאַרוואַנדלען אין אָפענעם, באַוווסטזיניקן קלאַסן-קאַמף, דאָס באַשיינפּערלעכע אָפּשטאַרבן פון דער פעאָ-דאַלער אָרדנונג ביי דעם פעלן פון קלאָרע פּערספּעקטיוון אויף דער צוקונפט, — האָבן געמאַכט טאָלסטאָיען פאַר אַ שונא פון דער ציוויליזאַציע און פאַרן זינגער פון קאָנסערוואַטיוו-מאָטיוון, פון סטיכישקייט און פּרימיטיוקייט. ס'איז דעריבער פאַר-שטענדלעך, אַז אין דער זעלבער מאָס, ווי עס האָבן זיך גע-נומען קלאָר באַשטימען און בולטער אַרויסווייזן די פּאָליטישע און סאָציאַלע כּוחות, וועלכע האָבן פאַרשפּראָכן אַרויסצופירן רוסלאַנד פונם היסטאָרישן בלינדן געסל, זענען די מאָטיוון פון ל. טאָלסטאָיס דיכטערישן שאַפן געוואָרן אַלץ אָרימער. וואָס מער עס האָט זיך דערנעענטערט צו טאָלסטאָיען דער טומל פון דער היסטאָרישער באַוועגונג, מיט וועלכער ער האָט זיך נישט געקאָנט צונויפגיסן, וואָס מער עס האָט גענומען קאָכן אַרום אים דער פּאָליטישער קאַמף, וואָס מער דאָס „געלט", וואָס ער האָט אַזוי פיינט געהאַט, האָט גענומען מאַכן חורבות אין די יסודות פון דער נאַטוראַלער ווירטשאַפט, האָט זיך אַלץ מער פאַרשאַרפט די אינערלעכע דראַמע, וואָס ער האָט דורכגעלעבט, האָט אַלץ מער דער לעבנספרייידיקער טאָלסטאָי זיך דורכגעּ-דרונגען מיט פּעסימיזם. אַזוי-אַרום, איז נאָך ביים סוף 70-ער יאָרן, אין דער תקופה פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און פון פאַרשטאַרקטער פרי-קאַפּיטאַליסטישער אַנזאַמלונג, מיט וועלכער טאָלסטאָי האָט זיך באַקענט, אָנטיילנעמענדיק אין דער פאָלקס-ציילונג, ביי אים רייף געוואָרן דער גייסטיקער קריזיס, וועל-כער האָט פאַרוואַנדלט טאָלסטאָי — דעם דיכטער אין טאָל-סטאָי — דעם מאָראַליסט און רעליגיעזן אַסקעט.

אין די 50-ער און 60-ער יאָרן האָט זיך טאָלסטאָי דער

דיכטער, וועלכער „איז געבוירן געוואָרן פון דער יאַסנאַ-פאָל-יאַנער באַטור לויט ירושה”, געהאַט די פסיכאָלאָגישע מעגלעכ-קייט צו איגנאָרירן די שטאָט מיט אירע לייט, מיט איר בור-זשואַזיע און פראָלעטאַריאַט, מיט איר געלט-ווירטשאַפט, מיט איר ליבעראַליזם און סאָציאַליזם. אָבער אין משך פון דער צייט האָבן זיך דידאָזיקע אים-פרעמדע דערשיינונ-גען אַלץ חוצפּהדיקער און שטאַרקער אַרייגעריסן אין זיין אינערלעכער וועלט, אָנשטעקנדיק אים מיט אַ טיפן פעסימיזם. אין דערזעלבער צייט, ווען ער האָט גערופן צוריק, צום אור-שפּרינגלעכן באַטור-צושטאַנד, צום באַפרייען זיך פון די פענ-טעס פון דער ציוויליזאַציע, האָט דאָס לעבן געשמידט נייע שטאַרקע קייטן פון דער „קנעכטשאַפט פון אונזער צייט”, און פאַר טאָלסטאָיען איז בלויז פאַרבליבן הילפלאָז און האָפנונגסלאָז אויסצורופן צו די מענטשן: „באַטראַכט זיך, ענדערט אייער באַגריף וועגן לעבן!” מיט אומעט און פאַרדרוס האָט ער אָנ-געהויבן רעדן אין זיין בוך „די קנעכטשאַפט פון אונזער צייט” וועגן די „טעאָריעס”, וואָס שטעלן העכער „דאָס לעבן אין שטאָט, צווישן שטיינער און רויכערדיקע קוימענס — איבערן דאָרפישן לעבן אויף דער פריי, צווישן געוויקסן און שטוב-חיות”. ער רעדט מיט פאָרוואורף וועגן דעם, וואָס „די מענטשן פון דער וויסנשאַפט, און נאָך זיי (?) אַלע פאַרמעגלעכע קלאַסן, ווילן מיט אַלע אופנים איינהאַלטן די איצט-עקזיסטירנ-דיקע אַרבעטספאַרטיילונג, וואָס גיט די מעגלעכקייט צו פראָדוצירן יענע גרויסע צאָל זאַכן, מיט וועלכע זיי באַנוצן זיך”. ווען ער רעדט וועגן דעם, מיט וואָס עס האַלט זיך „די קנעכטשאַפט פון אונזער צייט”, צייכנט טאָלסטאָי אָן דריי באַדינגונגען: „די ערשטע צוויי: דער מאַנגל אין ערד און די שטייערן טרייבן דעם מענטש צו קנעכטישע באַדינגונגען; דער דריטער אומשטאַנד איז — די נישט באַפרידיקטע, פאַרגרעסערטע באַ-דערפנישן פאַרנאַרן דעם מענטש אין דידאָזיקע באַדינגונגען און האַלטן אים אין זיי... די אַרבעטער, וועלכע לעבן אין שכנות מיט רייכע מענטשן, באַקומען תמיד נייע באַדערפ-

ניזשן". אָט דערדאָזיקער וווקס פון די באַדערפנישן „שטעלט פון זיך פאָר די שטאַרקסטע, אומפאַרמיידלעכע סיבה פון דער קנעכטשאַפט". אַנטקעגן דערדאָזיקער קנעכטשאַפט זענען די סאָציאַליסטן מאַכטלאָז, ווייל „אָפּשאַפנדיק דאָס אייגנטום אויף ערד און פּראָדוקציע-מיטלען", „מוזן זיי אומבאַדינגט איינפירן אַן ארבעטס-צוואַנג, ד. ה. צוריק אויפשטעלן די קנעכטשאַפט אין איר אור-פאָרם". „שוין איצט, — זאָגט טאָלסטאָי, — קאָן מען זען פּראָגרעסיווע געזעצן, וואָס גרייטן צו אַ נייע, נאָך נישט געפרוווטע פאָרם פון קנעכטשאַפט". די „באַגרעניצונג פון דער אַרבעטס-צייט, פון דער עלטער, פונם געזונט-צושטאַנד, די פאָדערונג פון שול-צוואַנג, דאָס אָפּרעכענען פּראָצענטער פאַר דער פאַרזיכערונג אויף דער עלטער און אויפן פאַל פון אַ קרענק, די מאָס-מיטלען פון דער פאַבריק-אינספּעקציע א. אַ. וו. דער הויפּט-מקור פון דער קנעכטשאַפט איז אין דעם, וואָס עס זענען בכלל פאַראַן געזעצן.

ראַטעווענדיק זיך פון דער אַלטער, דורכגעפוילטער, אַריסטאָקראַטישער ציוויליזאַציע, האָט טאָלסטאָי דער דיכטער זיך נאָך געקאָנט אָנטרויען דעם פרייען, סטיכישן פאָלקס-לעבן מיט אַלע זיינע באַדערפנישן, דאגות און שוועריקייטן, האָט ער נאָך געקאָנט זיך באַגייסטערן מיטן זאָרגלאָזן בריאהדיקן לוקאַשקאַ. כדי צו געפינען אַ תרופה קעגן דער נייער בורזשואַזער ציוויליזאַציע און „אויפקומענדיקער קנעכטשאַפט" פונם סאָציאַליזם, האָט טאָלסטאָי אָנגעהויבן פריידיקן באַשרענקונג פון די באַדערפנישן און דאָס אָפּזאָגן זיך פון אינטענסיווער אַרבעט. „די אַרבעט, — האָט ער געשריבן קעגן זאָליאַ אינם אַרטיקל „גאָרנישט טאָן", — איז נישט בלויז נישט קיין ווילטאַט, נאָר אין אונזער פאַלש-אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט איז זי, אין גרעסטן טייל, אַ גייסטיק פאַרטויבונגס-מיטל, ווי רויכערן אָדער טרינקען, אויף צו באַהאַלטן פון זיך אַליין די נישט-ריכטיקייט און פּעלערהאַפטיקייט פונם לעבן". טאָלסטאָי דערגייט אַזוי-אַרום בהדרגהדיק צום אידעאַל פון כינעזישן פילאָזאָף לאַאָטזע,

וואָס לויט זיין לערע „קאָן טאַאָ (אמתע טוגנט) דערגרייכט ווערן נאָר דורך פּאַסיוויטעט".

לכתחילה, אין אויפבלי־פעריאָד פון זיין קינסטלערישן שאַפן, האָט טאָלסטאָי, זוכנדיק אַ רעטונג פון דער צעבראָכנ־קייט פון די באַוווסטזיניקע ציוויליזירטע מענטשן, געמיינט, אַז דאָס צונויפגיסן זיך מיטן פאָלק, דאָס אויפלעזן זיך אינם שלמותדיקן פאָלקס־לעבן — לעבן פון נאַטור־קינדער, — וואָלט אים געקאָנט געבן גליק. אָבער, וואָס מער די נייע ציוויליזאַציע האָט פאַר זיינע אויגן גענומען אַריינדרינגען אינם פאָלקס־לעבן, פאַרניכטנדיק זיין אוממיטלבאַרקייט, וואָס מער דידאָזיקע ציוויליזאַציע איז אַליין ביסלעכווייז געוואָרן אַ „צווייטע נאַטור" פון פאָלק, האָט ער אָנגעהויבן זיך אָפּזאָגן אויך פון דער נאַטור גופא, ער האָט אָנגעהויבן לייקענען דאָס גליק גופא ווי אַ ציל, און פונם „געצנדינערישן" עוודעמאָניזם (אָנער־קענען גליק אַלס הויפּט־ציל אין לעבן — ד. א.) איז ער דער־גאַנגען צום רעליגיעזן אַסקעטיזם. דער „אויפגעקלערטער" און בעל־תשובהדיקער טאָלסטאָי איז געוואָרן אַ קריסט, כאָטש נישט אין קאָנקרעט־היסטאָרישן זין פונם וואָרט.

בלייבנדיק ווי פריער אַ שונא פון יעטוועדער ציוויליזאַציע, פון יעטוועדער געזעלשאַפט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דער געשיכטע און איז מיט איר פאַרבונדן, האָט טאָלסטאָי, ווערנדיק אַ „קריסט", נאָך אומדערבאַרעמדיקער און אָפענער, ווי פריער, גענומען שמייסן די ציוויליזירטע מלוכה און כלערליי „ציוויליזירטע" פאַרגוואַלטיקער (זיין דערציילונג „ניקאָלאַי פאַלקין" און זיין אַרטיקל „איך קאָן נישט שווייגן"). נישט ווייניקער אכזריותדיקער שמייסט ער די אָפיציעלע קירך מיט אירע דאָגמעס. „ווו איז די אָפּשטאַמונג פון דער קירך? — פרעגט ער אינם אַרטיקל „קירך און מלוכה" און ענטפערט: „איינער פון די יורשים פון די רוצחישע אַטאַמאַנען, קאָנסטאַנטין, האָט זיך אָנגעלייענט מיט ביכער און זיך איבערגעזעטיקט מיטן געשלעכט־לעבן, האָט ער אָנגעהויבן האַלטן פון געוויסע דאָגמעס פונם קריסטנטום מער ווי פון פריערדיקע גלויבונגען —

אָנשטאָט ברענגען מענטשלעכע קרבנות איז אים מער געפעלן געוואָרן די מעסע, אָנשטאָט צו דינען די געטער אַפּאָלאָן, ווענוס און דעאוס איז אים געפעלן געוואָרן אַן איינציקער גאָט מיט קריסטוסן דעם זון — און ער האָט געהייסן איינפירן דידאָזיקע רעליגיע". און וואָס פאַראַ ווערט האָבן דידאָזיקע דאָגמעס? „אויף וועלכער דאָגמע דו זאָלסט נישט אַ קוק טאָן, באַטש די באַלד פון אָנהייב — די דאָגמע וועגן דער געטלעכקייט פון קריסטוסן, ביז דער סעודה מיט ווייַן אָדער אָן ווייַן, זענען זייערע פרוכטן... פאַרביטערונג, שנאה, טויט-שטראָפן, גירושים, געשלעגן א. ד. ג."

לעוו טאָלסטאָי וואַרפט-אָפּ די היסטאָרישע קירכע און אירע דאָגמעס, אָבער ער נעמט-אָן דעם מהות פון דער קריסטלעכער לערע, וואָס דריקט זיך פולשטענדיק אויס, ווי ער זאָגט, אין דער באַרג-דרשה, וועלכע אַלע באַמיען זיך, אין משך פון 15 יאָרהונדערטן צו באַהאַלטן און איבערדרייען. „דידאָזיקע אַנטפּלעקונג, — זאָגט טאָלסטאָי, — דידאָזיקע קריסטלעכע, אַזוי וועלטלעכע אָדער געטלעכע לעבנס-אויפפאַסונג איז געקומען אָנשטאָט צוויי פריערדיקע לעבנס-אויפפאַסונגען: די ערשטע-פּערזענלעכע אָדער חיהשע און די צווייטע — געזעלשאַפטלעכע אָדער געצנדינערישע (זעא „קירך און מלוכה", „וועגן רעליגיעס", „גאָטס קעניגרייך אין אונז גופא").

וואָס-זשע איז דער תוך פון דערדאָזיקער „געטלעכער לעבנס-אויפפאַסונג"? „דאָס לעבן באַקומט אַ פאַרשטענדלעכן זין נאָר דאַן, — זאָגט טאָלסטאָי, — ווען דער מענטש פאַרשטייט, אַז האַלטן דאָס אייגענע לעבן פאַר אַן אייגנס, אַז האַלטן פאַר אַ ציל עולם-הזהדיקע צופרידנהייט פאַר זיך אָדער פאַר אַנדערע מענטשן — איז אַ פאַרבלענדעניש, און אַז דאָס מענטשלעכע לעבן געהער נישט צום מענטש, וועלכער האָט עס באַקומען פון עמיצן, נאָר עס געהער צו דעם, וואָס האָט דאָסדאָזיקע לעבן באַשאַפן. און דעריבער דאַרף אויך דער ציל פון לעבן באַשטיין נישט אין דערגרייכן פאַרגעניגן פאַר זיך אָדער פאַר אַנדערע מענטשן, נאָר אין מקיים זיין דעם ווילן פון י ע נ ע ם,

וועלכער האָט עס באַשאַפן". „די געזעלשאַפטלעכע לעבנס-אויפ־פאַסונג, — זאָגט ער אין אַן אַנדער אָרט, — האָט מיטן נאַטיר־לעכן וועג פון ליבע צו זיך, דערנאָך צו דער פאַמיליע, צום שטאַם, צום פאָלק, צו דער מלוכה... דערפירט די מענטשן צו אָנערקענען די נויטווענדיקייט פון ליב-האָבן די מענטשהייט... ד. ה., זי האָט זיי דערפירט צו אַ סתירה, ווייל „מיר קענען נישט די מענטשהייט, אַלס אַן אויסערלעכן אָביעקט". אַרויסגייענדיק פון דעמדאָזיקן עגאָאיסטישן גליק-זוכן, שאַפט די געזעלשאַפט־לעכע לעבנס-אויפפאַסונג „געבאָטן, וואָס פאַרפליכטן פּאָזיטיוו צו געוויסע טאָטן". דאַקעגן, די קריסטלעכע לעבנס אויפפאַסונג גיט „נעגאַטיווע געבאָטן" — די פינף געבאָטן פון דער באַרג-דרשה זענען אַלע נעגאַטיווע.

אַזוי איז טאָלסטאָי דער דיכטער, וועלכער האָט אַמאָל מקנא געווען דעם „אוממיטלבאַרן עגאָאיזם" פון זיין ברודער, וועלכער האָט דערנאָך עקשנותדיק געפרוווט זיך צונויפגיסן מיטן „זאָאָלאָגישן", פרימיטיוון לעבן פון די אומבאַוווסטזיניקע פאָלקס-מאַסן, געקומען אין דריטן פעריאָד פון זיין לעבן צום רעליגיעזן אַסקעטיזם און צום אָפּזאָגן זיך פון רעכט אויף גליק.

פון דערדאָזיקער אַסקעטישער מאָראַל, טאָלסטאָיס, איז לאָגיש אַרויסגעדרונגען זיין באַרימטער כלל „נישט אַנטקעגנ־שטעלן זיך דעם שלעכטס". „מיר קאָנען נישט, — זאָגט ער, — קעמפן מיט גוואַלט מיטלען קעגן אַ מערדער, וואָס גייט דערמאָרדן אַ קינד, ווייל מיר ווייסן נישט דעם פאַרהעלטניסמעסיקן ווערט פונם לעבן פון דידאָזיקע צוויי ווערזנס; מיר אויף דער ערד זענען נאָר „אַרבעטער" און מ'האָט אונז נישט צוויסן געגעבן דעם „פּלאַן", לויט וועלכן מיר אַרבעטן, דעמדאָזיקן פּלאַן ווייס נאָר דער „באַלעבאָס", וועלכער האָט אונז געגעבן דאָס לעבן". אויף וואָס-זשע פאַרא אופן וועט פאַרשווינדן דאָס שלעכטס פון דער ערד? „עס וועט פאַרשווינדן, ווייל... די ערגסטע מענטשן, וועלכע געפינען זיך ביי דער מאַכט, ווערנדיק וואָס אַמאָל אַלץ ווייניקער שלעכט, וועלן ווערן אַזוי גוט, אַז זיי וועלן שוין

מער נישט זיין מסוגל צו באַגיין גוואַלטטאַטן". "קאַרל דער פינפטער, יאָהאַן דער פערטער, און אַלעקסאַנדער דער ערש־טער, — זאָגט ער, — אַז זיי האָבן דערקענט די גאַנצע גיש־טיקייט און דאָס גאַנצע בייז פון דער מאַכט, האָבן זיי זיך פון איר אָפּגעזאָגט, ווייל זיי האָבן געזען שוין דאָס גאַנצע שלעכטס אירס און זיי זענען שוין מער נישט געווען בכוח צו באַנוצן זיך מיט גוואַלטטאַט, ווי זיי פלעגן עס פריער טאָן". מערקווירדיק זענען דאָ די משלים פון איוואַן דעם גרויזאַמען, וועלכער האָט זיך, ווי באַקאַנט, אָפּגעזאָגט פון דער מאַכט ערב די גרויזאַמסטע טעראָר-אַקטן, און פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן, צו וועלכן די "אַנטפּלעקונג" איז געקומען, ווי באַוווסט, אין פּעריאָד פון דער אַראַקטשעיעוו־הערשאַפט!

צו אַזעלכע אויספירן איז דערגאַנגען טאָלסטאָי דער מאָ־ראַליסט, דערזעלבער טאָלסטאָי, וועלכער האָט ביים שפּיץ פון זיין קינסטלערישן רום באַזונגען די העלדישקייט פון דעם רוסישן פאָלק און האָט געזאָגט: "געבענטשט זאָל זיין דאָס פאָלק, וואָס וועט אין אַ מאָמענט פון נסיון אויפהייבן די ערשטע בעסטע בולאַווע און וועט מיט איר שלאָגן אַזוי לאַנג, ביז דאָס געפיל פון באַליידיקונג און נקמה וועט זיך ביי אים נישט פאַרבייטן מיט אַ געפיל פון פאַראַכטונג און רחמנות".

פּאַראַלעל און אין ענגן צוזאַמענהאַנג מיט דעם, ווי טאָלסטאָי דער דיכטער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין טאָלסטאָי דעם מאָראַליסט און "מורה דרך", זענען אַלץ אָרימער געוואָרן די מאָטיוון פון זיין קינסטלערישן שאַפן.

די "סעבאַסטאָפּאָלער סקיצן" און "מלחמה און שלום" — זענען עפּאָפּעעס פונם לעבן פון פאָלק. זייער העלד איז דאָס פאָלק. אין "אַננאַ קאַרענינאַ" איז דאָס פאָלק נישטאָ. דער ציל פון דעם ראָמאַן — איז די לעזונג פון דער אינדיווידועלער פּראָבלעם פון ליבע. אָבער, אויב דאָ איז נישטאָ דער קאַמף פאַר דער זעלבסט-דערהאַלטונג פון פאָלק, איז נאָך דאָ פאַראַן לפּחות די פּראָבלעם פון זעלבסט-דערהאַלטונג פונם מין, און די פּראָבלעם ווערט געלעזט פּאָזיטיוו. אין "קרייצער סאָנאַטאָ"

מאַכט טאָלסטאָי נאָך אַ טריט צוריק און ער גייט אינגאַנצן אַוועק פון דער וועלט. „די דערגרייכונג פונם ציל, דאָס באַהעפטן זיך דורך חתונה אָדער אָן חתונה מיטן געליבטן אָביעקט, — זאָגט ער אינם נאָכוואָרט צו „קרייצער „סאָנאַטאָ", — איז, ווי מ'זאָל עס נישט פאָעטיזירן, אַ ציל, וואָס איז נישט ווירדיק פאַר דעם מענטש". דאָ לייקנט ער שוין דאָס רעכט אויף אויפהאַלטן דעם מין — דאָס רעכט אויף לעבן!

וואָס קאָן אונז געבן טאָלסטאָי?

אין טאָלסטאָיס קינסטלערישע ווערק זעגצן פאַראַן אַ סך „קריטישע עלעמענטן, וועלכע זענען אַ ווערטפולער מאַטעריאַל פאַר דער אויפקלערונג פון די פראָגרעסיווע קלאַסן" (לענין). אין וואָס באַשטייט דערדאָזיקער „ווערטפולער מאַטעריאַל"? טאָלסטאָי האָט אונז געגעבן אַ סך קלאָרע בילדער, וועלכע דעקן-אויף די מיאוסע זייטן פון דער פעאָדאַלער און פון דער בורזשואַזער „ציוויליזאַציע", וועלכע באַווייזן די נישטיקייט און פוסטקייט פונם לעבן פון דער העכערער אַריסטאָקראַטיע און ביוראָקראַטיע, ער האָט אונז געגעבן אַ בולטע דעמאַסקירונג פון דער אָפיציעלער קירך און פון אירע דאָגמעס. טאָלסטאָי האָט אונז געגעבן אומפאַרגלייכלעכע, לויט זייער קינסטלערישן ווערט, שילדערונגען פון אינדיווידועלער און מאַסן-פּסיכאָלאָגיע. טאָלסטאָי האָט אונז געגעבן זעלטענע אין זייער רעאַליזם און וואָרהאַפטיקייט און דורכגעדרונגענע מיט ליבע שילדערונגען פונם לעבן און שטייגער פון די פויערן און פון דער סאָלדאַטישער מאַסע פון דער פ אַ ר - רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע. און אין טאָלסטאָיס קינסטלערישע ווערק האָבן זיך, ווי אין אַ שפּיגל, אָפּגעשפּיגלט די סתירות פון דער פאַר-רעוואָלוציאָנערער איבערגאַנגס-עפּאָכע.

אָבער, גלייכצייטיק דערמיט, געפינען מיר אין טאָלסטאָיס שאַפן אַ ריי טיף-רעאַקציאָנערע שטריכן. די קריטיק פון דער פעאָדאַלער ציוויליזאַציע ווערט ביי אים פאַרוואַנדלט אין

אַ קריטיק פון ציוויליזאַציע בכלל, אין אַ פאַרלייקענונג פון היסטאָרישן פראָגרעס. די קריטיק פון דער אָפיציעלער קירך איז ביי אים פאַרבונדן מיט דער פריידיקונג פון אַ ראַציאָנאַ-ליזירטער, און דריבער אַ פיינערער און שעדלעכערער רעלי-גיעזער לערע. מיט זיין קעגנשטעלן דעם שטייגער און די לעבנס-בליקן פון דעם אַדל און פון דעם פויערטום האָט ער נישט אַרויסגעוויזן זייער קלאַסן-אַנטאַגאָניזם, די סתירות פון זייערע קלאַסן-אינטערעסן; דידאָזיקע קעגנשטעלונג האָט נאָר אַרויסגע-בראַכט די סתירות צווישן דעם צעבראָכענעם לעבן פון דער „ציוויליזירטער געזעלשאַפט” און דעם נאַטור-נאָענטן לעבן פונם אַרבעטנדיקן פויערטום. אַנטשפּרעכנדיק צו דעם, מיט דער ווייטערער פאַרניכטונג פון דער נאַטוראַלער ווירטשאַפט, מיט דער פאַרשאַרפונג פון די קלאַסן-קעגנזאַצן און מיט דער אַנט-וויקלונג פונם קלאַסן-קאַמף, הייבט-אָן לעוו טאָלסטאָי — דער זינגער פון דער פאָלק-סטיכיע, — צו שלעפּן דאָס לעבן צוריק, ער גייט אַליין אַוועק פון לעבן, ער הייבט-אָן פריידיקן דאָס נישט אַנטקעגנשטעלן זיך דעם שלעכטס, זעלבסטבאַשרענקונג אין די באַדערפנישן און רעליגיעזן אַסקעטיזם. וואָס מער די טעטיקייט פון יענע געזעלשאַפטלעכע כוחות, וועלכע בילדן דאָס נייע רוסלאַנד, האָט אָנגענומען אַ באַשטימטן כאַראַקטער, האָבן זיך אַלץ מער אַרויסגעוויזן די נעגאַטיווע שטריכן פונם טאָלסטאָי-איזם, און ער איז געוואָרן אַלץ מער רעאַקציאָנער.

הייַנטיקע צייטן וועלן טאָלסטאָיס ווערק ברענגען אַ גרויסן נוצן, ווען דער לעזער וועט פאַרשטיין און באַגרייפן, אַז לעוו טאָלסטאָי איז איצט בלויז אַ בולטער דענקמאָל פון היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט.

אי״ד. יוגנט קולט. צענטער
—: GALARZA :—
E. RIOS
* CENTRO JUV. CULT. ISRAELITA *